STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05551

GEZAMELTE DRAMEN

Henrik Ibsen

Permanent preservation of this book was made possible
by Susan & Marc Platt
in honor of
Reta & Frank Gold of Orillia, Ontario Canada

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הענריק איבסען

געזאַמעלטע דראַמען

ראָזמערסהאָלם
די פרוי פון ים

פערלאַג: מייזעל עט קאָ.
422 Grand Street, New York
1910

COPYRIGHT 1910
MAISEL & COMPANY
NEW YORK

ראזמערסהאָלם

איבערזעצט פון א. גאָלדווין.

פערזאָנען:

יאָהאנעס ראָזמער, אייגענטימער פון ראָזמערסהאָלם, געוועזענער גייסטליכער.

רעבעקא וועסט, פיהרט יאָהאַנעס ראָזמער'ס הויז.

רעקטאָר קראָלל, ראָזמער'ס שוואָגער.

אולריק ברענדעל.

פעטער מאָרטענסגארד.

פרוי העלזעט, עקאָנאָמקע אין ראָזמערסהאָלם.

די האַנדלונג קומט פאָר אין ראָזמערסהאָלם, א גוט נאָהענט פון א קליינער פיאָרד־שטאָדט אין די וועסט פון נאָרוועגיען.

ערשטער אקט.

א גערוימיג, בעקוועמעס צימער אין ראַזמערסהאָלם, מיט אלטמאָדישער אויסשטאַטונג.

רעכטס, פון פאָרענט ביי דער וואַנד, אַן אויוועז, אויף וועלכען עס שטעהען ווילדע בלומען און צווייגלעך פון בערעזיווע ביימער. ווייטער פון הינטען אַ טיר. אין דער הינטערשטער וואַנד אַ פליגעל־טיר וואָס פיהרט אין פאָדער־צימער. אין דער לינקער וואַנד אַ פענסטער, אויף וועלכען עס שטעהען אַ סך בלומען־טעפּ, נאָהענט צום אויוועז אַ טיש מיט אַ סאָפאַ און פאָטעלען. אויף די ווענד אַרום און אַרום נייע און אַלטע בילדער פון פרעדיגער, אָפיציערען און בעאַמטע אין זייערע מונדירען. דאָס פענסטער איז אָפען, ווי אויך די טיר, וואָס פיהרט אין פאָדער־צימער און די טיר פון פאָדער־צימער צום גאַס. עס זעהט זיך אַן אַלעע מיט גרויסע, אַלטע ביימער, וואָס פיהרט צום הויז. א זומער־אבענד, נאָך זונען־אונטערגאַנג.

ר ע ב ע ק א   ו ו ע ס ט זיצט אין א לעהנשטוהל ביים פענסטער און שטריקט אַ גרויסען, ווייסען, וואָלענעם טוך, וועלכער איז שוין כמעט פארטיג. פון צייט צו צייט קוקט זי, ווי וואַרטענדיג אויף אימיצען, דורך די בלומענטעפּ ארויס צום פענסטער. באַלד קומט אריין פ ר ו י   ה ע ל ז ע ט פון דער רעכטער זייט.

פ ר ו י   ה ע ל ז ע ט : איך מיין עס איז שוין דאכט זיך צייט גרייטען צום טיש, א יאָ, פריילין?

ר ע ב ע ק א   ו ו ע ס ט : יאָ, טוט עס טאקע. דער פּאַסטאָר דאַרף שוין באַלד קומען.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט : פיהלט איהר ניט א צוג־ווינד דא וואו איהר זיצט, פריילין?

ר ע ב ע ק א : יא, דא איז א ביסעל א צוג. אפשר וואלט איהר צומאכען דאס פענסטער.

(פרוי העלזעט פערמאכט די טיר פון פאדערצימער, דאן געהט זי צום פענסטער.)

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט (קוקט ארויס, וויל צומאכען דאס פענ־סטער) : זעהט, געהט דאס ניט דער הערר פאסטאר, דארט איבער׳ן וועג?

ר ע ב ע ק א : (שנעל) וואו? (שטעהט אויף) יא, דאס איז ער. (הינטער די פארהאנגען) שטעלט זיך אן א זייט — זאל ער אונז ניט זעהן.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט (אברוקענדיג זיך פון פענסטער) : בע־טראכט נור, פריילין, ער האט שוין ווידער אנגעהויבען צו געהן מיט׳ן וועג וואס פערביי דעם מיהל.

ר ע ב ע ק א : ער איז פארגעסטערן אויך געגאנגען אויף יענעם וועג. (קוקט ארויס צווישען פארהאנג און פענסטער) איצט נאר לאמער זעהן צי —

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט : — ער וועט וואגען געהן איבער דעם בריקעל?

ר ע ב ע ק א : דאס איז טאקע וואס איך וויל זעהן. (נאך א קורצער פויזע) ניין, ער קעהרט זיך אום. ער געהט ווידער אויבען ארום. (געהט אוועק פון פענסטער). וויפיעל וועג ער לעגט אן!

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט : יא, דו ליעבער גאט. קיין חדוש ניט וואס דער הערר פאסטאר וויל ניט געהן איבער יענעם בריקעל. א פלאץ, וואו עס האט פאסירט אזא זאך, איז —

ר ע ב ע ק א (צוזאמענלעגענדיג איהר ארבייט) : דא אין ראזמערסהאלם געדענקט מען זעהר לאנג די טויטע.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט : און איך, פריילין, וואלט גיכער געזאגט, אז די טויטע געדענקען זעהר לאנג ראזמערסהאלם.

רעבעקא (קוקט אויף איהר): די טויטע?

פרוי העלזעט: יא, עס זעהט אויס, אז זיי קענען זיך ניט איינגאַנצען אוועקרייסען פון די, וועמען זיי האָבען דאָ איבערגעלאָזען.

רעבעקא: ווי אזוי איז דאָס אייך איינגעפאַלען?

פרוי העלזעט: ווען ניט דאָס, מיין איך, וואָלט קיין ווייסער פערד ניט געווען.

רעבעקא: אָבער, מיין ליעבע פרוי העלזעט, וואָס איז עס פאר אַ געשיכטע מיט'ן ווייסען פערד?

פרוי העלזעט: אָה, איך האָב ניט ליעב צו רעדען וועגען דעם. און אויסער דעם גלויבט איהר דאָך ניט אין אזוינע זאכען.

רעבעקא: גלויבט איהר אין דעם?

פרוי העלזעט (פערמאַכט דאָס פענסטער): אָה, פריילין, איהר וועט נור לאַכען פון מיר. (אַרויסקוקענדיג דורכ'ן פענסטער) זעהט נור! געהט ניט דער הערר פּאסטאָר ווידער ארונטער מיט'ן וועג וואָס ביים מיהל?

רעבעקא (אַרויסקוקענדיג): יענער מאַן דאָרט? (קומט צו צום פענסטער) ניין, דאָס איז דער רעקטאָר.

פרוי העלזעט: יא, דאָס איז ער טאקע.

רעבעקא: נו, דאָס איז פיין! אָט וועט איהר זעהן, אז ער קומט אהער.

פרוי העלזעט: יא, ער געהט גלייך איבער'ן בריקעל! און זי איז דאָך געווען זיין לייבליכע שוועסטער! נו, איצט וועל איך שוין געהן גרייטען צום טיש, פריילין וועסט. (אָב רעכטס).

(רעבעקאַ שטעהט אַ ווייל ביים פענסטער. זי גריסט אימיצען און פערנייגט זיך, לאַכענדיג. עס פאַנגט אָן צו ווערען פינסטער.)

רעבעקא (געהט צו דער טיר רעכטס): ליעבע פרוי העלזעט, זעהט עס זאָל זיין עפּעס אַן עקסטראַ געריכט צום אבענדברויט. איהר ווייסט דאָך וואָס דער רעקטאָר האָט ליעב.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט (פון יענער זייט טיר) : געווים, פריילין, איך וועל דאָס שוין בעזאָרגען.

ר ע ב ע ק א (עפענט די טיר צום פאָדערצימער) : ענדליך — אך, ווי עס פרעהט מיך אייך צו זעהן, מיין ליעבער רעקטאָר!

ר ע ק ט אָ ר ק ר א ל ל (אין פאָרדערצימער, אַוועקשטעלענדיג דעם שטעקען) : איך דאנק אייך! שטער איך אייך, הייסט עס, ניט?

ר ע ב ע ק א : א י ה ר? ווי קענט איהר דאָס זאָגען?

ק ר אָ ל ל (קומט אַריין אין צימער) : ליעבענסווירדיג ווי אימער. (קוקט זיך אַרום) איז ראָזמער אויבען ביי זיך אין צימער?

ר ע ב ע ק א : ניין, ער איז געגאנגען שפּאַציערען. ער האָט זיך פערזאמט אביסעל לענגער ווי געוועהנליך, אָבער ער מוז שוין באלד קומען. (ווייזט אויף דער סאָפא) ווילט איהר ניט זיצען א ווײַלע ביז ער קומט?

ק ר אָ ל ל (אַוועקלעגענדיג דעם הוט) : איך דאנק! (זעצט זיך און קוקט ארום דאָס צימער) : ווי שעהן און בעקוועם איהר האָט געמאכט דאָס אלטע צימער. איבעראל בלומען!

ר ע ב ע ק א : ראָזמער האָט אזוי ליעב עס זאָלען אומעדום זיין פרישע בלומען.

ק ר אָ ל ל : און איהר אויך וואהרשיינליך, ניט וואהר?

ר ע ב ע ק א : יא, זייער זיסער אראָמאט ווירקט אויף מיר בערוהיגענד. פריהער, ווי איהר ווייסט, האָבען מיר זיך געמוזט ענטזאגען פון דעם פערגעניגען.

ק ר אָ ל ל (שאָקעלט טרויעריג מיט'ן קאָפּ) : די ארעמע בעאטע האָט ניט געקענט פערליידען דעם גערוך פון בלומען.

ר ע ב ע ק א : און אויך ניט די פארבען. זיי פלעגען איהר געבען א קאָפּ־שווינדעל.

ק ר אָ ל ל : איך געדענק, איך געדענק. (אין אַ לייכטערן טאָן) נו, וואָס הערט זיך עפּעס דאָ?

ר ע ב ע ק א : אָה, דאָ געהט זיך אלעס אין א געוועהנליכען,

שטילען גאנג; איין טאָג איז פונקט ווי דער אנדערער — און ווי געהט עס ביי אייך? וואָס מאכט אייער פרוי?

ק ר אָ ל ל : אך, מיין פריילין ווערסט, לאָמיר ניט רעדען וועגען מיינע עסקים. אין א פאמיליע איז אימער דאָ עפּעס, וואָס געהט ניט, ווי עס דארף צו זיין; בפרט נאָך היינטיגע צייטען.

ר ע ב ע ק א (נאָך אָ קורצער פויזע זעצט זיך אין אָ לעהנשטוהל נעבען דער סאָפא) : ווי קומט עס וואָס איהר זייט קיינמאָל ניט געווען ביי אונז אין דער גאנצער צייט פון די פייערטעג?

ק ר אָ ל ל : אָה, מען קען דאָך ניט שטענדיג בעלעסטיגען מענשען. —

ר ע ב ע ק א : ווען איהר וואָלט געוואוסט, ווי איהר האָט אונז געפעהלט —

ק ר אָ ל ל : אויסער דעם בין איך געווען אוועקגעפאָהרען.

ר ע ב ע ק א : יא, אויף אָ פּאָר וואָכען. מיר האָבען געהערט וועגען אייך. אויף פּאָליטישע פערזאמלונגען?

ק ר אָ ל ל (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) : יא, וואָס זאָגט איהר דערצו? האָט איהר ווען עס איז געדענקט, אז איך וועל אויף דער עלטער ווערען א פּאָליטישער אגיטאטאָר?

ר ע ב ע ק א (שמייכעלט) : נו, איהר זייט אימער געווען א שטיקעל אגיטאטאָר, רעקטאָר קראָלל.

ק ר אָ ל ל : יא, אזוי זיך, פאר מיין פערזענליכען פערגע־ניגען. אָבער איצט, קען איך אייך זאָגען, איז דאָס שוין מעהר קיין שפּאס ניט. — איהר לעזט א מאָל די ראדיקאלע צייטונגען?

ר ע ב ע ק א : נו יא, ליעבער רעקטאָר; איך וועל ניט לייקענען, אז —

ק ר א ל ל : מיין ליעבע פריילין ווערסט, איך האָב גאָרניט דאגעגען דעם — גאָר נישט, וואָס אנבעטרעפט אייך.

ר ע ב ע ק א : געוויס ניט. עס ווילט זיך דאָך וויסען וואָס עס קומט פאָר. עס ווילט זיך מיטגעהן מיט דער צייט —

ק ר אָ ל ל : און עס פערשטעהט זיך, אז מיר וואָלט קיינמאָל ניט איינגעפאלען צו ערוואַרטען אז איהר, אלס פרוי, זאָלט זיך

טהעטיג איינשטעלען פאר דער אָדער יענער פּארטיי אין אַט דעם בירגערליכען קאמפף — איך וואָלט כמעט געקענט זאָגען אין אַט דעם בירגער־קריעג, — וואָס בושוועט איצט ביי אונז. אָבער, איהר האָט דאָך וואהרשיינליך געלעזען ווי די דאָזיגע הערהען פון „פאָלק" האָבען מיך בעהאנדעלט? וועלכע פרעכהייטען זיי האָבען זיך ערלויבט אין בעצוג צו מיר?

רעבעקא: יא, אָבער מיר דאכט, אז איהר האָט זיי גע־צאָהלט מיט דער זעלבער מטבעה.

קראָלל: יא, אָבגעצאָהלט האָב איך, כאָטש איך אליין זאָג עס. זיי האָבען מיר געגעבען צו שמעקען פּולווער, און זיי וועלען באלד אויסגעפינען, צו זייער בעדויערען, אז איך בין ניט דער מענש וואָס שטעלט אונטער די אנדער באק — (רייסט איבער דעם געשפּרעך) אָבער הערט, הערט—לאָמיר היינט אָוועקנעמן פערפיהרען קיין שמועס וועגען דעם — עס איז צו טרויעריג און פער־דראָסיג.

רעבעקא: נו, יאָ, לאָמיר עס לאָזען.

קראָלל: איצט זאָגט מיר נור, ווי לעבט זיך אייך דאָ אין ראָזמערסהאָלם, זינט איהר זייט געבליבען אליין? זינט אונזער ארעמע בעאטע —

רעבעקא: א דאנק; מיר לעבט זיך גאנץ גוט. פער־שטעהט זיך, אז אין פיעלע הינזיכטען פיהלט זיך א שרעקליכע פוסטקייט — א גרויסער שמערץ און א בענקעניש. אָבער זאָנסט —

קראָלל: דענקט איהר דאָ צו פערבלייבען? — איך מיין אויף שטענדיג?

רעבעקא: אך, ליעבער רעקטאָר, אייגענטליך האָב איך וועגען דעם אין גאנצען ניט געטראכט. איך האָב זיך שוין אזוי צוגעוואָהנט דאָ אין הויז, אז איך פיהל זיך ווי אן אייגענער מענש.

קראָלל: וואָס הייסט? אודאי זייט איהר דאָ אן אייגע־נער מענש.

רעבעקא: און אזוי לאנג ווי הערר ראָזמער וועט דענ־

קען, אז איך קען איהם זיין נוצליך — וועל איך וואהרשיינליך דאָ פערבלייבען.

ק ר אָ ל ל (קוקט אויף איהר געריהרט) : איהר ווייסט, עס איז ווירקליך זעהר שעהן פון א פרוי צו אָפּפערען איהר גאנצע יוגענד פאר אנדערע, ווי איהר האָט עס געטאָן.

ר ע ב ע ק א : וואָס דען האָב איך געקענט טהאָן מיט מיין לעבען?

ק ר אָ ל ל : ערשטענס, אייער אונערמיעדליכע איבערגע־בענהייט צו אייער פאראליזירטען און קאפריזנעם שטיף־פאָטער —

ר ע ב ע ק א : דענקט ניט, אז דאָקטאָר וועסט איז געוועזן אזא לאסט, בעת מיר האָבען געוואוינט אין פינמארקען. דאָס האָבען איהם די דאָרטיגע שרעקליכע שיף־רייזען אזוי קראנק גע־מאכט. אָבער נאָכדעם ווי מיר זיינען אהער געקומען — נו יא, די לעצטע צוויי יאָהר פאר'ן טויט זיינען געווים געוועזן גאנץ שווערע.

ק ר אָ ל ל : און די יאָהרען נאָכדעם — זיינען זיי דען ניט געוועזן נאָך שווערער?

ר ע ב ע ק א : אָה, ווי קענט איהר דאָס זאָגען? איך האָב דאָך אזוי הערצליך ליעב געהאט בעאטען. — און ווען זי, נעבעך, האָט זיך אזוי שטארק גענויטיגט אין אויפפאסונג און גוטער בע־נעהמונג —

ק ר אָ ל ל : ווי שעהן דאָס איז פון אייער זייט, צו דענקען וועגען איהר אזוי ליעבליך!

ר ע ב ע ק א (רוקט זיך צו נעהענטער) : ליעבער רעקטאָר, איהר זאָגט דאָס מיט אזא אָפענהערציגען טאָן, אז איך קען מיר ניט פאָרשטעלען הינטער דעם זאָל זיין פערבאָרגען עפּעס אן אונ־פריינדליכער געפיהל.

ק ר א ל ל : אן אונפריינדליכער געפיהל? — וואָס הייסט?

ר ע ב ע ק א : נו, עס וואָלט ניט מעהר געוועזן ווי נאטירליך, ווען אייך וואָלט ווערה געטאָן צוזועהן, ווי א פרעמדע פיהרט די ווירטהשאפט דאָ אין ראָזמערסהאָלם.

ק ר אָ ל ל : אָבער, אום גאָטעס ווילען — !

ר ע ב ע ק א: איהר פיהלט אָבער ניט אזוי? (נעהמט אָן זיין האַנד): דאנק איך, ליעבער רעקטאָר, פיעל, פיעל מאָל.

ק ר אָ ל ל: ווי אזוי האָט איך גאָר געקענט קומען אזא געדאנק אין קאָפּ אריין?

ר ע ב ע ק א: איך האָב אָנגעהויבען אביסעל מורא צו האָבען, ווען איהר האָט אויפגעהערט אונז צו בעזוכען.

ק ר אָ ל ל: אויב אזוי, זיינט איהר געגאנגען אויף א גאנץ פאַלשען סליאד, פרייליין וועסט. און אויסער דעם, איז דאָך דאָ קיין וויכטיגע ענדערונג סיי ווי סיי ניט פאָרגעקומען. אפילו בעת די אָרעמע בעאטע האָט נאָך געלעבט — איהרע לעצטע אונגליקליכע יאָהרען — האָט איהר דאָך אויך אלעס אליין געפיהרט.

ר ע ב ע ק א: דאן איז דאָס נור געווען א מין הערשאפט אין בעאטע'ס נאָמען.

ק ר אָ ל ל: ווי די זאַך זאָל ניט זיין, — ווייסט איהר, פרייליין וועסט — פון מיין זייט וואָלט איך גאָרנישט געהאט דאגעגען, ווען איהר — אָבער איך שטעל מיר פאָר אז איך דארף וועגען אזעלכע זאכען ניט רעדען.

ר ע ב ע ק א: וועגען וואָס דארפט איהר ניט רעדען?

ק ר אָ ל ל: ווען עס זאָל זיך אזוי מאכען, אז איהר זאָלט פערנעהמען דעם לעדיגען אָרט —

ר ע ב ע ק א: איך פערנעהם דעם אָרט, וועלכען איך וויל האָבען, הערר רעקטאָר.

ק ר אָ ל ל: פאקטיש, יא; אָבער ניט אין —

ר ע ב ע ק א (שלאָגט איהם איבער, מיט אַן ערנסטער מינע) שעמען מעגט איהר זיך, הערר קראָלל! ווי קענט איהר שפּאס טרייבען וועגען אזעלכע זאכען!

ק ר אָ ל ל: פּטור נו, אונזער גוטער יאָהאנעס ראָזמער דענקט אודאי, אז איהם האָט שוין גענוג געקלעקט צו זיין פערהייראטעט. אָבער פון דעסטוועגען —

ר ע ב ע ק א: איהר רעדט שוין ווירקליך גאָר אויסען וועג, הערר רעקטאָר.

ק ר אָ ל ל : דאָך — זאָגט מיר נור, פריילין וועסט, — אויב עס איז ערלויבט צו פרעגען, — ווי פיעל, אייגענטליך, זייט איהר אַלט?

ר ע ב ע ק א : עס טוט מיר לייד, אָבער איך מוז זאָגען, העררר רעקטאָר, אז מיר איז שויד געווארען ניין און צוואנציג. מיר געהט דער דרייסיגסטער.

ק ר אָ ל ל : אזוי—אזוי. און ראָזמער — ווי פיעל איז ער אַלט? אַט וועלען מיר זעהן: ער איז מיט פינף יאָהר יונגער פון מיר. איז ער, הייסט עס, אַלט גוטע דריי און פיערציג יאָהר. מיר דאכט, דאָס וואָלט זיך זעהר גוט געפּאסט.

ר ע ב ע ק א (שטעהט אויף) : געוויס, געוויס; עס וואָלט זיך זעהר געפּאסט. — ווערט איהר פערבלייבען ביי אונז אויף אבענדברויט?

ק ר אָ ל ל : איך דאנק; איך האָב גערעכענט בלייבען, איך האָב עטוואָס צו בעשפּרעכען מיט אונזער גוטען פריינד. — און איך מיין, פריילין וועסט, אז אויב איהר וועט זיך ווידער אריינ־נעהמען אזוינע מאָדנע געדאנקען אין קאָפּ, וועל איך מוזען אָפטער ארויסקומען אהער — ווי אין די אמאָליגע צייטען.

ר ע ב ע ק א : יא, יא, איך בעט אייך! (דריקט איהם די הענד) איך דאנק אייך! ווי ליעבליך און גוט איהר זייט!

ק ר אָ ל ל (בייזליך) : בין איך? נו, אין דער היים הער איך עס ניט.

(יאָהאַנעס ראָזמער קומט אַריין דורך די טיר רעכטס).

ר ע ב ע ק א : העררר ראָזמער, איהר זעהט, ווער עס איז דאָ?

ר אָ ז מ ע ר : פרוי העלזעט האָט מיר שוין געזאָגט.

(קראָלל שטעהט אויף.)

ר אָ ז מ ע ר (זאָגט שטיל און מילד, דריקענדיג זיינע הענד) : עס פרעהט מיך זעהר דיך ווידער דאָ צו זעהן, ליעבער קראָלל. (לעגט די האַנד אויף זיין שולטער און קוקט איהם אין די אויגען) מיין טייערער, אלטער פריינד! איך האָב געוואוסט, אז פריהער אָדער שפּעטער וועלען אונזערע בעציהונגען צוריק גוט ווערען.

קראַלל: אָבער, גוטער מענש, — ביסט דו דען אויך געווען אזוי נאַריש זיך איינצובילדען, אז עפּעס איז פאַרגעקומען?

רעבעקא (צו ראַזמערען): יא, דענקט נור, עס איז נאָך אַלעם נור געווען אַן איינבילדונג!

ראַזמער: איז עס ווירקליך אזוי, קראַלל? פאר וואָסזשע האָסט דו אונז גאַר אין גאַנצען פערלאָזען?

קראַלל (שטיל און ערנסט): ווייל מיין אנוועזענהייט וואָלט דיך אימער געוועזען דערמאָנט דיינע אונגליקליכע יאָהרען — און אַן דעם לעבען, וואָס האָט זיך געענדיגט אין מיהל־טייך.

ראַזמער: דער געדאנק איז געווען א גוטער, — דו בערעכענסט דאָך אימער דעם צווייטען. נור דערפאר זיך דערוויטערען איז ניט געווען נויטיג. — קום, לאָמיר זיך זעצען אויף דער סאָפא. (זיי זעצען זיך) ניין, כ'לעבען. מיר איז גאַר ניט שווער צו דענקען וועגען בעאטען. מיר רעדען וועגען איהר יעדען טאָג. אונז דאכט זיך כמעט, אז זי איז נאָך אַלץ דאָ מיט אונז.

קראַלל: ווירקליך?

רעבעקא (צינדט אַן דעם לאָמפּ): יא, אונז דאכט זיך ווירקליך אזוי.

ראַזמער: דאָס איז גאַנץ נאַטירליך. מיר זיינען ביידע געווען אזוי צוגעבונדען צו איהר. און אי רעבעק — אי פריילין וועסט, אי איך ווייסען אז מיר האָבען פאר איהר געטהאָן אַלעס, וואָס איז נור געווען מעגליך. מיר קענען זיך אַליין קיין פאָרווירפע ניט מאַכען. — דעריבער פיהל איך נור אַ רוהיגע צערטליכקייט, ווען איך דענק וועגען בעאטע'ן.

קראַלל: איהר ליעבע, גוטע מענשען! פון איצט אָן וועל איך אָנפאַנגען קומען צו אייך יעדען טאָג.

רעבעקא (זעצט זיך אין לעהנ־שטוהל): געדענקט, איהר וועט מוזען האַלטען וואָרט.

ראַזמער (עטוואָס אונזיכער): ליעבער קראַלל, איך וואָלט זעהר געוואָלט אז אונזערע בעציהונגען זאָלען קיין מאָל זיך ניט געווען ענדערען. פון זינט מיר קענען זיך, איז ווי בעשערט

געוועןָ, דו זאָלסט אימער זיין מיין בעל יועץ — נאָך פון דער צייט ווען איך בין געווען א סטודענט.

ק ר אָ ל ל : יאָ, און איך בין אימער געווען שטאָלץ מיט מיין אמט. — אָבער גיבט עס דען איצט עטוואָס בעזאָנדערעס?

ר אָ ז מ ע ר : עס זיינען דאָ איינינע זאכען, וועלכע איך וואָלט זעהר שטארק וועלען מיט דיר איבעררעדען, פריי — גאנץ אָפענהערציג.

ר ע ב ע ק א : אך יא, הערר ראָזמער. דאָס מוז זיין א גרויסע טרייסט — צווישען אַלטע פריינד —

ק ר אָ ל ל : אָה, איך קען דיר זאָגען, אז איך האָב נאָך מעהר וועגען וואָס צו רעדען מיט דיר. איך רעכען, אז דו ווייסט אז איך בין איצט געוואָרען א פּאָליטישער טהוער?

ר אָ ז מ ע ר : יאָ. ווי אזוי האָט עס פּאסירט?

ק ר אָ ל ל : איך האָב דאָס געמוזט ווערען ניט ווילענדיג. עס איז געוואָרען אונמעגליך צו שטעהן אזוי און צוקוקען און גאָרנישט ניט טהאָן. איצט, ווען די ראדיקאלען האָבען, ליידער, געקראָגען די מאכט — איז געקומען די צייט צו טהאָן עפּעס. דעריבער האָב איך געזעהן אז דער קליינער קרייז פון אונזערע פריינד אין שטאָדט זאָל זיך ענגער צוזאמענשליסען. איך זאָג דיר, עס איז שוין לאנג צייט!

ר ע ב ע ק א (מיט א לייכטען שמייכעל) : דענקט איהר ניט אז עס איז שוין עטוואָס צו שפּעט?

ק ר אָ ל ל : עס איז קיין צווייפעל ניט, אז עס וואָלט געווען פיעל בעסער, ווען מיר וואָלטען געווען אָבגעשטעלט דעם שטראָם מיט א צייט צוריק. נור ווער האָט געקענט פאָראויסזעהן, וואָס עס וועט פּאסירען? יעדענפאלס ניט איך. (שטעהט אויף און שפּרייזט ארום איבער'ן צימער). אבער איצט האָב איך ווירקליך געעפענט די אויגען; ווייל דער רעבעלירענדער גייסט האָט שוין דורכגעדרונגען אפילו אין דער שולע.

ר אָ ז מ ע ר : אין דער שולע? אָבער, געוויס ניט אין ד י י ן שולע?

קראָלל: אָט דאָס איז עס טאקע — אין מיין אייגענער שולע. ווי געפעלט עס דיר? איך האָב ענטדעקט אז די אינגלעך פון העכערען קלאַס — דאָס הייסט א טהייל פון די אינגלעך — האָבען שוין אריבער א האלב יאָהר א געהיימען פעראיין און דאָרט לעזען זיי מאַרטענסגארד'ס צייטונג!

רעבעקא: דעם „לייכט-טורעם" ?

קראָלל: יא. געזונדע שפּייז פאר'ן גייסט פון צוקינפ־טיגע רעגירונגס-בעאַמטע, וואָס, ניט? דאָס טרויעריגסטע איז וואָס דעם בונט און די פערשווערונג געגען מיר האָבען געמאכט די פעהיגסטע אינגלעך פון קלאַס. און אַן א זייט שטעהען נור די גולם'ס, וואָס שטעהען די נידעריגסטע אין קלאַס.

רעבעקא: און איהר נעהמט זיך דאָס אזוי צום הארצען, רעקטאָר?

קראָלל: צי נעהם איך זיך דאָס צום הארצען! ווען מען שטעלט זיך מיר אנקעגען און מען צערשטערט די ארבייט פון מיין גאנצען לעבען! (שטילער) נור איך וואָלט כמעט געקענט זאָ־גען אז מיך אַרט שוין ניט אזוי ווענען דער שולע—דען עס איז נאָך דאָ עפּעס ערגערעס הינטער דעם. (קוקט זיך אָרום) דאָ קען אונז קיינער ניט הערען?

רעבעקא: אָה ניין, פערשטעהט זיך, אז ניט.

קראָלל: אלזאָ, מוז איך אייך זאָגען, אז די מחלוקות און דער בונט האָבען זיך פערקליבען צו מיר אין הויז, — אין מיין אייגענער, רוהיגער היים. זיי האָבען צושטערט דעם פריעדען פון מיין פאמיליען-לעבען.

ראָזמער (שטעהט אויף): וואָס! ביי דיר אין הויז — ?

רעבעקא (געהט צו צום רעקטאָר): אָבער, ליעבער רעק־טאָר, וואָס איז דען פאָרגעקומען?

קראָלל: וואָלט איהר גלויבען, אז מיינע אייגענע קינ־דער — קורץ — לאָוריץ איז אליין דער אָנפיהרער פון דעם בונט אין שולע; און הילדא האָט אויסגעשטיקט א רויטען בייטעל צו האלטען אין איהם דעם „לייכט-טורעם".

ר אָ ז מ ע ר : איך וואָלט זיכער קיינמאָל זיך ניט פאָרגע־שטעלט, אז ביי דיר אין הויז —

ק ר אָ ל ל : ניין, און ווער וואָלט זיך דאָס יאָ געקענט פאָר־שטעלען? ביי מיר אין הויז, די ריכטיגע היים פון געהאָרכזאמקייט און אָרדנונג — וואו עס האָט אַלע מאָל געהערשט איין ווילען, און נישט מעהר ווי איין ווילען. —

ר ע ב ע ק א : ווי קוקט אייער פרוי דערויף?

ק ר אָ ל ל : אַך, דאָס איז דאָס אונגליקליכסטע פון אַלעם. מיין פרוי, וועלכע האָט איהר גאַנצען לעבען, סיי אין גרויסע זא־כען, סיי אין קליינינקייטען, געטהיילט מיינע מיינונגען און איינ־געשטימט מיט מיינע אנשויאונגען — איז זי איצט ווירקליך אין פיעלע הינזיכטען געניינט זיך צו שטעלען אויף די קינדער׳ס זייט. און זי בעשולדיגט מיך אין דעם, וואָס האָט פאסירט. זי זאָגט, אז איך אונטערדריק די קינדער. אזוי ווי דאָס וואָלט ניט נויטיג געוועזען. — נו, ווי איהר זעהט, איז קיין שלום ניטאָ ביי מיר אין הויז. נור, עס פערשטעהט זיך, איך רייד וועגען דעם אזוי ווייניג ווי מעגליך. וועגען אזעלכע זאכען איז דאָס בעסטע צו פערשווייגען. (געהט אַרום איבער׳ן צימער) אַך, יאָ, יאָ. (שטעלט זיך ביים פענסטער, די הענד פערלעגט אויף הינטען, און קוקט אַרויס).

ר ע ב ע ק א (געהט צו צו ראָזמערען און זאָגט שנעל און שטיל, אזוי אז דער רעקטאָר זאָל ניט דערהערען) : טהו דאָס איצטער!

ר אָ ז מ ע ר (אויך שטיל) : ניין, ניט היינט.

ר ע ב ע ק א (ווי פריהער) : יאָ, גראד היינט! (זי געהט צו צום טיש און מאַכט צו רעכט דעם לאָמפ.)

ק ר אָ ל ל (קומט אַנטקעגען) : אָ, מיין ליעבער ראָזמער, איצט ווייסטו שוין, ווי דער גייסט פון היינטיגער צייט האָט מיט זיין שאָטען פערשטעלט מיין פאמיליען לעבען און ווי אויך מיין עפענטליכען לעבען. זאָל איך דען ניט בעקעמפפען אָט דעם שרעק־ליכען און פערדערבליכען אנארכיסטישען גייסט מיט אַלע מעגליכע וואפען וועלכע שטעהען מיר צום האנד? קעמפפען אנטקעגען דעם

וועל איך — דערין קענסטו מיר געטרויען — מיט וואָרט און מיט שריפט.

ר אָ ז מ ע ר : האָסט דו וועלכע עס איז האָפנונג אָבצור־שטעלען דעם שטראָם אויף אזא אופן?

ק ר אָ ל ל : יעדענפאלס וועל איך ערפילען מיין בירגערליכע פליכט צו מיין פאָטערלאַנד. און איך האלט אז עס איז די פליכט פון יעדען רעכט־דענקענדען מענשען, וועלכער האָט עטוואָס פאט־ריאָטיזם אין זיך, צו טהאָן דאָס זעלבע. אין פאקט — דאָס איז די הויפּט־אורזאך פאר וואָס איך בין היינט געקומען צו דיר.

ר אָ ז מ ע ר : אָבער, מיין ליעבער קראָלל, וואָס מיינסט דו דערמיט? וואָס קען איך — ?

ק ר אָ ל ל : דו קענסט העלפען דיינע אלטע פריינד. טהו ווי מיר טהוען, לעג צו דיין האנד אויף וויפיעל דו קענסט.

ר ע ב ע ק א : אָבער רעקטאָר קראָלל, איהר ווייסט דאך ווי אונאנגענעהם עס איז פאר הערן ראָזמער זיך צו מישען אין עפענטליכען לעבען.

ק ר אָ ל ל : ער מוז בייקומען די אונבעקוועמליכקייט. — דו פאָלגסט ניט גענוג נאָך די פאסירונגען, ראָזמער. איך בין ווייט ניט דער מענש צו רעדען מיט פעראכטונג וועגען פאָרשונגען איבער פאמיליען־אָבשטאַמונג און דערגלייכען; אָבער ליידער איז איצט ניט די צייט פאר אזעלכע געשמאק־בעשעפטיגונגען. דו קענסט דיר ניט פאָרשטעלען, וואָס עס טהוט זיך ביי אונז אין לאַנד. עס איז קוים געבליבען איין איינציגער אָנגענומענער געדאנק, וואָס איז ניט איבערגעקעהרט געוואָרען מיט'ן קאָפּ אראָב. עס וועט זיין א ריעזען־ארבייט וויעדער ארויסצורייסען אלע טעות'ן מיט'ן וואָרצעל.

ר אָ ז מ ע ר : איך צווייפעל ניט אין דעם. איך בין אָבער ניט דער מענש זיך אונטערצונעהמען אזא אויפגאבע.

ר ע ב ע ק א : און אויסערדעם, דוכט מיר, אז הערר ראָזמער האָט אָנגעהויבען קוקען מיט א ברייטערען בליק אויפ'ן לעבען, איי־דער פריהער.

קראָלל (פערוואונדערט): א ברייטערען בליק?

רעבעקקא: יא, אָדער א פרייערען בליק, אויב איהר ווילט — ניט אזוי איינזייטיג.

קראָלל: וואָס זאָל דאָס בעדייטען, ראָזמער? דו ביזט דאָך זיכער ניט אזוי שוואך צו ווערען בעאיינפלוסט פון דעם צופאַל, וואָס די פיהרער פון די מאסען האָבען געוואונען א צייטווייליגען זיעג?

ראָזמער: מיין ליעבער קראָלל, דו ווייסט דאָך ווי וועניג איך פערשטעה אין פּאָליטיק־זאכען. איך מוז אָבער מודה זיין, אז מיר שיינט דאָס אין די לעצטע עטליכע יאָהרען האָבען מענשען אָנגעהויבען ארויסצוצייגען מעהר זעלבשטענדיגקייט אין דענקען.

קראָלל: ווירקליך! און דו נעהמסט עס אָן פאר זיכער, אז דאָס מוז זיין א מעלה! אָבער יעדענפאלס האָסטו א גרויסען טעות, מיין פריינד. הער זיך נור צו צו די מיינונגען, וואָס געהען ארום ביי די ראדיקאלען, ווי דאָ אין דאָרף אזוי אויך אין שטאָדט. זיי זיינען ניט מעהר און ניט וועניגער ווי די חכמות, וועלכע ווערען געשריבען אין „לייכט־טורעם“.

רעבעקקא: יא, מאָרטענסגארד האָט א גרויסען איינ־פלוס אויף פיעל מענשען דאָ ארום.

קראָלל: יא, בעטראכט נור! א מענש מיט אזא שמוּ־ציגער פערגאנגענהייט — א מענש, וועלכען מען האָט ענטזאגט פון זיין שטעלע אלס לעהרער צוליעב זיין אונזיטליכער אויפפיה־רונג! און אזא חברה־מאן נעהמט זיך שפּיעלען א ראָלע פון א פאָלקס־פיהרער! און עס געהט איהם אויך! ער האָט ווירקליך אָן ערפאָלג! איך הער, אז ער וויל פערגרעסערען זיין צייטונג. איך ווייס פון א זיכערער קוועלע, אז ער זוכט א פעהיגען מיט־ארבייטער.

רעבעקקא: מיך וואונדערט, ווארום איהר מיט אייערע פריינד שטעלען ניט ארויס אן אָפּאָזיציע אנטקעגען איהם.

קראָלל: טאקע דאָס ווילען מיר איצט טהאָן; מיר האָבען היינט אָבגעקויפט די „אמטסצייטונג“. וועגען געלד איז קיין

מניעה ניט, אָבער — (ווענדעט זיך צו ראָזמערען) איצט קום איך צום אמת'ען ציעל פון מיין בעזוך. די גאנצע שווערקייט איז אין דער לייטונג פון דער צייטונג — אין דער רעדאקציאָן. — זאָג מיר, ראָזמער, האלסט דו עס ניט פאר דיין פליכט, צו נעהמען עס אויף זיך — אוים מיטגעפיהל צו דער זאך?

ראָזמער (כמעט דערשראָקען): איך!

רעבעקא: אָה, ווי קענט איהר גאָר דענקען וועגען אזא זאך?

קראָלל: איך קען גאנץ גוט פערשטעהן דיין שרעק פאר די עפענטליכע פערזאמלונגען, און דיין ווידערווילען ארויסצושטעלען זיך אלס א ציעל־ברעט פאר זייערע פיילען. אָבער א רעדאקטאָר'ס ארבייט איז א מעהר צוריק־געצויגענע, אָדער, בעסער געזאָגט —

ראָזמער: ניין, ניין, ליעבער פריינד, פערלאַנג דאָס גאָרניט פון מיר.

קראָלל: איך וואָלט גאנץ צופרידען געווען אליין פרובירען מיינע קרעפטען אויך אין דער ריכטונג, נור איך וויים, אז דאָס וועט זיך מיר בשום אופן ניט איינגעבען. איך האָב שוין אזוי אויך ארבייט איבער'ן קאָפּ. — אָבער דו, אָהן א פּראָפעסיאָן וועלכע האלט דיך צוגעבונדען — עס פערשטעהט זיך, מיר אלע וואָלטען דיר געהאָלפען וויפיעל מיר וואָלטען געקענט.

ראָזמער: איך קען ניט, קראָלל. איך טויג ניט דערצו.

קראָלל: דו טויגסט ניט? דאָס זעלבע האָסט דו געזאָגט, ווען דיין פאָטער האָט פאר דיר געקראָגען די אמט דאָ אין קירך —

ראָזמער: און איך בין טאקע געווען גערעכט. דערפאר האָב איך עס אויפגעגעבען.

קראָלל: אָה, זיי נור אזוי געשיקט אלס רעדאקטאָר, ווי דו ביסט געווען אלס פּרעדיגער, וועלען מיר שוין זיין צופריעדען.

ראָזמער: מיין ליעבער קראָלל, איך מוז דיר זאָגען איין מאָל פאר אלע מאָל, דאָס איך קען עס ניט טהאָן.

קראָלל: נו, טו גיב אונז צום וועניגסטען דיין נאָמען.

ראָזמער: מיין נאָמען?

קראָלל: יא, בלויז דער נאָמען פון יאָהאנעס ראָזמער וועט זיין א גרויסער געווינס פאר דער צייטונג. אונז אלעמען האלט מען פאר שטרענג־פּאַרטייאישע מענשען — מיך, הער איך, רופט מען זאָגאר אָן געפעהרליכער פאנאטיקער — דעריבער קענען מיר ניט ערוואַרטען, אז די צייטונג זאָל אונטער אונזער אייגענעם נאָמען האָבען אן ערפאָלג ביי די פערפיהרטע מאסען. דו, דאַ־געגען, האָסט זיך אימער געהאלטען ווייט פון קאמפף. יעדען איז בעוואוסט דיין מילדער, אָפענהערציגער כאראקטער, — דיין פיינער ארט דענקען, דיין פאָלקאָמענע עהרליכקייט; און דאן האָסט דו נאָך אלץ דעם פּרעסטיזש פון א געוועזענעם גייסטליכען; און, ענדליך, דער בעריהמטער נאָמען פון דיין פאמיליע!

ראָזמער: אָה, מיין נאָמען —

קראָלל (ציינט אויף די בילדער): די ראָזמערס פון ראָז־מערהאָלם — גייסטליכע, מיליטער־פיהרער, הויכגעשטעלטע רע־גיערונגס־בעאמטע. אלע, אָהן אויסנאהמע, עהרענמענער, — א משפּחה, וועלכע איז שוין באלד פאר צוויי הונדערט יאָהר איינע פון די גרעסטע מיוחסים אין אונזער געגענד. (לעגט איהם די האַנד אויף'ן שולטער) ראָזמער, דו ביסט פערפליכטעט צו זיך אליין און צו די טראדיציעס פון דיין שטאם אנטהייל צו נעהמען אין דער ארבייט פון בעשיצען דאָס, וואָס איז ביז איצט פערהייליגט געוואָ־רען אין אונזער געזעלשאפט. (קעהרט זיך אום) וואָס זאָגט איהר, פריילין וועסט?

רעבעקא (לאַכט שטיל, ווי צו זיך אַליין): מיין ליעבער רעקטאָר, איך קען אייך ניט זאָגען ווי לעכערליך די גאנצע זאך קומט ביי מיר אויס.

קראָלל: וואָס זאָגט איהר? לעכערליך?

רעבעקא: יא, לעכערליך. דען איהר מוזט מיר ערלוי־בען אייך צו דערצעהלען אָפענהערציג —

ר אָ ז מ ע ר (שנעל): ניין, ניין, זיי שטיל! נאָך ניט איצטער!

ק ר אָ ל ל (קוקט דאָס אויף איהר, דאָס אויף איהם): אָבער, אום גאָטעס ווילען, ליעבע פריינד! — (רייסט איבער) הם! —

(פרוי העלזועט קומט אריין פון דער טיר רעכטס).

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: אין קיך־ארייגאנג איז געקומען א מאן, וועלכער זאָגט אז ער וויל זעהן דעם הערר פאסטאָר.

ר אָ ז מ ע ר: (ערלייכטערט) נו, גוט. בעט איהם אריין אהער.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: אהער אין גאסט־צימער?

ר אָ ז מ ע ר: יא, געוויס.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: ער זעהט אָבער ניט אויס אזוי, אז מען זאָל איהם קענען אריינלאָזען אין גאסט־צימער.

ר ע ב ע ק א: ווי זעהט ער דען אויס, פרוי העלזועט?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: אָה, עס איז ניט פיעל וואָס אָנצו־זעהן אויף איהם, פריילין.

ר אָ ז מ ע ר: האָט ער ניט געזאָגט ווי מען רופט איהם?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: יא, ער האָט, דאכט זיך, געזאָגט, אז ער הייסט העקמאן אָדער עפּעס אזא מין נאָמען.

ר אָ ז מ ע ר: דער נאָמען איז מיר ניט בעקאנט.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: נאָכדעם האָט ער געזאָגט, אז מען רופט איהם אולדריק אויך.

ר אָ ז מ ע ר (פערוואונדערט): אולריק־העטמאן! אזוי האָט ער געזאָגט?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: יא, יא, ער האָט געזאָגט העטמאן.

ק ר אָ ל ל: דעם נאָמען האָב איך שוין זיכער געהערט —

ר ע ב ע ק א: האָט ניט אונטער דעם נאָמען געוועהנליך געשריבען — דער דאָזיגער מאָדנער מענש —

ר אָ ז מ ע ר (צו קראָלל'ען): דאָס איז אולריק ברענדעלס פסעוודאָנים.

קראלל: דער אויסוואורף אולריק ברענדעל — גאנץ ריכטיג.

רעבעקא: הייסט עס, אז ער לעבט נאָך.

ראָזמער: איך האָב געהערט, אז ער פאָהרט ארום מיט א חברה ארומרייזענדע אקטיאָרען.

קראָלל: דאָס לעצטע מאָל, ווען איך האָב וועגען איהם געהערט, איז ער געוועזן אין א פערבעסערונגס־אנשטאלט.

ראָזמער: בעט איהם אריין אהער, פרוי העלזעט.

פרוי העלזעט: אָה, גוט. (געהט אוועק).

קראָלל: ווילסטוווירקליך אריינלאָזען אזא מענשען צו דיר אין הויז?

ראָזמער: דו ווייסט דאָך, אז ער איז אמאָל געוועזן מיין לעהרער.

קראָלל: יא, איך וויים, אז ער פלעגט דאָ קומען און דיר אריינקלאפען אין קאָפּ אריין אלערליי רעוואָלוציאָנערע געדאנקען און אז דיין פאָטער האָט איהם ענדליך מיט א בייטש ארויסגעיאָגט פון הויז.

ראָזמער (עטוואָס ביטער): מיין פאָטער איז געוועזן א שטרענגער דיסציפלינאריסט ביי זיך אין דער היים, אזוי גוט ווי אין זיין רעגימענט.

קראָלל: דו מעגסט איהם אין זיין קבר דערפאר דאנק־באר זיין, ליעבער ראָזמער! — יא!

(פרוי העלזעט עפענט די טיר רעכטס און לאָזט אריין אולריק ברענדעל, געהט אוועק און פערמאַכט די טיר הינטער זיך. ער איז א שעהנער מאַן מיט גרויע האָאר און באָרד, איז אָבגעצערט אָבער ריהרעדיג און לעבהאפט. אָנגעטהאָן איז ער ווי א ריכטיגער שלעפּער. אַ אָבגעטראָגענער סורדוט, צוקרימטע שיך, קיין העמד זעהט מען ניט. אויף די הענד אַלטע שוואַרצע האַנדשוה; אונטער'ן אָרעם א צוקנייטש־טער, ווייכער, שמוציגער הוט; אין האַנד אַ שפּאַציער־שטעקעל.)

ברענדעל (קוקט פריהער אונבעשלאָסען, נאָכדעם געהט ער

שנעל צו צום רעקטאָר און גיט איהם די האַנד) : אַ גוטען אָוועגד, יאָהאנעס!

קראָלל: ענטשולדיגט —

ברענדעל: האָסטו ערוואַרטעט מיך נאָך אַ מאָל צו זעהען? און דערצו נאָך אין אָט דעם פערהאסטען מויער?

קראָלל: ענטשולדיגט — (צייגט) אָט דאָרט —

ברענדעל (קעהרט זיך אום): ריכטיג. אָט איז ער. יאָהאנעס — מיין יונג — דו, מיין ליעבסטער פון אלע! —

ראָזמער (גיט איהם די האַנד): מיין אלטער לעהרער!

ברענדעל: ניט קוקענדיג אויף געוויסע שמערצליכע ערינערונגען, האָב איך דאָך ניט געוואָלט פארבייגעהן ראָזמערס־האָלם און ניט מאכען דיר אַ קורצען וויזיט.

ראָזמער: איהר זייט דאָ הערצליך ווילקאָמען. איהר מעגט זיין זיכער דעריין.

ברענדעל: אה, דיעזע רייצענדע דאמע — ? (פאַר־נייגט זיך) פרוי ראָזמער, נאטירליך?

ראָזמער: פריילין וועסט.

ברענדעל: וואהרשיינליך אַ נאָהענטע קרובה? און דער אונבעקאנטער הערר? — אַ קאָלעגע, ווי איך זעה.

ראָזמער: רעקטאָר קראָלל.

ברענדעל: קראָלל? קראָלל? ווארט נור! — זייט איהר ניט געוועזן אַ סטודענט פון פילאָלאָגיע אין אייערע יונגע יאָהרען?

קראָלל: יא, גאנץ געוויס בין איך געוועזן.

ברענדעל: דאָנער וועטער! האָב איך דאָך דיך געקענט!

קראָלל: ענטשולדיגט —

ברענדעל: ביסט דו ניט געוועזן —

קראָלל: ענטשולדיגט —

ברענדעל: איינער פון יענע גוטע און פרומע לייט, וועלכע האָבען מיך ארויסגעשטויסען פון דעם דיסקוסיאָנס־פער־איין?

ק ר אָ ל ל : זעהר מעגליך. אָבער איך ענטזאג זיך פון יעדער נעהענטערער בעקאנטשאפט.

ב ר ע נ ד ע ל : גוט, גוט! נאָך בעליעבען, הערר דאָקטאָר! מיר איז דאָס אלץ איינס. אולריק ברענדעל בלייבט דער זעלבער, טראָץ אלעם.

ר ע ב ע ק א : איהר זייט אויף אייער וועג אין שטאָדט אריין, הערר ברענדעל?

ב ר ע נ ד ע ל : די גנעדיגע דאמע האָט געטראָפען. אין געוויסע צייטען בין איך געצוואונגען דעם קאמפף אום'ס דא־זיין צו קעמפפען. איך טהו דאָס ניט גערן; אָבער — בקיצור — די צווינגענדע נויטווענדיגקייט —

ר אָ ז מ ע ר : אָבער, ליעבער הערר ברענדעל, וועט איהר מיר ניט ערלויבען אייך מיט עטוואָס צו העלפען? אויף אירגענד וועלכען שטייגער מיין איך —

ב ר ע נ ד ע ל : אָה! אזא פאָרשלאג צו מיר! ווילסט דו דען צושטערען דעם באנד, וועלכער בינדט אונז צוזאמען? קיין מאָל ניט, יאָהאנעס, קיין מאָל ניט!

ר אָ ז מ ע ר : וואָס דענקט איהר דען צו טהאָן אין שטאָדט? גלויבט מיר, עס וועט אייך ניט לייכט זיין —

ב ר ע נ ד ע ל : לאָז דאָס צו מיר, מיין יונג. דער גורל איז געוואָרפען. אזוי ווי איך שטעה דאָ פאר דיר, קלייב איך זיך אין א וייטען וועג — א ברייטערער ווי אלע מיינע פריהעריגע שטרייט־ציגע צוזאמענגענומען. (צום רעקטאָר) מעג איך דעם הערר פּראָפעסאָר פרעגען — צווישען אונז רעדענדיג — צי איז פאראן אין אייער געאכטעטער שטאָדט א גראמער, איינינגער־מאסען אנשטענדיגער און בעקוועמער פערזאמלונגס־לאָקאל?

ק ר אָ ל ל : דער זאל פון דעם ארבייטער־פעראיין איז דער גרעסטער.

ב ר ע נ ד ע ל : און האָט דער הערר דאצענט אירגענד וועל־כען אָפיציעלען איינפלוס אין דיעזען, אָהן צווייפעל, ניצליכען פעראיין?

ק ר אָ ל ל : איך האָב מיט איהם גאָרניט צו טהאָן.

ר ע ב ע ק א (צו ברענדלען) : איהר דארפט זיך ווענדען צו פעטער מאָרטענסגארד.

ב ר ע נ ד ע ל : פארדאָן, מאדאם — וואָס איז דאָס פאר אַן אידיאָט?

ר אָ ז מ ע ר : ווארום דענקט איהר גראד, אז ער איז אַן אידיאָט?

ב ר ע נ ד ע ל : הער איך דען ניט גלייך נאָכ'ן נאָמען, אז ער איז פלעבעיער?

ק ר אָ ל ל : דעם ענטפער האָב איך ניט ערוואַרטעט.

ב ר ע נ ד ע ל : אָבער איך וועל זיך בעהערשען. ניטאָ קיין אנדער ברירה. ווען איינער שטעהט — אזוי ווי איך — אויפ'ן ווענדע־פונקט פון זיין קאריערע. — עס איז בעשלאָסען, איך וועל אריינגעהן אין פערבינדונגען מיט יענעם חברה־מאַן — איך וועל מיט איהם פיהרען דירעקטע אונטערהאנדלונגען —

ר אָ ז מ ע ר : שטעהט איהר ווירקליך און אין ערנסט אויף אַ ווענדע־פונקט?

ב ר ע נ ד ע ל : וויים דען ניט מיין טייערער יונג, אז וואו אולריק ברענדעל זאָל ניט שטעהן, שטעהט ער ערנסט? — יא, יאָהאנעס, איצט וועל איך אויף זיך אָנטהאָן גאָר אַ נייעם מענשען — איך וועל אראָבווארפען די צוריקגעצויגענע אָבגעשלאָסענקייט, אין וועלכער איך בין ביז איצט געווען.

ר אָ ז מ ע ר : ווי אזוי? —

ב ר ע נ ד ע ל : איך האָב בדעה אָנצונעהמען דאָס לעבען ביד חזקה. איך וויל ארויסטרעטען, זיך ארויסצייגען. מיר לעבען אין אַ שטורעמדיגער צייט — איך וויל אויך מיין חלק ארויפלעגען אויף דעם מזבח פון פרייהייט.

ק ר אָ ל ל : א י ה ר אויך?...

ב ר ע נ ד ע ל (צו אַלע) : איז די ווערטהע געזעלשאפט וויפיעל עס איז בעקאנט מיט מיינע געדרוקטע שריפטען?

ק ר אָ ל ל : ניין, איך מוז זיך מודה זיין, אז —

ר ע ב ע ק א: איך האָב געלעזען אייניגע. מיין ערציהער האָט זיי געהאט אין זיין ביבליאָטעק.

ב ר ע נ ד ע ל: שעהנע דאמע, דאן האָט איהר אומזיסט פערלאָרען צייט. דען איך מוז אייך זאָגען אז עס איז הוילע פלוי־דעריי.

ר ע ב ע ק א: אזוי גאָר?

ב ר ע נ ד ע ל: דאָס וואָס איהר האָט געלעזען, יא. די יעניגע פון מיינע ווערקע, וועלכע האָבען עפּעס א ווערטה קען קיין מאן און קיין פרוי נים. קיינער ניט, אויסער מיר.

ר ע ב ע ק א: ווי קומט עס?

ב ר ע נ ד ע ל: ווייל זיי זיינען נים געשריבען.

ר אָ ז מ ע ר: אָבער, ליעבער הערר ברענדעל —

ב ר ע נ ד ע ל: דו ווייסט דאָך, מיין יאָהאנעס, אז איך בין א שטיקעל סיבאריט, א פיינשמעקער. איך בין דאָס געווען מיין גאנץ לעבען. איך האָב ליעב הנאה צו האָבען איינער אליין. דען דאמאלסט האָב איך צוויי מאָל — צעהן מאָל אזוי פיעל הנאה. אלזאָ, פערשטעהסט, ווען גאָלדענע חלומות האָבען זיך אראָבגעלאָזט און מיך איינגעוויקעלט אין זייער נעבעל, — ווען נייע, שווינדלענ־דיגע, מעכטיגע געדאנקען זיינען אין מיר געבוירען געווארען, און האָבען מיך ארומגענומען מיט זייערע בעגייסטערענדע פליגלען, — האָב איך זיי פערקערפּערט אין פּאָעמען, נביאות און בילדער, — אין גראָבע שטריכען, אזוי צו זאָגען, פערשטעהסט דו מיך.

ר אָ ז מ ע ר: יא, יא.

ב ר ע נ ד ע ל: אָה, וועלכע פערגעניגענס, וועלכע נע־רוישונגען איך האָב דאן גענאָסען! דאָס געהיימניספאָלע גליק פון שאפען — אין גראָבע שטריכען, ווי געזאָגט — בייפאל, דאנק־בארקייט, רוהם, לאָרבער־קראנצען, — דאָס אלעס האָב איך צו־נויפגענומען מיט פולע הענד, וועלכע האָבען געציטערט פאר פרייד. איך האָב זיך אָנגעזעטיגט אין מיינע געהיימע פאָרשטעלונגען מיט אזא בעגייסטערונג — אָה! אזוי שטארק! אזוי בערוישענד!

ק ר אָ ל ל: הם —

ר אָ ז מ ע ר: און איהר האָט גאָרניט אָנגעשריבען?

ב ר ע נ ד ע ל: קיין איין וואָרט ניט. אָט די זעעלענלאָזע בעשעפטיגונג פון דעם סקריבלער האָט מיך אימער געעקעלט. און צו וואָס האָב איך דען געדארפט פראָפאנירען מיינע אייגענע אי־דעאלען, אז איך האָב זיי געקענט געניסען אין זייער גאנצער ריינ־קייט איינער אליין? איצט אָבער וועל איך זיי ברייננען פאר א קרבן. גלויב מיר, איך פיהל, ווי א מוטער, ווען זי גיט איבער איהרע יונגע טעכטער אין די אָרעמס פון זייערע חתנים. דאָך אָבער וועל איך זיי אלץ איינס אָפּפערען אויף דעם מזבח פון פריי־הייט. א רייהע פון גוט אויסגעארבייטע פאָרטרעגע, איבער'ן גאנ־צען לאנד —

ר ע ב ע ק א (לעבהאַפט): דאָס איז זעהר נאָבעל פון אייך, הערר ברענדעל! איהר גיט אָב דאָס טהייערסטע, וואָס איהר פערמאָגט.

ר אָ ז מ ע ר: דאָס איינציגע.

ר ע ב ע ק א (קוקט פיעל־בעדייטענד אויף ראָזמערען): ווי פיעל זיינען פאראן וואָס טהוען אזוי פיעל — וואָס ו ו א ג ע ן אזוי פיעל צו טהאָן?

ר אָ ז מ ע ר (ענטפערט אויף איהר בליק): ווער ווייס?

ב ר ע נ ד ע ל: מיינע צוהערער זיינען געריהרט. דאָס דערפרעהט מיין הארץ און שטארקט מיין ווילען. אלזאָ, איצט נעהם איך זיך פאר מיין ארבייט. דאָך — נאָך א י י ן זאך. (צום רעקטאָר) קענט איהר מיר ניט זאָגען, הערר פרעצעפּטאָר, — איז פאראן ביי אייך אין שטאָדט א טעמפּערענץ געזעלשאפט? א גע־זעלשאפט פאר אבסאָלוטער טעמפּערענץ? נאטירליך, איז עס פאראן?

ק ר אָ ל ל: יא, צום דיענען, עס איז פאראן און איך בין דער פּאָרזיצענדער.

ב ר ע נ ד ע ל: איך האָב עס געזעהן אויף אייער פנים! נו, עס איז גאָרניט אונמעגליך אז איך זאָל אריינקומען צו אייך און זיך פערשרייבען פאר א מיטגליעד אויף א וואָך צייט.

קראַלל: ענטשולדיגט — מיר נעהמען ניט אריין קיין מיטגליעדער ביי דער וואָך.

ברענדעל: „אלאַ באַננע הוירע“, הערר פּעדאגאָג. אולריק ברענדעל האָט זיך קיינמאָל ניט געשטופּט אין אזא מין געזעלשאפט. (קעהרט זיך אום) אָבער איך וועל זיך מעהר ניט פערזאמען אין דיעזען הויז, וואָס איז אזוי רייך אין עראינערונגען. איך מוז געהן אין שטאָדט און זיך אויסזוכען א פּאסענדע וואָהנונג. איך האָף, דאָרט איז דאָ אן אנשטענדיגער האָטעל?

רעבעקא: וועט איהר עפּעס טרינקען, איידער איהר געהט?

ברענדעל: וואָס זשע, אייגענטליך, מיין גנעדיגע?

רעבעקא: א טאסע טהעע, אָדער —

ברענדעל: איך דאנק דער וואָהלטהעטיגער בעל־הבית־טע — אָבער איך האָב ניט ליעב צו עקספּלואטירען די פּריוואטע גאסטפריינדליכקייט. (מאַכט אַ גריסענדע בעוועגונג מיט דער האַנד) זייט געזונד, מיינע הערשאפטען! (געהט צו דער טיר, נור ער קעהרט זיך אום) אך, איך האָב גאָר פערגעסען, — יאָהאנעס, פּאסטאָר ראָזמער, — ווילסט דו אפשר מיט עטוואָס דיענען דיין געוועזענעם לעהרער אין נאָמען פון אלטער פריינדשאפט?

ראָזמער: יא, מיט'ן גאנצען הארצען.

ברענדעל: גוט, לייה זשע מיר — אויף א טאָג אָדער צוויי — א געפּרעסט העמד מיט מאנזשעטען.

ראָזמער: דאָס אלעס?

ברענדעל: ווייל, פערשטעהסטו מיך, איך רייז צו־פוס — דאָס מאָל. מיין קופערט שיקט מען מיר נאָך.

ראָזמער: יא, אָבער דארפט איהר ניט נאָך עפּעס?

ברענדעל: גוט, ווייסט דו וואָס — אפשר קענסט דו מיר אָבלאָזען אן אלטען צוגעטראָגענעם זומער־ראָק?

ראָזמער: יא, יא, געוויס.

ברענדעל: און אויב צו א ראָק געהערען א פּאָר אנ־שטענדיגע שטיוועל —

ר אָ ז מ ע ר: דאָס וועט זיך אויך געפינען. אזוי שנעל ווי איהר וועט אונז לאָזען וויסען אייער אדרעס וועלען מיר עס אייך אלעס צושיקען.

ב ר ע נ ד ע ל: אונטער קיינע אומשטענדען! קיינע קלאָ־פּאָטען פון מיינעט־וועגען! אזעלכע קלייניגקייטען קען איך מיט־נעהמען מיט זיך.

ר אָ ז מ ע ר: ווי איהר ווילט. קומט זשע מיט מיר ארויף אויבען.

ר ע ב ע ק א: לאָזט מיך געהן. איך און פרוי העלזעט וועלען עס שוין בעזאָרגען.

ב ר ע נ ד ע ל: איך וועל קיינמאָל ניט דערלאָזען, אז אזא געשעצטע דאמע — !

ר ע ב ע ק א: אָה, אונזינן! קומט נור, הערר ברענדעל. (זי געהט אַרויס אין דער טיר רעכטס).

ר אָ ז מ ע ר (פערהאלט ברענדלען): זאָגט, קען איך אייך ניט מיט נאָך עטוואָס דיענען?

ב ר ע נ ד ע ל: איך ווייס ווירקליך ניט מיט וואָס. אָה, צום טייפעל, — איך האָב זיך איצט דערמאָנט! יאָהאנעס, אפשר האָסט דו גראָד ביי זיך אכט קראָן?

ר אָ ז מ ע ר: לאָמיר זעהן (עפענט דעם פּאָרטמאָנע) דאָ זיינען צוויי צעהנקראָנדיגע.

ב ר ע נ ד ע ל: עס מאכט ניט! איך קען זיי נעהמען. איך קען זיי אימער אויסבייטען אין שטאָדט. דערווייל א דאנק דיר. געדענק, אז דו האָסט מיר געבאָרגט צוויי צעהנערלעך. א גוטע נאכט, מיין טהייערער, ליעבער יונג! א גוטע נאכט, מיין ווער־טהער הערר! (ער געהט צו דער טיר רעכטס, וואו ראָזמער געזעגענט זיך מיט איהם און פערמאַכט נאָך איהם די טיר.)

ק ר אָ ל ל: מיין גאָט! — דאָס איז אלזאָ דער אולריק ברענדעל, וועלכען מען האָט א מאָל פאָראויסגעזאָגט אזא גלענ־צענדע צוקונפט!

ר אָ ז מ ע ר (שטיל): ער האָט יעדענפאלס געהאט דעם

מוטה צו לעבען נאָך זיין אייגענעם פערשטאנד. מיר דאכט, אז דאָס איז אויך ניט זעהר לייכט.

קראָלל: וואָס? אזא לעבען ווי זיינס! עס לאָזט זיך מיר כמעט גלויבען, אז ער האָט בכח דיר ווידער א מאָל צו פער־דרעהען דעם קאָפּ.

ראָזמער: אָה, ניין, איצט איז מיין קאָפּ גאנץ קלאָר ווע־גען אלע פונקטען.

קראָלל: איך וואָלט זעהר וועלען דאָס גלויבען, מיין ליע־בער ראָזמער. דו ווערסט דאָך אזוי שרעקליך לייכט בעאיינפלוסט.

ראָזמער: לאָמיר זיך זעצען. איך וויל מיט דיר עפּעס רעדען.

קראָלל: נו, לאָמיר זיך זעצען. (זיי זעצען זיך אויף דער סאָפאַ).

ראָזמער (נאָך אַ קורצער פּויזע): דענקסטו ניט, אז מיר פיהרען דאָ אַן אנגענעהם און בעקוועם לעבען?

קראָלל: יא, איצט לעבסטו אנגענעהם און בעקוועם — און פריעדליך. דו האָסט איצט געקראָגען א היים, ראָזמער. און איך האָב מיינע פערלאָרען.

ראָזמער: זאָג דאָס ניט, מיין טהייערער פריינד. די וואונד וועט נאָך פערהיילט ווערען מיט דער צייט.

קראָלל: קיינמאָל אין לעבען ניט. דער גיפט וועט בלייבען. עס וועט שוין קיינמאָל ניט זיין ווי א מאָל.

ראָזמער: הער מיך אויס, קראָלל. מיר זיינען געווען שטארקע פריינד לאנגע, לאנגע יאָהרען. ווי דענקסט דו, איז עס מעגליך אז אונזער פריינדשאפט זאָל צוריסען ווערען?

קראָלל: איך ווייס ניט פון קיין זאך אין דער וועלט, וואָס וואָלט קענען אונז צושיידען. ווי קומט דיר אזא געדאנק אין קאָפּ אריין?

ראָזמער: דו לעגסט אזוי פיעל געוויכט אויף איינינגקייט אין מיינונגען און אנזיכטען.

קראָלל: גאנץ געוויס; אָבער מירביידע זיינען דאָך פּאק־

טיש איינשטימיג — יערענפאלס בנוגע צו די וויכטיגע הויפּט־פראגען.

ראזמער (שטיל): ניין, איצט שוין ניט.

קראָלל (וויל אויפשפּרינגען): וואָס איז דאָס?

ראזמער (האַלט איהם צו): ניין, דו מוזט בלייבען זיצען. איך בעט דיך, קראָלל.

קראָלל: וואָס זאָל עס בעדייטען? איך פערשטעה דיך ניט. רעד איינפאכע ווערטער!

ראָזמער: א נייער זומער האָט אויפגעבליהט אין מיין נשמה. איך קוק מיט אויגען, וועלכע זיינען ווידער יונג געוואָרען. און איצט אלזאָ שטעה איך —

קראָלל: וואו, וואו, ראָזמער?

ראָזמער: וואו דיינע קינדער שטעהען.

קראָלל: דו? דו! אונמעגליך! וואו, זאָגסטו, שטעהסט דו?

ראָזמער: אויף דער זעלבער זייט, ווי לאָוריץ און הילדא.

קראָלל (לאָזט אַראָב דעם קאָפּ): א רענעגאט! יאָהאנעס ראָזמער א רענעגאט!

ראָזמער: איך האָב זיך געדארפט פיהלען אזוי גוט — אזוי גליקליך מיט דעם, וואָס דו רופסט מיין רענעגאטסטוואָ. נור, פון דעסטוועגען האָב איך פיעל געליטען; ווייל איך האָב געוואוסט, אז דיר וועט דאָס פערשאפען גרויסע יסורים.

קראָלל: ראָזמער — ראָזמער! דאָס איז איבער מיינע קרעפטען! (קוקט אויף איהם אומעטיגלעך) אָה, ווען איך בערעכען אז אויך דו קענסט ביי זיך פועל'ן אנטהייל צו נעהמען אין דער ארבייט פון פערדארבען און רואינירען אונזער אונגליקליך לאַנד!

ראָזמער: אין דער בעפרייאונגס־ארבייט וויל איך אנ־טהייל נעהמען.

קראָלל: אָה, יא, איך ווייס. אזוי רופען עס סיי די פערפיהרערס, סיי די פערפיהרטע. נור, דענקסט דו דען, אז מען קען

ערוואַרטעז וועלכע עס איז בעפרייאונג פון דעם גייסט, וועלכער פערגיפטעט איצט אונזער געזעלשאַפטליכען לעבען?

ראַזמער: איך האָב ניט שטארק ליעב דעם גייסט, וועל־כער האלט איצט ביי אונז אין שטייגען, אָבער אויך ניט קיינע פון די געגנערישע פאַרטייען. איך וועל פּרובירען צוזאַמענצוברענגען מענשען פון ביידע זייטען, וויפיעל איך וועל נור קענען — און זיי פעראייניגען אזוי נאָהענט ווי מעגליך. איך וועל מיין גאַנץ לעבען און מיינע אַלע קרעפטען אָבגעבען דערויף; — צו שאַפען ביי אונז אין לאַנד אַ ריכטיגע דעמאָקראַטיע.

קראַלל: הייסט עס, דו דענקסט ניט, אז מיר האָבען שוין גענוג דעמאָקראַטיע! איך, פון מיין זייט, דענק פערקעהרט, אז מיר ווערען שוין גאַנץ היבש אַרונטערגעשלעפּט אין אַזאַ בלאָטע, וואו נור דער געמיינער עולם האָט ביז איצט זיך געקענט פיהלען גוט.

ראַזמער: טאַקע דערפאַר וויל איך אויפוועקען די דעמאָ־קראַטיע צו איהר ריכטיגער אויפגאַבע.

קראַלל: וואָס פאַר אַן אויפגאַבע?

ראַזמער: די אויפגאַבע צו מאַכען, אַז אַלע מענשען פון דיעזען לאַנד זאָלען זיין נאָבעל.

קראַלל: אַלע מענשען — ?

ראַזמער: יעדענפאַלס, אזוי פיעל, ווי עס איז מעגליך.

קראַלל: דורך וועלכע מיטלען?

ראַזמער: דורך בעפרייען זייער געדאַנק און לייטערען זייער ווילען.

קראַלל: דו ביסט אַ טרוימער, ראַזמער. וועסט דו זיי בעפרייען? וועסט דו זיי לייטערען?

ראַזמער: ניין, מיין טהייערער פריינד — איך וועל זיי נור פּרובירען וועקען דערצו. טהאַן מוזען זיי עס אַליין.

קראַלל: און דו דענקסט, אז זיי קענען עס?

ראַזמער: יאָ.

קראַלל: מיט זייערע אייגענע קרעפטען?

ראַזמער: יאַ, נור מיט זייערע אייגענע קרעפטען. קיין אנדער קראפט איז ניטאַ.

קראַלל (הויבט זיך אויף): פאסט עס אזוי צו רעדען פאר א גייסטליכען?

ראַזמער: איך בין שוין מעהר ניט קיין גייסטליכער.

קראַלל: יאַ, אַבער — דער גלויבען פון דיינע עלטערען?

ראַזמער: ער איז שוין ניט מעהר מיינער.

קראַלל: ניט מעהר! —

ראַזמער (הויבט זיך אויף): איך האָב איהם אויפגעגעבען. איך האָב איהם געמוזט אויפגעבען, קראַלל.

קראַלל (בעהערשט זיין אויפרעגונג): אַה, אודאי — יאַ, יאַ. איינס קומט, מסתמא, מיט'ן אנדערען. איז דאָס אפשר געווען די אורזאך וואָס דו האָסט פערלאָזען די קירך?

ראַזמער: יאַ. אזוי שנעל, ווי עס איז מיר קלאָר געוואָרען — ווי איך האָב זיך איבערצייגט, אז דאָס איז ניט קיין פאראיבערגעהענדער אַנפאַל פון סקעפּטיציזם, נור אַן איבערציינונג וועלכע איך האָב ניט געקענט און ניט געוואָלט אראָבוואַרפען פון זיך — דאַן האָב איך גלייך פערלאָזען די קירך.

קראַלל: הייסט עס, אז דו האָסט די גאנצע צייט געהאט אזוינע געדאנקען! און מיר — דיינע פריינד, האָבען גאָר ניט געהערט דערפון. ראַזמער — ראַזמער, — ווי האָסט דו געקענט בעהאַלטען פון אונז דעם טרויעריגען אמת?

ראַזמער: ווייל איך האָב דאָס געהאַלטען פאר א זאך, וואָס געהט נור מיר אליין אָן. און אַ חוץ דעם האָב איך ניט געוואָלט פערשאפען דיר און מיינע אנדערע פריינד קיין אוננויטיגע יסורים. איך האָב געדענקט, אז איך וועל מיר דאָ ווייטער לעבען שטיל און גליקליך ווי פריהער. איך האָב געוואָלט לעזען, זיך פערטיעפען אין די אלע וויסענשאפטען, וועלכע זיינען ביז איצט פאר מיר געווען אַ בוך מיט זיעבען זיעגלען. איך האָב זיך געוואָלט מאכען גאנץ היימיש אין דער גרויסער וועלט פון וואַרהייט און פרייהייט, וועלכע האָט זיך פאר מיר געעפענט.

קראָלל: רענעגאט! יעדעס וואָרט בעווייזט עס. אָבער צו וואָס ביסט דו זיך מודה אין דיין געהיימער רענעגאטסטוואָ? און ווארום גראָד איצט?

ראָזמער: דו אליין האָסט מיך געטריבען דערצו, קראָלל.

קראָלל: איך? איך האָב דיך געטריבען—!

ראָזמער: ווען איך האָב געהערט פון דיין געוואלטיגען ארויסטרעטען אויף דער פּלאטפאָרם — ווען איך האָב געלעזען אלע דיינע גיפטיגע רעדעס וואָס דו האָסט געהאלטען — אלע דיינע ביטערע אָנפאלען אויף דיינע געגנער — די העסליכע זידלערייען וועלכע דו האָסט אויסגעגאָסען אויף זיי — אָה, קראָלל, אז דו — דו זאָלסט קומען דערצו! — דאן האָב איך קלאָר דערזעהן מיין פליכט. די מענשען ווערען שלעכט אין אָט דעם קאמפף. פריעדען, פרייד און פערגעבונג מוזען צוריק ארייגעבראכט ווערען אין אונזערע הערצער. דערפאר וויל איך איצט ארויסקומען און אָפען ערקלעהרען, וואָס איך בין. איך וועל אויך פּרובירען מיין כוח. קענסט דו ניט — פון דיין זייט — מיר העלפען אין דעם, קראָלל?

קראָלל: קיינמאָל אין לעבען וועל איך ניט שליסען קיין שלום מיט די פערניכטענדע קרעפטען אין דער געזעלשאפט.

ראָזמער: דאן לאָמיר כאָטש קעמפפען מיט אנשטענדיגע וואפען — אויב מיר מוזען שוין יאָ קעמפפען.

קראָלל: ווער עס געהט ניט מיט מיר אין די גרינדליכע לעבענס-פראגען, דעם קען איך ניט מעהר, בין איהם ניט שולדיג קיין אכטונג.

ראָזמער: גילט דאָס פאר מיר אויך?

קראָלל: דו האָסט אליין געבראָכען מיט מיר, ראָזמער.

ראָזמער: אָבער איז דאָס דען א בראָך?

קראָלל: דאָס! דו האָסט געבראָכען מיט אלע, וועלכע זיינען ביז איצט געווען דיינע פריינד. דו מוזט ליידען די פאָלגען.

(רעבעקא וועסט קומט אריין פון דער רעכטער זייט, און עפענט ברייט די טיר.)

רעבעקא: נו, שוין; ער איז איצט אויפ'ן וועג צו זיין

גרויסען אָפּפער. און מיר קענען געהן צום טיש. זייט אזוי גוט, הערר רעקטאָר.

קראָלל (נעהמט זיין הוט): א גוטע נאכט, פריילין וועסט. איך האָב דאָ מעהר גאָר ניט וואָס צו טהאָן.

רעבעקא (נייגעריג): וואָס מיינט דאָס? (פערמאַכט די טיר און קומט נעהענטער): האָט איהר שוין גערעדט?

ראָזמער: ער ווייס אלעס.

קראָלל: מיר ווערען דיך ניט אָבלאָזען, ראָזמער. מיר וועלען דיך צווינגען צוריק צו קומען צו אונז.

ראָזמער: איך קען קיינמאָל ניט זיין וואו איך בין געווען.

קראָלל: דאָס וועלען מיר זעהן. דו ביסט ניט דער מענש וואָס קען לאנג שטעהן אליין.

ראָזמער: נאָך אלעמען וועל איך גאָרניט זיין אזוי גאַנץ אליין — מיר זיינען צוויי צו פערטראָגען די איינזאמקייט דאָ.

קראָלל: אה—! (א פערדאכט זעהט זיך אויף זיין געזיכט) נאָך דאָס אויך! בעאטעם ווערטער—!

ראָזמער: בעאטעם—?

קראָלל (שטויסט אָב דעם געדאַנק): ניין, ניין — דאָס איז געווען מיאוס — פערצייה מיר.

ראָזמער: וואָס? וואָס מיינסט דו?

קראָלל: פרעג ניט, פו! פערגיב מיר. א גוטע נאכט! (געהט צו דער אַריינגאַנגס־טיר).

ראָזמער (געהט איהם נאָך): קראָלל! אונזער פריינד־שאפט טאָר זיך אזוי ניט ענדיגען. איך וועל מאָרגען קומען צו דיר.

קראָלל (אין פאָרדער־צימער; קעהרט זיך אום): דו זאָלסט קיינמאָל ניט אריבערטרעטען די שוועל פון מיין הויז. (ער נעהמט זיין שטעקען און געהט ארויס פון הויז. ראָזמער שטעהט א וויילע אין טיר. דאַן פערמאַכט ער זי און געהט צום טיש).

ראָזמער: עס מאכט ניט אויס, רעבעקא. מיר וועלען דאָס אריבערטראָגען, מיר ביידע געטרייע פריינד — דו און איך.

רעבעקא: וואָס, דענקסט דו, האָט ער געמיינט ווען ער האָט געזאָגט „דאָס איז געווען מיאוס" ?

ראָזמער: קימער זיך ניט וועגן דעם, טהייערע. ער האָט אליין ניט געגלויבט אין דעם, וואָס ער האָט געמיינט. מאָרגען וועל איך געהן צו איהם. א גוטע נאכט!

רעבעקא: אזוי פריה געהסט דו היינט ארויף? נאָך דעם אלעם?

ראָזמער: היינט ווי געוועהנליך. איך פיהל זיך אזוי בעפרייט, וואָס דאָס איז שוין פאָראיבער. ווי דו זעהסט, — בין איך גאנץ רוהיג, רעבעקא. נעהם דו עס אויך רוהיג. א גוטע נאכט!

רעבעקא: א גוטע נאכט, טהייערער פריינד! שלאָף געזונד!

(ראָזמער געהט ארויס דורכ'ן פאָרצימער. מען הערט זיינע טריט אויף די טרעפ. רעבעקא געהט צו און גיט א ציה דאָס גלאָקענ-שטריקעל לעבען אויווען. באלד קומט אריין פרוי העלזעט פון דער רעכטער זייט).

רעבעקא: איהר קענט צוריק צונעהמען פונ'ם טיש, פרוי העלזעט. דער פאסטאָר וויל גאָרנישט — און דער רעקטאָר איז אהיים געגאנגען.

פרוי העלזעט: דער רעקטאָר איז אוועקגעגאנגען? וואָס האָט מיט איהם פאסירט?

רעבעקא (נעהמט איהר שטיקעריי): ער האָט געזאָגט, אז עס וועט באלד אויסברעכען א שטארקער שטורם —

פרוי העלזעט: ס'ארא איינפאל! עס איז היינט אָוועגד אפילו קיין איין וואָלקענדעל ניטאָ אויפ'ן הימעל.

רעבעקא: לאָמיר האָפען, אז ער וועט ניט אָנגעגענען דעם ווייסען פערד! איך האָב מורא, מיר וועלען באלד עפעס הערען וועגען די זאכען.

פרוי העלזעט: גאָט זאָל אייך מוחל זיין, פריילין! רעדט ניט אזעלכע שרעקליכע ווערטער.

ר ע ב ע ק אַ: יאָ, יאָ, יאָ.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט (מילד): דענקט איהר ווירקליך, פריי־לין, אַז אימיצער וועט פון אונז די צייטען אוועקגעהן?

ר ע ב ע ק אַ: ניין, ווארום זאָל איך דאָס דענקען? נור, עס זיינען דאָ אַזוי פיעל פערשיעדענע מינים ווייסע פערד אויף דער וועלט, פרוי העלזעט. — נו, אַ גוטע נאַכט, איך וועל געהן צו זיך אין צימער.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: אַ גוטע נאַכט, פריילין.

(ר ע ב ע ק אַ געהט אַרויס רעכטס מיט איהר שטריקעריי.)

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט (דרעהט איין דעם לאָמפּ, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און מורמעלט צו זיך אַליין): מיין גאָט — מיין גאָט! אַט די פריילין וועסט! וואָס'אַרא זאַכען זי זאָגט אַ מאָל!

צווייטער אקט.

יאָהאָנעס ראָזמער׳ס קאבינעט. לינקס אַן ארייננאנגס טיר. אין דער הינטערשטער וואַנד א טיר מיט א פערצוויגענעם פארהאנג, וואָס פיהרט אין ראזמער׳ס שלאָף־צימער. רעכטס א פענסטער און לעבען דעם א שרייב טיש, בעדעקט מיט ביכער און פאפירען. ביכער־שראַנקען און פּאָליצעס מיט ביכער ארום און ארום. דאָס מעבעל איז איינפאך. לינקס אַן אלט־מאָדישע סאָפא מיט אַ טיש.

יאָהאנעס ראזמער, אין א שטוב־ראָק, זיצט אויף א שטוהל מיט א הויכער ווענטעל ביים שרייב־טיש. ער שניידט און קעהרט איבער די בלעטער אין א בראָשורע, און לעזט וואו ניט וואו עטליכע ווערטער.

א קלאפּ אין טיר לינקס.

ראזמער: (ריהרט זיך ניט) אריין!

רעבעקא: (קומט אריין אָנגעטאָן אין א מאָרגען־ראָק) גוט מאָרגען.

ראזמער: (קעהרענדיג די בלעטער אין דער בראָשורע) גוט מאָרגען, טייערע. דו ווילסט עפּעס?

רעבעקא: איך האָב נור געוואָלט וויסען, צי דו האָסט גוט געשלאָפען.

ראזמער: אָה, איך האָב געהאט אזא גוטע, רוהיגע נאכט! — (קעהרט זיך אום) און דו?

רעבעקא: אָה, יא, איך דאנק דיר — אזוי געגען פריה מאָרגען —

ראזמער: איך געדענק שוין ניט ווען איך זאָל זיך האָבען געפיהלט אזוי לייכט, ווי איצט. איך בין אזוי צופריעדען, וואָס איך האָב ענדליך ארויסגערעדט.

ר ע ב ע ק א: יא, ס'איז א שאדען וואס דו האסט אזוי לאנג געשוויגען, ראזמער.

ר א ז מ ע ר: איך פערשטעה אליין ניט, ווי איך האב גע־קענט זיין אזא פייגלינג.

ר ע ב ע ק א: עס איז אייגענטליך ניט געווען אוים פייג־הייט —

ר א ז מ ע ר: אָה, יא, טייערע — ווען איך טראכט זיך גוט איין, זעה איך ארוים, אז אין גרונד גענומען האט אין דעם גע־שטעקט עטוואס פייגהייט.

ר ע ב ע ק א: אלץ בראוועך איז עס, וואס דו האסט ענדליך געמאכט דעם שריט. (זעצט זיך אויף א שטוהל ביים שרייבטיש לעבען איהם) אָבער איצט וויל איך דיר עפּעס דערצעהלען, וואס איך האב געטאָן — און זאָלסט דערפאר ניט זיין אין כעס אויף מיר.

ר א ז מ ע ר: אין כעס? ווי קענסטו דאס גאר דענקען—?

ר ע ב ע ק א: יא, עס איז אפשר געווען אונבעזאָנען פון מיין זייט, אָבער —

ר א ז מ ע ר: לאָמיך הערען וואס דאס איז אזוינס.

ר ע ב ע ק א: געסטערן אָוונד, ווען אולריק ברענדעל איז אוועקגעגאנגען, — האָב איך איהם געגעבען א בריוועל צו פּעטער מארטענסגארד.

ר אָ ז מ ע ר: (אין צווייפעל) אָבער, מיין ליעבע רעבעקא — נו, וואס האסטו איהם געשריבען?

ר ע ב ע ק א: איך האָב געשריבען, אז ער וועט דיר טהאָן א טובה, אויב ער וועט אכטונג געבען אויף דעם אונגליקליכען מענשען און העלפען איהם מיט וואס ער וועט קענען.

ר א ז מ ע ר: דאס, טייערע, האסטו ניט געדארפט טהאָן. דו האסט ברענדלען נור געשאדעט דערמיט. און מארטענסגארד איז ניט דער מענש, מיט וועלכען איך וואלט וועלען האבען צו טהאָן. דו ווייסט דאך, וואס עס איז אמאל פארגעקומען צווישען אונז.

ר ע ב ע ק א: אָבער דענקסטו ניט, אז עס וואלט געווען בע־סער דו זאָלסט זיך מיט איהם איבערבעטען?

ראזמער: איך? מיט מארטענסגארד'ן? אויף וואס'-ער אופן מיינסטו עס?

רעבעקא: דו ווייסט דאך, אז איצט קענסטו זיך ניט פיה-לען אבסאלוט זיכער — נאכדעם, ווי דו האסט איבערגעריסען מיט דיינע אלטע פריינד.

ראזמער: (קוקט אויף איהר און שאקעלט מיט'ן קאפ) קענסטו ווירקליך גלויבען, אז קראלל, אדער די אנדערע וועלען זוכען נקמה צו נעהמען פון מיר? אז זיי וואלטען פעהיג געווען אויף—?

רעבעקא: אין דער ערשטער היץ פון כעס, מיין ליע-בער—. מען קען גארניט וויסען. איך דענק — לויט דעם ווי דער רעקטאר האט דאס אויפגענומען —

ראזמער: אה, דו דארפסט דאך איהם בעסער קענען. קראלל איז דורך און דורך אן ערדלמאן. איך וועל היינט פאהרען אין שטאדט און רעדען מיט איהם. איך וועל מיט זיי אלעמען רע-דען. אה, דו וועסט זעהן ווי לייכט עס וועט צוגעהן —

(פרוי העלזעט קומט אריין אין דער טיר לינקס.)

רעבעקא: (הויבט זיך אויף) וואס איז, פרוי העלזעט?

פרוי העלזעט: רעקטאר קראלל איז אונטען אין פאר-דערצימער.

ראזמער: (הויבט זיך שנעל אויף) קראלל!

רעבעקא: דער רעקטאר! איז עס מעגליך —

פרוי העלזעט: ער וויל וויסען צי ער קען ארויפקו-מען רעדען מיט'ן הערר פאסטאר?

ראזמער: (צו רעבעקא'ן) וואס האב איך דיר געזאגט? — געוויס קען ער ארויפקומען. (געהט צו דער טיר און שרייט ארונ-טער) קום ארויף, ליעבער פריינד! עס פרעהט מיך זעהר דיך צו זעהן!

(ראזמער שטעהט און האלט אפען די טיר. פרוי העלזעט געהט ארויס. רעבעקא ציהט צונויף דעם פארהאנג אויף דער טיר, און פאנגט אן צו מאכען ארדנונג אין צימער.)

(רעקטאר קראלל קומט אריין מיט זיין הוט אין האנד.)

ראזמער: (שטיל מיט געפיהל) איך האָב געוואוסט, אז דאָס האָט ניט געקענט זיין דאָס לעצטע מאָל —

קראלל: היינט זעה איך די זאך אין א גאנץ אנדער ליכט, ווי געסטערן.

ראזמער: אה, יא, קראלל; איך האָב געוואוסט אז עס וועט אזוי זיין. איצט, ווען דו האָסט געהאט צייט זיך איבערצולעגען.

קראלל: דו פערשטעהסט מיך שלעכט גאָר אינגאנצען. (לעגט זיין הוט אויפ'ן טיש) עס איז זעהר וויכטיג איך זאָל רעדען צו דיר, אליין.

ראזמער: ווארום זאָל פריילין וועסט ניט—?

רעבעקא: ניין, ניין הערר ראזמער, איך געה שוין.

קראלל: (קוקט אויף איהר פון קאָפּ ביז די פיס) איך מוז ביי אייך בעטען ענטשולדיגונג, פריילין וועסט, וואָס איך בין אזוי פריה געקומען. וואָס איך האָב אייך איבעראשט נאָך איידער איהר האָט צייט געהאט —

רעבעקא: (ערשטוינט) וואָס מיינט איהר? געפינט איהר עס פאר ניט פאסענד, וואָס איך טראָג א מאָרגענראָק ארום הויז?

קראלל: גאָט זאָל היטען! איך ווייס איבערהויפּט ניט, ווי עס פיהרט זיך איצט אין ראָזמערסהאָלם.

ראזמער: אָבער, קראלל — דו ביסט עפּעס היינט גאָר ניט דער אייגענער!

רעבעקא: א גוטען טאָג אייך, רעקטאָר קראָלל. (זי געהט ארויס לינקס).

קראלל: מיט דיין ערלויבעניש — (זעצט זיך אויף דער סאָפאַ.)

ראָזמער: יא, קראלל, זעץ זיך און לאָמיר זיך פריינדליך דורכרעדען. (ער זעצט זיך אויף א שטוהל פונקט אַנקעגען דעם רעקטאָר.)

ק ר א ל ל: פון נעכטען אָן האָב איך קיין אויג ניט צוגע־מאכט. איך בין געלעגען און געטראכט די גאנצע נאכט.

ר א ז מ ע ר: און וואָס זאָגסטו וועגען דעם היינט?

ק ר א ל ל: דאָס וועט זיין א לאנגע געשיכטע, ראזמער. איך וועל אָנהויבען מיט א סאָרט פאָררעדע. איך קען דיר דערצעהלען נייעס וועגען אולריק ברענדעל.

ר א ז מ ע ר: ער איז געווען ביי דיר?

ק ר א ל ל: ניין. ער איז פארפאָהרען אין א געמיינעם שיינק — אין די ניעדריגסטע געזעלשאפט פערשטעהט זיך — און האָט געטרונקען און די אנדערע טראַקטירט אזוי לאנג ווי ער האָט גע־האט פאר וואָס. נאָכדעם האָט ער אָנגעפאנגען צו שימפפען די גאנ־צע קאָמפּאניע, ווי א באנדע ניעדריגע טויגעניכטסען — אין דעם האָט ער, איבריגענס, רעכט געהאט — אָבער זיי האָבען דערפאר איהם אָנגעבראָכען די ביינער און איהם ארויסגעוואָרפען אין ריג־שטאָק אריין.

ר א ז מ ע ר: דאָס הייסט אז ער איז א פערפאלענער, נאָך אלעם דעם.

ק ר א ל ל: ער האָט דעם ראָק אויך פערזעצט; נור איך האָב געהערט, אז מען האָט עם פאר איהם אויסגעלעזט. קענסטו טרעפען ווער?

ר א ז מ ע ר: אפשר דו?

ק ר א ל ל: דער געאכטעטער הערר מאָרטענסגארד.

ר א ז מ ע ר: אָה—אזוי?

ק ר א ל ל: איך הער, דאָס דעם ערשטען וויזיט האָט הערר ברענדעל געמאכט צום „אידיאָט“ און „פלעבעיער“.

ר א ז מ ע ר: נו, דאָס איז נאָך געווען א גליק פאר איהם—

ק ר א ל ל: אודאי איז עס געווען. (בייגט זיך אריבער דעם טיש צו ראזמער'ען) און איצט קומען מיר צו א פונקט, וועגען וועל־כען איך בין פערפליכטעט דיך צו וואָרנען אין נאָמען פון אונזער אלטער — פון אונזער געוועזענער פריינדשאפט.

ר א ז מ ע ר: מיין ליעבער קראלל, וואָס קען דאָס זיין אזוינס?

ק ר א ל ל: דעו פונקט איז אָט דער: דאָ אין שטוב טהוען זיך אָב זאכען הינטער דיינע פלייצעס.

ר א ז מ ע ר: ווי קענסטו דאָס דענקען? מיינסטו דערמיט רעב— פרייליין וועסט?

ק ר א ל ל: ריכטיג. פון איהר זייט קען איך עס גאַנץ גוט פערשטעהן. זי איז שוין אזוי לאנג געוואָהנט געוואָרען צו זיין דאָ די גאנצע בעל הבית'טע. אָבער פון דעסטוועגען —

ר א ז מ ע ר: מיין ליעבער קראלל, דו האָסט אינגאנצען א טעות. זי און איך — מירביידע האָבען קיינע געהיימניסען ניט איינער פון צווייטען, וועגען קיין געגענשטאנד וואָס קען נור געבען.

ק ר א ל ל: האָט זי דיר דערצעהלט, אז זי האָט אָנגעהויבען צו פיהרען א קאָרעספּאָנדענציע מיט דעם רעדאקטאָר פון דעם „לייכט-טורעם“?

ר א ז מ ע ר: אָה, דו מיינסט די פּאָר שורות, וואָס זי האָט געשיקט מיט אולריק ברענדלען?

ק ר א ל ל: הייסט עס, אז דו האָסט זיך דערוואוסט וועגען דעם. און דו ביסט צופריעדען, זי זאָל אריינגעהן אין פערבינדונגען מיט א סקאנדאליסט א שרייבערעל, וואָס לאָזט קיין וואָך ניט אויס, ער זאָל פון מיר ניט חוזק מאכען אי אלס לעהרער, אי אלס געזעלשאפטליכער טהוער?

ר א ז מ ע ר: מיין טייערער קראלל, איך גלויב ניט, אז ס'איז איהר ווען ארויף אויפ'ן זין די זייט פון דער פראגע. און דאן, האָט זי דאָך, נאטירליך, די פולע פרייהייט צו טהאָן וואָס זי וויל, פונקט אזוי ווי איך.

ק ר א ל ל: אזוי גאָר? און דאָס קומט וואהרשיינליך פון דער נייער ריכטונג, וואָס דו האָסט איצט אָנגענומען—? דען פרייליין וועסט טהיילט דאָך געוויס דיינע מיינונגען?

ר א ז מ ע ר: יא, זי האָט דיעזעלבע מיינונגען. מיר האָבען

ביידע צוזאמען אויסגעארבייט אונזער וועג, ווי געטרייע קאמע־ראדען.

ק ר א ל ל: (קוקט אויף איהם און שאָקעלט לאנגזאם מיט'ן קאָפּ) אך, דו בלינדער, פערפיהרטער מענש!

ר א ז מ ע ר: איך? ווארום זאָגסטו דאָס?

ק ר א ל ל: וויל איך וואג ניט, — איך ו ו י ל ניט דיינ־קען דאָס ערגסטע. ניין, ניין לאָמיך אינגאנצען ארויסרעדען. — דו שעצט ווירקליך מיין פריינדשאפט, ראָזמער? און מיין אכטונג אויך? ניט וואהר?

ר א ז מ ע ר: אויף דער פראגע דארף איך דאָך ניט ענטפע־רען.

ק ר א ל ל: יא, עס זיינען אָבער פאראן אנדערע פראגען, וואָס פאָדערען יא אן ענטפער — א פולע ערקלערונג פון דיין זייט. — ווילסטו זיך לאָזען, איך זאָל דיך נעהמען אויפ'ן פערהער? —

ר א ז מ ע ר: אויף א פערהער?

ק ר א ל ל: יא; ווילסטו מיר ערלויבען איך זאָל דיך אויס־פרעגען וועגען אייניגע זאכען אָן וועלכע עס וועט דיר פיליכט זיין ניט אנגענעהם זיך צו דערמאָהנען? פערשטעהסטו, אָט די רע־נעגאטסטוואָ דיינע — נו, אָט די בעפרייאונג, ווי דו רופסט עס — איז פערבונדען מיט אזוי פיעל אנדערע זאכען, וועגען וועלכע דו מוזט געבען אן ערקלערונג, טאקע פון דיינעטוועגען אליין.

ר א ז מ ע ר: ליעבער קראלל — פרעג וואָס דו ווילסט. איך האָב גאָרניט וואָס צו בעהאלטען.

ק ר א ל ל: אויב אזוי, זאָג זשע מיר — וואָס דענקסט דו איז געווען די ריכטיגע, די ענדליכע אורזאכע פון בעאטע'ס זעלבסט־מאָרד?

ר א ז מ ע ר: האָסט דו דען וועלכען עס איז צווייפעל וועגען דער זאך? אָדער ריכטיגער געזאָגט, קענסטו דען פרעגען די אור־זאך פון דעם, וואָס א קראנקע, אונגליקליכע, אונפעראנטוואָרט־ליכע פערזאָן טהוט?

ק ר א ל ל: ביסט דו זיכער, אז בעאטע איז געווען אינגאַנ־

צען אונפערגאנטוואָרטליך? די דאָקטוירים, יעדענפאלס, זיינען דורכאוים ניט געווען איבערצייגט אין דעם.

ראזמער: ווען די דאָקטוירים וואָלטען זי אמאָל געווען געזעהן אין אזא צושטאנד, ווי איך פלעג איהר אָפט זעהן טעג און נעכט נאָכאנאנד, וואָלטען זיי קיין ספיקות ניט געהאט.

קראלל: איך האָב אויך קיין ספיקות ניט געהאט — דאַמאָלסט.

ראָזמער: אָה, ניין, ליידער איז ניט געווען די קלענסטע אורזאך צו צווייפלען. איך האָב דיר דערצעהלט פון איהרע אָנפאַלען פון ווילדער ליידענשאפט, וועלכע זי האָט ערווארטעט איך זאָל מיט איהר טהיילען. אָה, ווי דאָס פלעגט מיך שרעקען! און דאן די לעצטע יאָהרען, איהרע גרונדלאָזע, פערצעהרענדע זעלבסטבעשול-דיגונגען —

קראלל: יא, ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אז זי מוז בלייבען קינדערלאָז איהר גאנצען לעבען.

ראזמער: יא, בעטראכט נור! אזא שרעקליכער, קווע-לענדער פיין וועגען א זאך וואָס זי האָט אבסאָלוט ניט געקענט העל-פען! — ווי אזוי האָסטו זי געקענט האלטען פעראנטוואָרטליך פאר איהרע טהאטען?

קראלל: ה'ם — קענסטו דיך ערינערן צי דו האָסט גע-האט אין יענער צייט ביי זיך אין הויז אזוינע ביכער, אין וועלכע עס האנדעלט זיך וועגען דעם צוועק פון הייראט — לויט די „פאָר-געשריטענע" אידעען פון היינטיגער צייט?

ראזמער: איך גערענק, אז פריילין וועסט האָט מיר גע-ליהען אזא ווערק. ווי דו ווייסט, האָט איהר דער דאָקטאָר געלאָזען זיין ביבליאָטעק. אָבער, מיין ליעבער קראלל, דו דענקסט דאָך ניט, אז מיר זיינען געווען אזוי אונפאָרזיכטיג אז מיר זאָלען לאָזען מיין אָרעמע קראנקע פרוי זיך אָנשטעקען מיט אזעלכע אידעען? איך פערזיכער דיר, אז מיר האָבען אין דעם קיין שולד ניט געהאט. דאָס האָבען איהרע אייגענע ערשיטערטע נערוון זי געטריבען אויף דעם ווילדען וועג.

קראלל: איין זאך קען איך דיר, יערענפאלס, זאגען; און דאס איז: אז די ארעמע, אנגעשטרענגטע, ליידענדע בעאטע האט געמאכט אן ענדע צו איהר לעבען, כדי דו זאלסט קענען לעבען גליקליך — לעבען פריי און לויט דיין אייגענעם ווילען.

ראזמער: (שפרינגט האלב אויף פון שטוהל) וואס מיינסטו דערמיט?

קראלל: הער מיך אוים רוהיג, ראזמער; דען איצטער קען איך רעדען וועגען דעם. אין דעם לעצטען יאהר פון איהר לע־בען איז זי צוויי מאל געקומען צו מיר אויסגיסען איהר ביטער הארץ און איהר פערצווייפלונג.

ראזמער: וועגען דער זעלבער זאך?

קראלל: ניין. דאס ערשטע מאל איז זי געקומען און מיר געזאגט, אז דו ביסט אויפ'ן וועג צו ווערען אן אפיקורס — אז דו ווילסט אוועקווארפען דעם גלויבען פון דיינע עלטערען.

ראזמער: (היציג) וואס דו זאגסט איצט איז אונמעג־ליך, קראלל! גאנץ אונמעגליך! דו מוזט האבען א טעות.

קראלל: ווארום?

ראזמער: ווייל, ווען בעאטע האט געלעבט, האב איך נאך אלץ געקעמפפט מיט זיך אליין אין צווייפעל: און דעם קאמפף האב איך אויסגעקעמפפט נור מיט זיך אליין, גאנץ אין דער שטיל. איך גלויב ניט אז אפילו רעבעקא —

קראלל: רעבעקא?

ראזמער: נו, יא — פריילין וועסט. איך רוף איהר רע־בעקא, וייל עס איז בעקוועמער.

קראלל: איך האב דאס בעמערקט.

ראזמער: אלזא, עס איז מיר גאנץ אונבעגרייפליך, ווי אזוי בעאטע האט זיך געקענט אריינגעהמען דעם געדאנק אין קאפ אריין. און פארוואס האט זי ניט גערעדט צו מיר אליין וועגען דעם? זי האט דאס קיינמאל ניט געטהאן — זי האט קיינמאל קיין איין ווארט ניט געזאגט.

ק ר א ל ל: די אָרעמע, זי האָט מיך אזוי געבעטען, אז א י ך זאָל מיט דיר רעדען.

ר א ז מ ע ר: פארוואָס זשע האָסטו עס ניט געטהאָן?

ק ר אָ ל ל: אין יענער צייט האָב איך ניט אויף קיין אויגענ־בליק געצווייפעלט, אז זי איז פון זינען. אזא בעשולדיגונג געגען א מאַן, ווי דו! — און דאן איז זי נאָך אמאָל געקומען—און ערך א מאָנאט שפּעטער. דאָס מאָל האָט זי אויסגעזעהן רוהיגער; אָבער ווען זי איז אוועקגעגאנגען האָט זי געזאָגט: „איצט קען מען שוין באלד ערוואַרטען דעם ווייסען פערד אין ראָזמערסהאָלם".

ר א ז מ ע ר: יא, יא, דער ווייסער פערד — זי האָט אָפט גערעדט וועגען דעם.

ק ר א ל ל: און, ווען איך האָב פּרובירט צו צערשטרייען איהרע טרויעריגע געדאנקען, האָט זי נור געענטפערט: „איך האָב שוין ניט לאנג צו לעבען, ווייל יאָהאנעס מוז גלייך הייראַטען רע־בעקאַן."

ר אָ ז מ ע ר: (כמעט אָהן לשון) וואָס זאָגסט דו—? איך זאָל הייראַטען—?

ק ר א ל ל: דאָס איז געווען א דאָנערשטאָג בייטאָג — און שבת אָוועגד האָט זי זיך אראָבגעוואָרפען פון בריק אין מיהל־טייך אריין.

ר אָ ז מ ע ר: און דו האָסט אונז קיינמאָל ניט געוואָרענט!

ק ר א ל ל: דו ווייסט גאנץ גוט, ווי אָפט זי פּלעגט זאָגען, אז זי פיהלט, איהר סוף קומט באלד.

ר א ז מ ע ר: יא, איך ווייס. אָבער פון דעסטוועגען — האָסט דו אונז ג ע ד א ר פ ט וואָרנען!

ק ר א ל ל: איך האָב געדענקט וועגען דעם, אָבער ווען עס איז שוין געווען צו שפּעט.

ר א ז מ ע ר: אָבער פארוואָס האָסטו ניט שפּעטער—? פאר וואָס האָסטו גאָרניט געזאָגט וועגען דער גאנצער געשיכטע?

ק ר אָ ל ל: צו וואָס האָב איך געדארפט קומען דיר מאכען שמערצען, און דיך נאָך מעהר קוועלען? איך האָב דאָס אלעס גע־

האלטען פאר פוסטע, ווילדע איינבילדונגען — ביז נעכטען אָוונד.

ר אָ ז מ ע ר: הייסט עס, איצטער האָסטו געביטען דיין מיי־נונג?

ק ר אָ ל ל: האָט בעאטע ניט רעכט געהאט, ווען זי האָט געזאָגט, אז דו ווילסט פערלאָזען דעם גלויבען פון דיינע עלטערען?

ר א ז מ ע ר: (קוקט אונבעוועגליך, גלייך פאר זיך) איך קען עס ניט פערשטעהן. עס איז די אונבעגרייפליכסטע זאך אין דער וועלט.

ק ר אָ ל ל: אונבעגרייפליך אָדער ניט — אָבער עס איז דאָך אזוי. און איצט פרעג איך דיך, ראָזמער, — ווי פיעל אמת איז דאָ אין איהר צווייטער בעשולדיגונג? די לעצטע, מיין איך.

ר א ז מ ע ר: בעשולדיגונג! איז ד אָ ס געווען א בעשול־דיגונג?

ק ר א ל ל: אפשר האָסטו ניט בעמערקט ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט. זי האָט געזאָגט, זי מוז שטארבען. ווארום?

ר א ז מ ע ר: כדי איך זאָל קענען הייראטען רעבעקאן—

ק ר א ל ל: דאָס זיינען ניט פונקט איהרע ווערטער. בעאטע האָט געברויכט אַן אנדער אויסדרוק. זי האָט געזאָגט: „איך האָב שוין ניט לאנג צו לעבען; דען יאהאנעס מ ו ז ג ל י י ך היי־ראטען רעבעקאן".

ר א ז מ ע ר: (קוקט אויף איהם אַן אויגענבליק, דאן הויבט ער זיך אויף) איצט פערשטעה איך דיך, קראלל.

ק ר אָ ל ל: וואָס פאר אַן ענטפער גיסט דו?

ר א ז מ ע ר: (שטיל און בעהערשענדיג זיך) אויף אזא אונ־ערהערטער—? דער איינציגער פאסענדער ענטפער וואָלט געווען צו ווייזען די טיר.

ק ר א ל ל: (הויבט זיך אויף) זעהר גוט.

ר אָ ז מ ע ר: (שטעלט זיך איהם אנקעגען) הער מיך אוים. אריבער א יאָהר — זינט בעאטע האָט אונז פערלאָזען — האָבען רעבעקא וועסט און איך געלעבט גאנץ אליין אין ראָזמערסהאָלם. די גאנצע צייט האָסט דו געוואוסט בעאטעס בעשולדיגונג געגען

אונז, און דאָך האָב איך קיינמאָל ניט בעמערקט אז דו זאָלסט זיין דאגעגען רעבעקא'ס וואָהנען ביי מיר אין הויז.

קראָלל: איך האָב ניט געוואוסט ביז נעכטען אָוועגד, אז דאָס וואָהנען צוזאַמען אַ פריידענקענדער מאַן מיט אַן עמאַנציפּירטער פרוי.

ראָזמער: אהא! — דו גלויבסט אלזאָ ניט, אז ביי די פריידענקענדע און עמאַנציפּירטע זיינען פאַראַן ריינע געדאַנקען? דו גלויבסט ניט, אז זיטליכקייט קען ביי זיי זיין אַ נאַטירליכער געפיהל?

קראָלל: איך האָב ניט קיין גרויסען צוטרויען צו דער זיטליכקייט, וועלכע איז ניט בעגרינדעט אויף דער לעהרע פון דער קירך.

ראָזמער: די מיינונג ווילסטו אָנווענדען אויף רעבעקאַן מיט מיר? אויף די פערהעלטניסע צווישען אונז ביידען — ?

קראָלל: נעהמענדיג אין אכט אפילו איך ביידען, קען איך דאָך ניט אָבטרעטען פון מיין מיינונג, אז עס איז ניטאָ קיין מורא'דיג טיעפער אָבגרונד צווישען פרייען געדאַנק —און — ה'ם.

ראָזמער: און וואָס?

קראָלל: און פרייער ליעבע — אז דו ווילסט שוין יאָ וויסען.

ראָזמער: (שטיל) און דו שעמסט זיך ניט מיר דאָס צו זאָגען? דו, וועלכער האָסט מיך געקענט פון מיין פריהעסטער יוגענד!

קראָלל: אָט טאקע דערפאַר. איך וויים, ווי לייכט דו ווערסט בעאיינפלוסט פון די מענשען, צווישען וועלכע דו געפינסט זיך. און די רעבעקא דיינע — נו, אָט די פריילין וועסט — אין אמת'ען ווייסען מיר וועגען איהר זעהר וועניג, אָדער גאָרניט. אין קורצען, ראָזמער — איך וועל דיך ניט אָבלאָזען. און דו אליין מוזט זעהען בעצייטענס זיך רעטען.

ראָזמער: זיך רעטען? ווי—?

(פרוי העלזעט קוקט אריין דורך די טיר רעכטס).

ראָזמער: וואָס ווילט איהר?

פרוי העלזעט: איך האָב געוואָלט בעטען פריילײן ווערסט אראָבגעהן אונטען.

ראזמער: פריילײן ווערסט איז דאָ ניטאָ.

פרוי העלזעט: ניטאָ דאָ? (קוקט זיך אום אין צימער) נו, דאָס איז מאָדנע. (אָב.)

ראזמער: דו האָסט געזאָגט—?

קראָלל: הער מיך אויס. איך וועל ניט פרובירען אויסצוגעפינען די געהײמניסע, וועלכע זײנען דאָ פאָרגעקומען בײ בעאטעס לעבען — און וועלכע קומען דאָ נאָך אפשר איצט פאָר — דו ביסט געוועזן זעהר אונגליקליך אין דײן פערהײראטען לעבען. און דאָס מוז מען, וואהרשײנליך, אָננעהמען פאר א געוויסע ענטשולדיגונג —

ראזמער: אָה, ווי װעניג דו קענסט מיך אויף אן אמת'ן!

קראָלל: שלאָג מיר ניט איבער. וואָס איך מײן איז דאָס: אויב דײן איצטיגער ארט לעבען מיט פרײל. ווערסט מוז אָנהאלטען װײטער, דאן איז עס אבסאָלוט נײטיג — אז די ענדערונג פון דײנע מײנונגען — דײן אונגליקליכער פאל־אראָב — וואָס איהר בײזער אײנפלוס האָט מיטגעבראכט, זאָל פערדעקט ווערען. לאָז מיך אויסרעדען! לאָז מיך אויסרעדען! איך זאָג, אויב עס מוז שוין יא אזוי זײן, איז דאן, אין הימעל'ס ווילען, דענק דיר און גלויב דיר ווי דו ווילסט און וואָס דו ווילסט וועגען אלעם אויף דער וועלט. נור האלט דײנע מײנונגען בײ זיך. די זאכען זײנען נאָך אלעמען רײן פערזענליכע אנגעלעגענהײטען. עס איז ניט נײטיג פונאנדערפויקען זײ אין אלע עקען לאנד.

ראזמער: איך פיהל אן אבסאָלוטע נויטווענדיגקײט ארויסצוטרעטען פון א פאלשער און צווײדײטיגער לאגע.

קראָלל: דו האָסט אָבער א פליכט געגענאיבער די טראַדיציעס פון דײן שטאם, ראזמער! דאָס מוזט דו געדענקען! ראזמערסהאָלם איז פון אלטע, אלטע צײטען אָן געוועזן די הײם פון אָרדנונג און זיטליכקײט, — און פון אכטונג צו דעם וואָס איז אנער־

קענט און אַנגענומען ביי דער בעסטער געזעלשאַפט. אויפ'ן גאַנ־צען געגענד ליעגט דער שטעמפּעל פון ראָזמערסהאָלם. עס וואָלט גע־פיהרט צו א געפעהרליכער אונפּערריכטבארער געדאַנקען־פערווי־רונג ווען מען זאָל זיך דערוויסען, אז דו האָסט געבראָכען מיט דאָס וואָס איך וואָלט אָנגערופען די מיטגעבאָרענע אידעע פון דער פאַ־מיליע ראָזמער.

ר א ז מ ע ר: מיין ליבער קראָלל, איך קען אויף דער זאַך אזוי ניט קוקען. איך געפין, אז עס איז מיין הייליגע פליכט אריין צו ברענגען עטוואָס ליכט און פרייד אַט דאָ, וואו די פאַמיליע ראָז־מער איז פון דור־דורות געווען א צענטער פון פינסטערניש און אונ־טערדריקונג.

ק ר א ל ל: (קוקט אויף איהם שטרענג) יא, דאָס וואָלט זיין א ווירדיגע לעבענס־אויפגאבע פאר א מאַן, מיט וועלכען דער שטאם ענדיגט זיך! ניין, ראָזמער, לאָז עס בעסער צורוה; די אויפגאַ־בע איז ניט פאר דיר. דו ביסט געבוירען צו זיין א רוהיגער געלעהר־טער.

ר אָ ז מ ע ר: עס קען זיין. אָבער איך וויל אויך אמאָל נעה־מען אן אנטהייל אין דעם קאמפף פון לעבען.

ק ר א ל ל: ווייסט דו וואָס פאר א בעדייטונג אַט דער לע־בענסקאמפף וועט האָבען פאר דיר? עס וועט הייסען א קאמפף אויף לעבען און טויט מיט אַלע דיינע פריינד.

ר א ז מ ע ר: (רוהיג) זיי זיינען דאָך ניט אַלע אזוי פאַנאַ־טיש, ווי דו.

ק ר א ל ל: דו ביסט גאַנץ נאַיוו, ראָזעמער. גאָר ניט קיין פּראַקטישער מענש. דו האָסט קיין בעגריף ניט וואָס פאר א גע־וואַלטיגער שטורם עס וועט אויסברעכען אנקעגען דיר.

(פרוי העלזעט קוקט אריין פון דער טיר לינקס.)

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: פרײלין וועסט וויל וויסען —

ר אָ ז מ ע ר: וואָס איז?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: אונטען איז דאָ א מאַן, וועלכער וואָלט וועלען רעדען א פּאָר ווערטער מיט'ן הערר פּאַסטאָר.

ר אָ ז מ ע ר: דער, וואָס איז דאָ געווען געסטערן אָוונד?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: ניין, דאָס איז — דער מאַרטענס־גארד.

ר אָ ז מ ע ר: מאַרטענסגארד?

ק ר א ל ל: אהא! אזוי ווייט איז עס געקומען? — שוין!

ר א ז מ ע ר: וואָס וויל ער פון מיר? פאר וואָס האָט איהר איהם ניט אוועקגעשיקט?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: פריילין וועסט האָט געזאָגט, איך זאָל איך פרעגען צי ער קען ארויפקומען.

ר א ז מ ע ר: זאָגט איהם, אז איך בין פערנומען —

ק ר אָ ל ל: (צו פרוי העלזעט) הייסט איהם ארויפקומען, פרוי העלזעט.

(פרוי העלזעט געהט אָב)

ק ר אָ ל ל: (נעהמט זיין הוט.) איך ציה זיך צוריק פון שלאכטפעלד — פאַרלויפיג. אָבער די הויפט שלאכט וועט ערשט קומען.

ר אָ ז מ ע ר: אויף מיין עהרענוואָרט, קראָלל — איך האָב גאָרניט צו טהאָן מיט מאַרטענסגארד'ן.

ק ר א ל ל: איך גלויב דיר ניט. פון איצט אָן וועל איך דיר וועגען קיין שום זאך און אין קיין שום פערהעלטניס ניט גלויבען. מיר זיינען איצטער אויף מעסערשטעך. מיר וועלען זעהן צי מיר קענען דיך ניט מאכען אונשעדליך.

ר אָ ז מ ע ר: אָה, קראָלל — ווי ניעדעריג, ווי אונגעהויער ניעדעריג דו ביסט געזונקען!

ק ר א ל ל: איך? און דו דענקסט, אז דו האָסט אַ רעכט עס מיר צו זאָגען! געדענק בעאטען!

ר אָ ז מ ע ר: דו קלאַפּסט נאָך אלץ אויף ד ע ם?

ק ר אָ ל ל: ניין. דאָס רעטעניש מיט'ן מיהל־טייך מוזטו אליין לעזען נאָך דיין אייגענעם געוויסען — אויב דו האָסט נאָך אזא זאך.

(פעטער מאַרטענסגאַרד קומט אריין פון דער לינקער טיר. ער

איז א קליינער, קרעפּטיגער מאַן מיט דינע, רויטליכע האָאָר און באָרד.)

קראָלל: (גיט אויף איהם אַ קוק מיט האס) אה, דאָ האָבען מיר דעם „לייכט-טורעם"—ברענענדיג אין ראָזמערהאָלם! (פער־שפּיעלעט זיין ראָק) נו, איצט קען איך שוין מעהר ניט צווייפלען, וואָס פאר א וועג איך דארף נעהמען.

מאַרטענסגארד: (רוהיג) דער „לייכט-טורעם" וועט אימער זיין בערייט צו בעלייכטען פאר'ן רעקטאָר זיין וועג אהיים.

קראָלל: יא, איהר האָט שוין לאנג בעוויזען אייער גוטען ווילען. עס איז, איבריגענס, פאראן א געבאָט, וועגען פאלש עדות זאָגען געגען אונזער נאכבאר.

מאַרטענסגארד: דער הערר רעקטאָר דארף מיך ניט לערנען די צעהן געבאָט.

קראָלל: אפילו ניט דעם זיעבעטען?

ראָזמער: קראָלל — !

מאַרטענסגארד: ווען מען זאָל מיך דארפען לערנען, וואָלט עס גיכער געווען דעם הערר פּאסטאָרס אויפגאבע.

קראָלל: (מיט פערדעקטען שפּאָט) דעם הערר פּאסטאָרס? יא, אָהן צווייפעל איז פּאסטאָר ראָזמער דער מאן דערפאר. — זאָל זיין מיט גליק, מיינע הערען! (ער געהט און גיט אַ קלאַפּ מיט דער טיר הינטער זיך).

ראָזמער: (קוקט אויף דער פערמאַכטער טיר און זאָגט צו זיך אליין) נו, נו — זאָל זיין אזוי. (קעהרט זיך אום) הערר מאַר־טענסגארד, ווילט איהר זיין אזוי גוט און מיר זאָגען, וואָס האָט אייך געבראכט צו מיר?

מאַרטענסגארד: אייגענטליך בין איך געקומען צו פריילין וועסט. איך האָב איהר געוואָלט אָבדאנקען פאר דעם פריינדליכען בריעף, וועלכען איך האָב געסטערן ערהאלטען פון איהר.

ראָזמער: איך וויים, אז זי האָט אייך געשריבען. האָט איהר זי שוין געזעהען?

מאַרטענסגארד: יא, אויף א ווייל. (מיט אַ לייכטען

שמייכעל) איך הער, אז דאָ אין ראָזמערסהאָלם איז פאָרגעקומען א גרויסע ענדערונג אין מיינונגען.

ראָזמער: מיינע מיינונגען האָבען זיך געענדערט אין פיעל הינזיכטען. איך מעג זאָגען כמעט אין אלע.

מאָרטענסגארד: פריילין וועסט האָט מיר שוין געזאָגט, דערפאר טאקע האָט זי געוואָלט איך זאָל ארויפגעהן און איבער רעדען מיט'ן הערר פאסטאָר.

ראָזמער: וועגען וואָס, הערר מאָרטענסגארד?

מארטענסגארד: מעג איך פערעפענטליכען אין „לייכט-טורעם", אז איהר האָט געענדערט אייערע אנשויאונגען — אז איהר שטעהט צו צו דער פארטיי פון פרייהייט און פאָרטשריט?

ראָזמער: געוויס מעגט איהר עס טהאָן. איך בעט אייך זאָגאר דאָס צו פערעפענטליכען.

מארטענסגארד: דאַן וועלען מיר עס האָבען אין צייטונג מאָרגען פריה. עס וועט ארויסרופען א גרויסע סענסאציע, ווען מען וועט זיך דערוויסען, אז פאסטאָר ראזמער פון ראזמערסהאלם איז בערייט צו קעמפפען פאר דער אויפקלעהרונג אויך אין דעם זינן.

ראזמער: איך פערשטעה אייך ניט.

מארטענסגארד: איך מיין, אז פאר אונזער פארטיי איז עס א גרויסע מאראלישע שטיצע ווען מיר געווינען אן ערנסטען קריסטליך - געזאָנענעם אנהענגער.

ראזמער: (עטוואָס ערשטוינט) ווייסט איהר אלזאָ ניט? פריילין וועסט האָט דאָס אייך ניט געזאָגט?

מארטענסגארד: וואָס, פאסטאָר ראזמער? פריילין וועסט האָט זיך זעהר געאיילט. זי האָט געזאָגט, איך זאָל ארויף געהן און אויסהערען דאָס איבריגע פון אייך אליין.

ראזמער: אויב אזוי, קען איך אייך זאָגען, אז איך האָב זיך אין גאנצען בעפרייט, און אין אלע הינזיכטען. איך האָב געבראָכען מיט אלע דאָגמען פון דער קירך. פון איצט אָן האָבען זיי פאר מיר קיין בעדייטונג ניט.

מ אַ ר ט ע נ ס ג אַ ר ד : (קוקט אויף איהם פערוואונדערט) נו ! ווען דער הימעל זאָל אראָב פאלען אויף דער ערד וואָלט דאָס מיך ניט מעהר — ! פאסטאָר ראָזמער אליין ערקלעהרט — !

ר אָ ז מ ע ר : יא, איך שטעה איצט, וואו איהר זייט גע־שטאנען פאר יאָהרען לאנג. איהר מעגט דאָס אויך פערעפענטלי־כען מאָרגען אין „לייכט־טורעם“.

מ אָ ר ט ע נ ס ג אַ ר ד : דאָס אויך ? ניין, מיין ליעבער פאס־טאָר, — ענטשולדיגט — איך דענק ניט אז ס'איז קלוג צו בעריה־רען די זייט פון דער זאך.

ר אָ ז מ ע ר : דאָס ניט בעריהרען ?

מ אַ ר ט ע נ ס ג אַ ר ד : ניט איצט, מיין איך.

ר אָ ז מ ע ר : איך פערשטעה ניט.

מ אָ ר ט ע נ ס ג אַ ר ד : נו, זעהט איהר, הערר פאסטאָר — איהר זייט וואהרשיינליך ניט אזוי גוט בעקאנט מיט אלע פערהעלט־ניסען, ווי איך. אָבער, וויבאלד איהר זייט איבערגעגאנגען צו דער פארטיי פון פרייהייט — און, ווי איך הער פון פריילין וועסט, ווילט איהר נעהמען אַ טהעטיגען אנטהייל אין דער בעוועגונג — בין איך זיך משער, אז איהר וואָלט וועלען זיין אזוי פיעל נוצליך ווי מעגליך, אי פאר דער זאך אין אלגעמיין, אי פאר אָט ד ע ר ספעציעלער בעוועגונג.

ר אָ ז מ ע ר : יא, דאָס איז מיין ערנסטער וואונש.

מ אָ ר ט ע נס ג אַ ר ד : גוט; אָבער איצט מוז איך אייך זאָ־גען, פאסטאָר ראָזמער, אז אויב איהר וועט אָפען ארויסקומען און ערקלעהרען, אז איהר האָט איבערגעריסען מיט דער קירך, דאן פער־בינדט איהר זיך די הענד גלייך פון אָנהויב אָן.

ר אָ ז מ ע ר : אזוי דענקט איהר ?

מ אָ ר ט ע נ ס ג אַ ר ד : יא; גלויבט מיר, אז איהר וועט דאן ניט פיעל קענען אויפטהאָן פאר דער זאך, ניט אין דעם געגענד יעדענפאלס, און אויסער דעם — פריידענקער האָבען מיר שוין גע־נוג, פאסטאָר ראָזמער — מעג איך כמעט זאָגען, שוין צופיעל. וואָס די פארטיי דארף, איז אַ קריסטליכען עלעמענט — אזוינעם, וועל־

כען יעדער מוז אכטען. דעריין נויטיגען מיר זיך שטארק. דערפאר וואָלט איך אייך געראטהען, איהר זאָלט מאכען א שווייג וועגען די זאכען, וואָס געהען ניט אָן דעם פובליקום. דאָס איז, וועניגסטענס מיין מיינונג וועגען דעם.

ר אָ ז מ ע ר: איך פערשטעה. דאן, הייסט עס, אויב איך וועל עפענטליך ערקלערען מיינע בעציהונגען צו דער קירך, וועט איהר ניט וואגען צו האָבען צו טהאָן מיט מיר?

מ אָ ר ט ע נ ס ג א ר ד: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) איך וואָלט דאָס ניט וועלען ריזיקירען, העדר פאסטאָר. די לעצטע צייט האָב איך מיר געמאכט א רעגעל ניט צו שטיצען קיינעם אָדער קיין זאך, וואָס איז אקטיוו פיינדליך צו דער קירך.

ר אָ ז מ ע ר: הייסט עס, אז איהר האָט זיך אליין צוריקגעקעהרט צו דער קירך?

מ אָ ר ט ע נ ס ג א ר ד: דאָס האָט מיט קיינעם ניט צו טהאָן אויסער מיר.

ר אָ ז מ ע ר: אזוי גאָר. איצט פערשטעה איך אייך.

מ אָ ר ט ע נ ס ג א ר ד: פאסטאָר ראָזמער, איהר מוזט געדענקען, אז איך — בעזאָנדערס איך — האָב ניט קיין פולע פרייהייט צו האנדלען, ווי איך וויל.

ר אָ ז מ ע ר: וואָס בינדט אייך דען?

מ אָ ר ט ע נ ס ג א ר ד: דער פאקט וואָס איך בין א געבראנדמארקטער מענש.

ר אָ ז מ ע ר: אָה — ווירקליך.

מ אָ ר ט ע נ ס ג א ר ד: א געבראנדמארקטער מענש, הערר פאסטאָר. איהר וואָלט דאָס בעזאָנדערס געדארפט געדענקען. ווייל הויפטזעכליך האָב איך אייך צו פערדאנקען פאר'ן סקאנדאל, וואָס האָט מיך געבראנדמארקט.

ר אָ ז מ ע ר: ווען איך וואָלט דאן געשטאנען, וואו איך שטעה איצט, וואָלט איך אייער חטא מילדער בעהאנדעלט.

מ אָ ר ט ע נ ס ג א ר ד: דעריין צווייפעל איך ניט. איצט איז שוין אָבער צו שפעט. איהר האָט מיך געבראנדמארקט איין

מאָל פאר אלע מאָל — געבראַנדמארקט אויפ'ן גאנצען לעבען. איך רעכען אז איהר קענט גאָר ניט בעגרייפען וואָס דאָס מיינט. נור איצטער וועט איהר אפשר באלד אליין פיהלען דעם שמערץ דערפון, הערר פאסטאָר.

ר אָ ז מ ע ר : איך?

מ אָ ר ט ע נ ס ג א ר ד : יא. איהר דענקט דאָך ניט, אז רעקטאָר קראָלל און זיין קרייז וועלען ווען עס איז מוחל זיין אזא אַבטריניגונג ווי אייערע? און איך הער, אז די „אמטס-צייטונג“ וועט אָנהויבען ארויסצוטרעטען זעהר שארף. עס וועט ניט לאַנג נעהמען און איהר וועט אויך ווערען א געבראנדמארקטער מענש.

ר אָ ז מ ע ר : אין פערזענליכע אנגעלעגענהייטען פיהל איך זיך זיכער, הערר מאָרטענסגארד. געגען מיין לעבען קען מען גאָר ניט אויסזעצען.

מ אָ ר ט ע נ ס ג א ר ד : (מיט א כיטרען שמייכעל) דאָס איז ברייט געזאָגט, הערר ראָזמער.

ר אָ ז מ ע ר : עס קען זיין; אָבער איך האָב א רעכט דאָס צו זאָגען.

מ אָ ר ט ע נ ס ג א ר ד : אפילו אויב איהר זאָלט זיך אזוי גוט צוקוקען צו אייער פיהרונג, ווי איהר האָט זיך אמאָל צוגעקוקט צו מיינער?

ר אָ ז מ ע ר : אייער טאָן איז זעהר א מאָדנער. וועגען וואָס גיט איהר עס אָנצוהערען? עטוואָס בעשטימטעס?

מ אָ ר ט ע נ ס ג א ר ד : יא, עטוואָס בעשטימטעס. נור איין זאך, אָבער דאָס קען ווערען גאנץ שלים, ווען עס זאָל אריין פאלען אין די מיילער פון בייזע געגנער.

ר אָ ז מ ע ר : ווילט איהר זיין אזוי גוט און מיר זאָגען וואָס דאָס איז אזוינס?

מ אָ ר ט ע נ ס ג א ר ד : קענט איהר עס אליין ניט טרעפען, הערר פאסטאָר?

ר אָ ז מ ע ר : ניין, געוויס ניט. איך האָב ניט די קלענסטע אהנונג.

מאַרטענסגאַרד: נו, אויב אזוי מוז איך דערמיט ארויסקומען. — איך האָב אַ זאָנדערבאַרען בריעף, וועלכער איז געשריבען געוואָרען אין ראָזמערסהאָלם.

ראָזמער: איהר מיינט פריילין וועסט'ס בריעף? איז ער דען אזוי זאָנדערבאר?

מאַרטענסגאַרד: ניין, דער בריעף איז ניט זאָנ־דערבאר. אָבער איך האָב בעקומען אַן אנדער בריעף פון דיזען הויף.

ראָזמער: אויך פון פריילין וועסט?

מאַרטענסגאַרד: ניין, הערר פאַסטאָר.

ראָזמער: נו, פון וועמען זשע דען? פון וועמען?

מאַרטענסגאַרד: פון דער זעליגער פרוי ראָזמער.

ראָזמער: פון מיין פרוי! איהר האָט ערהאַלטען אַ בריעף פון מיין פרוי?

מאַרטענסגאַרד: יאָ.

ראָזמער: ווען?

מאַרטענסגאַרד: נאָהענט פאַר פרוי ראָזמער'ס טוידט. ארום אַ יאָהר און אַ האַלב צוריק. אָט דעם בריעף רוף איך עס זאָנדערבאר.

ראָזמער: איהר מוזט מסתמא וויסען, אז מיין פרוי איז אין יענער צייט געווען עטוואָס געריהרט אין די געדאַנקען.

מאַרטענסגאַרד: יאָ, איך ווייס, אז פיעלע האָבען אזוי געדענקט. אָבער, איך דענק ניט, אז מען קען עס מערקען פון דעם בריעף. ווען איך רוף עס זאָנדערבאר, מיין איך עס אין אַן אנ־דער זינן.

ראָזמער: און וואָס, אין הימעלס נאָמען, האָט מיין אונגליקליכע פרוי איך געקענט שרייבען?

מאַרטענסגאַרד: איך האָב דעם בריעף אין דער היים. זי פאַנגט אונגעפעהר אָן, אז זי לעבט אין גרויס אַנגסט און שרעק; עס זיינען פאַראַן אזוי פיעל שלעכטע מענשען אין דעם

געגענד, שרייבט זי; און די מענשען דענקען נור וועגען דעם, ווי איך צו ברענגען שאדען און שמערצען.

ראָזמער: מיר?

מאַרטענסגארד: יאָ, אזוי שרייבט זי. און דאַן קומט דאָס זאָנדערבארסטע! זאָל איך פאָרטזעצען, הערר פאסטאָר?

ראָזמער: יא, געוויס! דערצעהלט מיר אלעס, האלט קיין זאך ניט צוריק.

מאַרטענסגארד: די זעליגע פרוי בעט מיך, איך זאָל זיין גוטהערציג. זי וויים, שרייבט זי, אז עס איז געוועזן דעם הערר פאסטאָר'ס שולד, וואָס מען האָט מיך אראָבגעזעצט פון מיין שטעלע אלס לעהרער; און זי בעשווערט מיך מיט אלעס וואָס איז הייליג, איך זאָל ניט נעהמען קיין ראכע.

ראָזמער: ווי אזוי האָט זי דען געדענקט, אז איהר האָט געקענט נעהמען ראכע?

מאַרטענסגארד: אין בריעף שטעהט, אז אויב איך וועל הערען לייטישע רייד וועגען זינדיגע מעשים אין ראָזמערס־האָלם, זאָל איך ניט גלויבען; די קלאנגען פערשפרייטען נור שלעכ־טע מענשען, וועלכע ווילען אייך אונגליקליך מאכען.

ראָזמער: דאָס אלעס שטעהט אין בריעף!

מאַרטענסגארד: מיין הערר, איהר קענט עס אליין לעזען, אויב איהר ווילט.

ראָזמער: אָבער איך פערשטעה ניט —! וועגען וואָס האָט זי זיך איינגעבילדעט טראָגען זיך ארום די שלעכטע קלאנגען?

מאַרטענסגארד: ערשטענס, אז דער הערר פאס־טאָר האָט אוועקגעוואָרפען דעם גלויבען פון זיינע עלטערען. אייער פרוי האָט עס אבסאָלוט געלייקענט דאמאָלס. און דאַן — הם —

ראָזמער: וואָס דאַן?

מאַרטענסגארד: און דאַן שרייבט זי — שוין אבי־סעל ניט קלאָהרליך, אז זי וויים ניט פון קיינע זינדיגע אינטריגעס אין ראָזמערסהאָלם; אז געגען איהר איז קיינמאָל קיין אונרעכט ניט בעגאנגען געוואָרען. און אויב עס וועלען ארומגעהן קלאנגען

װעגען אזעלכע זאכען, בעט זי מיך, איך זאָל װעגען דעם ניט שרײַ־
בען אין „לײכט־טורעם".

ר אָ ז מ ע ר: איז קײן נאָמען ניט דערמאָנט?

מ אָ ר ט ע נ ס ג א ר ד: נײן.

ר אָ ז מ ע ר: װער האָט אײך געבראַכט דעם בריעף?

מ אָ ר ט ע נ ס ג א ר ד: איך האָב פערשפּראָכען דאָס ניט צו זאָגען. מען האָט עס מיר געבראַכט א געװיסען טאָג צו אבענד צו.

ר אָ ז מ ע ר: װען איהר װאָלט געװען גלײך נאָכגעפרעגט, װאָלט איהר ערפאהרען, אז מײן אונגליקליכע, אָרימע פרױ איז דאָן ניט אין גאנצען געװען פעראנטװאָרטליך פאר איהרע טהאטען.

מ אָ ר ט ע נ ס ג א ר ד: איך האָב זיך טאקע נאָכגעפרעגט, הערר פּאסטאָר. אָבער איך מוז זאָגען, אז איך האָב ניט בעקומען אזא אײנדרוק.

ר אָ ז מ ע ר: נײן? אָבער צו װאָס, אײגענטליך, דער־צעהלט איהר מיר גאָר איצט װעגען דעם אלטען ניט גאנץ קלאָהרען בריעף?

מ אָ ר ט ע נ ס ג א ר ד: כדי אײך צו דערװײזען די נױט־װענדיגקײט פון צו זײן זעהר פארזיכטיג, פּאסטאָר ראָזמער.

ר אָ ז מ ע ר: אין מײן ארט לעבען, מײנט איהר?

מ אָ ר ט ע נ ס ג א ר ד: יא. איהר מוזט געדענקען, אז פון איצט אָן, זײט איהר שױן ניט מעהר קײן זײטיגער מענש.

ר אָ ז מ ע ר: איהר האָט, הײסט עס, בעשלאָסען בײ זיך, אז איך מוז טאקע האָבען עפּעס װאָס איך דארף פארבעהאלטען?

מ אָ ר ט ע נ ס ג א ר ד: איך זעה ניט אײן, פארװאָס א פרײגעזאָנענער מענש זאָל ניט געניסען פון לעבען װיפיעל עס איז איהם מעגליך. אָבער, װי איך האָב אײך פריהער געזאָגט, זײט פאָרזיכטיג. זאָל נור ארױס עפּעס א קלאנג, װעלכער איז געגען די איצטיגע פּאָראורטהײלע, דאַן קענט איהר זײן זיכער, אז די גאנצע ליבעראלע בעװעגונג װעט פון דעם לײדען. — א גוטען טאָג, פּאָס־טאָר ראָזמער!

ר אָ ז מ ע ר: א גוטען טאָג.

מאַרטענסגאַרד: איצט געה איך גלייך אין דרוקע־ריי, און וועל אריין שטעלען די גרויסע נייעס אין „לייכט־טורעם".

ראַזמער: יא; פערפעהלט קיין זאך ניט.

מאַרטענסגאַרד: איך וועל גאַר ניט פערפעהלען פון דעם, וואָס דאָס פובליקום דארף וויסען! (ער פערנייגט זיך און געהט. וועהרענד ער געהט ארונטער די טרעפּ, בלייבט ראַזמער שטעהן ביי דער טיר. מען הערט ווי די הויז טיר פערמאַכט זיך).

ראַזמער: (אין טיר, רופט מיט א ווייכער שטימע) רעבע־קא! רע—. הם. (הויך) פרוי העלזעט — איז פריילין וועסט ניטאָ דאָרטען?

פרוי העלזעט: (פון פאָדערצימער) ניין, הערר פּאס־טאָר, זי איז דאָ ניטאָ.

(דער פאָרהאַנג אויף דער טיר אין הינטערגרונד ווערט פערצוויגען אויף אַ זייט. רעבעקאַ בעווייזט זיך אין טיר).

רעבעקא: ראַזמער!

ראַזמער: (דרעהט זיך אום) וואָס! דו ביסט געוועזן אין מיין צימער! מיין ליעבע, וואָס האָסטו דאָרטען געטהאָן?

רעבעקא: (צוקומענדיג צו איהם) איך האָב זיך אונטער־געהערט.

ראַזמער: אָה, רעבעקא, ווי אזוי האָסטו דאָס געקענט טהאָן?

רעבעקא: איך האָב מיר ניט געקענט העלפען. ער האָט עס געזאָגט מיט אזא האס — וועגען מיין מאָרגען - ראָק —

ראַזמער: דו ביסט דאָרט, הייסט עס, געוועזן אויך ווען קראָלל—?

רעבעקא: יא. איך האָב געוואָלט וויסען וואָס עס טהוט זיך ביי איהם אין די געדאנקען.

ראַזמער: איך וואָלט דאָך דיר געוועזן דערצעהלט.

רעבעקא: איך גלויב קוים, אז דו וואָלסט מיר אלעס דערצעהלט. און געוויס ניט מיט זיינע ווערטער.

ראַזמער: האָסטו דען אלעס געהערט?

ר ע ב ע ק א: כמעט אלעס, דענק איך. איך האב געמוזט ארונטערגעהן אויף א ווײלע, ווען מארטענסגארד איז געקומען.

ר אָ ז מ ע ר: און דאן ביסטו צוריק געקומען — ?

ר ע ב ע ק א: זײ אויף מיר ניט אין כעס, ליעבער פרײנד!

ר אָ ז מ ע ר: טהו וואס דו אלײן געפינסט פאר רעכט. דו האסט די פולע פרײהײט. — אבער, וואס זאגסטו דו צו דעם אלעס, רעבעקא? — אה, מיר דאכט איך האב זיך קײנמאל ניט אזוי גע־נויטיגט אין דיר ווי יעצט!

ר ע ב ע ק א: מיר בײדע זײנען געווען פארבערײטעט אויף דאס, וואס האט געמוזט אמאל קומען.

ר אָ ז מ ע ר: נײן, נײן — ניט אויף דאס.

ר ע ב ע ק א: ניט דערצו?

ר אָ ז מ ע ר: איך האב גוט געוואוסט, אז אונזער שעהנע און רײנע פרײנדשאפט וועט ווען עס איז שלעכט אויסגעטײטשט און בעשמוצט ווערען. ניט פון קראללען — אויף איהם האב איך קײן מאל אזא זאך ניט געקענט גלויבען — נור פון די אלע אנדערע לײט מיט די פערגרעבטע נשמות און ציניש אויגען. אה יא — איך האב געהאט גענוג גרונד צו האלטען אונזער פערבינדונג אזוי געטרײ אין געהײם ווי מעגליך. עס איז געווען א געפעהרליכע גע־הײמניס.

ר ע ב ע ק א: אך, וואס דארף אונז ארען, וואס די אלע לײט וועלען דענקען! מיר ווײסען דאך בײ זיך אין הארצען, אז מיר זײנען אונשולדיג.

ר אָ ז מ ע ר: אונשולדיג? איך? יא, דאס האב איך אויך געדענקט, — ביז הײנט. אבער איצט — איצט, רעבעקא —?

ר ע ב ע ק א: נו, און איצט?

ר אָ ז מ ע ר: ווי זאל איך מיר ערקלעהרען בעאטעס שרעק־ליכע בעשולדיגונג?

ר ע ב ע ק א: (האסטיג) אה, רעד ניט פון בעאטען! דענק ניט מעהר וועגען בעאטען! דו האסט ערשט יעצט אנגעהויבען

צו בעפרייען זיך פון דעם שווערען דרוק וואָס זי לעגט ארויף אויף דיר, אפילו אין קבר.

ר אָ ז מ ע ר : זינט איך האָב דאָס אלעם ערפאהרען, איז זי עפּעס אויף אַ שרעקליכען אופן ווי נאָך אמאָל לעבעדיג געוואָרען פאר מיר.

ר ע ב ע ק אַ : אָה, ניין. דאָס ניט, ראָזמער! דאָס ניט!

ר אָ ז מ ע ר : יאָ, איך זאָג דיר. מיר מוזען זעהן צו אונ־טערזוכען די זאך ביז אין גרונד. וואָס האָט איהר געקענט פיהרען דערצו, זי זאָל אויסטייטשען זאכען אזוי געפעהרליך?

ר ע ב ע ק אַ : דו הויבסט דאָך זיכער ניט אָן צו צווייפלען, אז זי איז געווען כמעט משוגע?

ר אָ ז מ ע ר : אָה, יאָ — וועגען דעם טאקע קען איך מעהר ניט זיין אזוי זיכער. און אויסער דעם — אויב אפילו זי איז געווען —

ר ע ב ע ק אַ : אויב זי איז געווען? נו, וואָס דאן?

ר אָ ז מ ע ר : איך מיין — וואו זאָלען מיר זוכען די ריכ־טיגע אורזאך, וואָס האָט איהר קראנקען געמיטה געפיהרט צו וואהנ־זינן!

ר ע ב ע ק אַ : אָה, נאָך וואָס זאָל מען זיך גריבלען אין פּראָבלעמען, וועלכע קיינער קען ניט פערענטפערען?

ר אָ ז מ ע ר : איך קען מיר ניט העלפען, רעבעקאַ. ווי שטארק איך זאָל דאָס ניט וועלען, קען איך זיך דאָך ניט בעפרייען פון דעם צווייפעל, וואָס נאָגט מיך אזוי.

ר ע ב ע ק אַ : אָבער עס קען ווערען געפעהרליך — דאָס אייביגע גריבלען זיך אין איין טרויעריגער זאך.

ר אָ ז מ ע ר : (שפּאצירט ארום אונרוהיג און פערטראַכט) איך האָב זיך געמוזט אליין מיט עפּעס פערראַטהען. זי האָט געמוזט בע־מערקען, ווי גליקליך איך האָב זיך אָנגעהויבען צו פיהלען, זינט דו ביסט געקומען צו אונז.

ר ע ב ע ק אַ : יאָ, אָבער ליעבער, און אפילו אויב זי האָט?

ר אָ ז מ ע ר : זיי זיכער, זי האָט בעמערקט, אז מיר האָבען

געלעזען די זעלבע ביכער—און דער אינטערעס פון דיסקוטירען צו־זאמען אלע נייע אידעען האָט אונז געבראכט נאָהענט איינס צום צווייטען. דאָך קען איך עס ניט פערשטעהען! איך האָב זיך אזוי פיעל געמיהט איהר צו שאנעווען. ווען איך קוק צוריק, דאכט מיר, אז איך האָב עס געמאכט פאר מיין לעבענס־אויפגאבע צו בע־האלטען פון איהר אלע אונזערע אינטערעסען. האָב איך עס ניט געטהאָן, רעבעקא?

ר ע ב ע ק א: יא, יא; געוויס האָסטו עס געטהאָן.

ר אָ ז מ ע ר: און דו אויך; און דאָך —! אָה, עס איז שרעקליך צו דענקען וועגען דעם! זי איז דאָ הפנים ארומגעגאנגען פול מיט איהר קראנקהאפטער ליידענשאפט — קיינמאָל א וואָרט ניט זאָגענדיג — בעמערקענדיג יעדע זאך — און אלעם אויסטייט־שענדיג פאלש.

ר ע ב ע ק א: (דריקט צונויף די הענד) אָה, איך האָב קיין מאָל ניט געדארפט קומען קיין ראָזמערסהאָלם.

ר אָ ז מ ע ר: אז מען בערעכענט זיך וואָס זי האָט דאָ גע־מוזט שטילערהייד איבערליידען! די אלע שרעקליבע זאכען וועגען אונז, וועלכע איהר קראנקער מוח האָט געמוזט ערפינדען! האָט זי דיר קיין מאָל גאָרניט געזאָגט, וואס האָט דיר געקענט מאכען נאָכצודענקען?

ר ע ב ע ק א: (ווי ערשטוינט) מיר! דענקסטו, אז איך וואָלט דאָ געוועזען פערבליבען איין טאָג, ווען זי וואָלט עס געטהאָן?

ר אָ ז מ ע ר: ניין, ניין, נאטירליך ניט. — אָה, ס׳ארא קאמפף זי האָט געמוזט דורכמאכען! און דערצו נאָך איינע אליין, רעבעקא; פערצווייפעלט און גאנץ אליין! — און דאן ענדליך דער הארץ־רייסענדער — אָנקלאָגענדער זיעג — אין מיהל־טייך. (ווארפט זיך אנידער אויף א שטוהל ביים שרייב טיש, מיט די עלענבויגענס אָנגעשפארט אָן טיש און דעם קאָפּ אויף די הענד).

ר ע ב ע ק א: (קומט פאָרזיכטיג צו צו איהם פון הינטען) הער זיך איין, ראָזמער. ווען דו וואָלסט געוועזען בכח צוריק צו רופען בע־אטען — צו זיך — אין ראָזמערסהאָלם — וואָלסט דו עס געטהאָן?

ר אָ ז מ ע ר: אָה, ווי אזוי זאָל איך וויסען וואָס איך וואָלט געטהאָן אָדער ניט געטהאָן! איך קען וועגען גאָרנישט טראַכטען אויסער וועגען אָט דער איין זאַך — וועלכע מען קען ניט צוריק רופען.

ר ע ב ע ק א: דו האָסט נור־וואָס געדאַרפט אָנפאַנגען צו לעבען, ראָזמער. דו האָסט אָנגעפאנגען. דו האָסט זיך בעפרייט אין אַלע זייטען. דו האָסט זיך געפיהלט אזוי לייכט און צופריעדען —

ר אָ ז מ ע ר: אָה, יאָ, — דאָס איז אַלעס אמת. און פּלוצלונג איז געקומען אָט דער שרעקליכער קלאַפּ.

ר ע ב ע ק א: (הינטער איהם, לעגט איהרע הענט אויף דעם ווענטעל פון שטוהל) ווי שעהן עס איז געווען ווען מיר פלעגען זיצען פאַר־נאַכט אונטען אין צימער און העלפען איינער דעם צווייטען אויסלעגען אונזערע נייע לעבענס פּלענער! דו האָסט געזאָלט זיך שטרענג נעהמען צו דער ארבייט אין דער וועלט—אין דער לעבעדיגער וועלט פון היינטיגען טאָג, ווי דו פּלעגסט זאָגען. ווי א שליח פון פרייהייט האָסט דו געוואָלט געהן פון הויז צו הויז ; צו בעזיעגען די גייסטער און די ווילענס פון מענשען, צו שאפען ארום זיך עדעל-לייט — אין אַלע ווייטערע און ווייטערע קרייזען. עדעל-לייט.

ר אָ ז מ ע ר: גליקליכע עדעל-לייט.

ר ע ב ע ק א: יאָ, גליקליכע.

ר אָ ז מ ע ר: ווייל נור דאָס גליק עדעלט דעם גייסט, רעבעקא.

ר ע ב ע ק א: דענקסטו ניט, אז שמערץ טהוט עס אויך? א גרויסער שמערץ?

ר אָ ז מ ע ר: יאָ, ווען מען קען עס דורכמאכען — אריבערקומען — אוועקגעהן דערפון.

ר ע ב ע ק א: אָט דאָס מוזט דו טהאָן.

ר אָ ז מ ע ר: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, שווער מוטיג) איך וועל

דאָס קיין מאָל ניט אריבערקומען אין גאנצען. עס וועט אימער בליי־
בען א צווייפעל, — א פראגע. איך וועל שוין קיין מאָל ניט וויסען פון דער ברייטקייט פון דער נשמה, וואָס מאכט דאָס לעבען אזוי וואונדערשעהן און זיס!

רעבעקא: (בייגט זיך אריבער איבער זיין שטוהל און זאָגט מילדער) וואָס האָסטו אין זינען, ראָזמער?

ראָזמער: (קוקט ארויף צו איהר) פריעדליכע, גליקליכע אונשולד.

רעבעקא: (מאכט א שריט צוריק) אונשולד.

(א קורצע פאוזע).

ראָזמער: (מיט די עלענבויגען אויפ'ן טיש, אונטערהאל־טענדיג דעם קאָפּ, קוקט גלייך פאר זיך) און וואָס פאר אן אונגעוועהנ־ליכע קראפט זי האָט בעוויזען אריינצודרינגען אין תוך אריין! ווי סיסטעמאטיש זי האָט עס אלעס צוזאמענגעשטעלט! — צו־ערשט הויבט זי אָן צווייפלען אין מיין געטרייהייט צום אלטען גלוי־בען — ווי אזוי האָט דאָס איהר געקענט איינפאלען? אָבער עס איז איהר דאָך איינגעפאלען, און עס איז געוואָרען ביי איהר א זיכערער פאקט. און דאן — יאָ, דאן, פערשטעהט זיך, איז איהר שוין געווען גאנץ לייכט צו רעכענען אלעס איבריגע פאר מעגליך. (זעצט זיך אין שטוהל און פיהרט דורך זיינע פינגער דורך די האָאר). אָה, די אלע שרעקליכע איינבילדונגען! איך וועל פון זיי קיין מאָל ניט לויז ווערען. איך פיהל עס, איך וויים עס. יעדע מינוט וועלען זיי זיך א טראָג טהאָן פאר מיינע געדאנקען, און מיר צוריק בריינ־גען דעם געדאנק פון דער געשטאָרבענער!

רעבעקא: ווי דער ווייסער פערד פון ראָזמערסהאָלם.

ראָזמער: יא, ווי דער ווייסער פערד ארומלויפענדיג אין דער פינסטערניש — אין דער שטילקייט.

רעבעקא: און צוליעב אָט דער טרויעריגער איינבילדונג פון געהירען ווילסטו לאָזען פאלען די אומפאסונג פון דער לעבע־דיגער וועלט, וואָס דו האָסט אנגעהויבען צו בענעהמען?

ראָזמער: דו מעגסט גאנץ זיכער דענקען, אז עס איז

שוועך. יאָ, שווער, רעבעקאַ. אָבער איך האָב קיין ברירה ניט. ווי קען איך ד אָ ס ווען עס איז פערגעסען ?

ר ע ב ע ק א : (הינטערן שטוהל) אריינטרעטענדיג. אין נייע פערהעלטניסע.

ר אַ ז מ ע ר : (ערשטוינט, קוקט אַרויף) נייע פערהעלטניסע ?

ר ע ב ע ק אַ : יאָ, אין נייע פערהעלטניסע צו דער אויסער־ליכער וועלט. דו דאַרפסט לעבען, ארבייטען, זיין טהעטיג. ניט זיצען דאָ און זיך גריבלען, זיך ברעכען דעם קאָפּ איבער אַ רעטעניש, וועלכע קען קיין מאָל ניט קלאָהר ווערען.

ר אַ ז מ ע ר : (הויבט זיך אויף) נייע פערהעלטניסע ? (שפּריזט דורכ'ן צימער, שטעלט זיך אָב ביי דער טיר, דאַן קומט ער צוריק) איין פראַגע קומט מיר אויפ'ן געדאַנק. פאַלט דיר ניט איין די זעלבע פראַגע, רעבעקאַ ?

ר ע ב ע ק א : (אטהעמט שווער) לאָמיך — הערען — וואָס דאָס איז אזוינס.

ר אַ ז מ ע ר : וואָס פאר א פאָרם, דענקסטו, וועלען א ו נ ־ ז ע ר ע פערהעלטניסע אָננעהמען נאָך היינטיגען טאָג ?

ר ע ב ע ק א : איך גלויב, אז אונזער פריינדשאפט וועט אָנהאַלטען — וואָס עס זאָל ניט פּאַסירען.

ר אַ ז מ ע ר : דאָס איז ניט גענוי וואָס איך האָב געמיינט. די זאַך וואָס האָט אונז צוערשט צוזאַמען געבראַכט און וואָס עס בינדט אונז אזוי נאָהענט צוזאַמען — אונזער ביידענס גלויבען אין אַ ריינער פריינדשאַפט צווישען מאַן און פרוי.

ר ע ב ע ק אַ : יאָ, יאָ, וואָס וועגען דעם ?

ר אַ ז מ ע ר : איך מיין, אז אזאַ פערהעלטניס ווי אונזערע — פאָדערט זי דען ניט א רוהיג, גליקליך און פריעדליך לעבען ?

ר ע ב ע ק אַ : איז וואָס דאַן ?

ר אַ ז מ ע ר : אָבער פאר מיר עפענט זיך איצט אַ לעבען פון קאַמפּף און אונרוהע און שטאַרקע אויפרעגונגען. דען איך ו ו ע ל לעבען מיין לעבען, רעבעקאַ ! איך וועל זיך ניט לאָזען צודריקען פון שרעקליכע מעגליכקייטען. איך וועל מיר ניט לאָזען פּאָרשריי־

בען מיין לעבענסלויף, ניט פון די לעבעדיגע — און ניט פון קיין אנדערען.

רעבעקא: ניין, ניין, לאז זיך ניט! זיי א פאלקאם פריי־ער מענש, ראזמער!

ראזמער: אבער קענסט דו ניט טרעפען, וואס איך האב אין זין? ווייסטו עס ניט? זעהסטו ניט, ווי איך וואלט זיך אם בעסטען געקענט בעפרייען פון די אלע קוועלענדע עראינערונגען — פון דער גאנצער אונגליקליכער פערגאנגענהייט?

רעבעקא: ווי אזוי?

ראזמער: דורך דעם, וואס איך וואלט אנטקעגען איהר אוועקגעשטעלט א נייע, לעבעדיגע ווירקליכקייט.

רעבעקא: (כאפט זיך אן אן שטוהל) א לעבעדיגע? וואס מיינסטו?

ראזמער: (דערנעהערט זיך) רעבעקא, ווען איך וואלט דיך יעצט פרעגען — וואלסט דו וועלען זיין מיין צווייטע פרוי?

רעבעקא: (א ווײלע אהן לשון, דאן שרייט זי אוים מיט פרייד) דיין פרוי! דיין —! איך!

ראזמער: קום לאמיר עס פרובירען, מיר ביידע וועלען זיין איינס. דער טויטערס פלאץ דארף לעננער ניט בלייבען לעדיג.

רעבעקא: איך — אויף בעאטעס פלאץ!

ראזמער: דאן וועט זי ווערען אויסגעמעקט פון ספר הזכרונות אין גאנצען — אויף אימער און אייביג.

רעבעקא: (מילד, ציטערענדיג) גלויבסט דו עס, ראזמער?

ראזמער: עס מוז אזוי זיין! עס מוז! איך קען ניט — איך וויל ניט דורכגעהן מיין גאנצען לעבען מיט א טויטען קערפער אויף מיינע פלייצעס. העלף מיר דאס ארונטערווארפען, רעבעקא. און לאמיר דערשטיקען אלע עראינערונגען אין פרייהייט, אין פריידען, אין ליידענשאפט. דו וועסט פאר מיר זיין די איינ־ציגע פרוי, וועלכע איך האב ווען עס איז געהאט.

רעבעקא: (בעהערשט זיך) דו זאלסט קיין מאל וועגע דעם מעהר ניט רעדען. איך וועל קיין מאל ניט זיין דיין פרוי.

ר אָ ז מ ע ר : וואָס ! קיין מאָל ניט ! דענקסטו דען ניט, אז דו וואָלסט מיך געקענט ליעבען ? איז שוין דען ניט פאראן עטוואָס ליעבע אין אונזער פריינדשאפט ?

ר ע ב ע ק א : (פערשטעלט די אויערען מיט די הענד, ווי אין שרעק) רייד ניט אזוי, ראָזמער ! רייד ניט אזעלכע זאכען !

ר אָ ז מ ע ר : (כאַפּט אָן איהר ארעם) יא, יא, עס וואקסט אזא מעגליכקייט אין אונזערע פערהעלטניסע. אָה, איך זעה אין דיר אז דו פיהלסט עס אויך. ניט וואהר, רעבעקא ?

ר ע ב ע ק א : (ווידער פעסט און ענטשלאָסען) הער מיך אוים. איך זאָג דיר, אויב דו וועסט בעשטעהן דערויף, וועל איך אוועקגעהן פון ראָזמערסהאָלם .

ר אָ ז מ ע ר : אוועקגעהן ! דו ! דו קענסט ניט. עס איז אונמעגליך.

ר ע ב ע ק א : עס איז נאָך מעהר אונמעגליך, אז איך זאָל זיין דיין פרוי. איך קען דאָס קיין מאָל אין לעבען ניט ווערען.

ר אָ ז מ ע ר : (קוקט אויף איהר ערשטוינט) דו זאָגסט „דו ק ע נ ס ט ניט“ און עפּעס זאָגסט דו עס אזוי מאָדנע. ווארום קענסטו ניט ?

ר ע ב ע ק א : (נעהמט אָן זיינע ביידע הענד) ליעבער פריינד, אי צוליעב דיר, אי צוליעב מיר — פרעג ניט פארוואָס. (לאָזט אָב זיינע הענד) פרעג ניט, ראָזמער. (געהט צו דער טיר לינקס).

ר אָ ז מ ע ר : פון איצט אָן קען איך וועגען קיין אנדער זאך ניט טראכטען אויסער וועגען דער איינער פראגע, — ווארום ?

ר ע ב ע ק א : (קעהרט זיך אום און קוקט אויף איהם) דאָן איז אלעס געענדיגט.

ר אָ ז מ ע ר : צווישען מיר מיט דיר ?

ר ע ב ע ק א : יא.

ר אָ ז מ ע ר : צווישען אונז ביידען וועט קיין מאָל ניט זיין אלעס געענדיגט. דו וועסט ראָזמערסהאָלם קיינמאָל ניט פערלאָזען.

ר ע ב ע ק א : (מיט דער האנד אויפ'ן הענטעל פון דער טיר)

ניין, איך וועל דאָס, אפשר, ניט טהאָן. אויב אָבער דו וועסט מיך נאָך אמאָל פרעגען, — איז אלעס געענדיגט.

ראָזמער: אלעס געענדיגט? ווי אזוי?

רעבעקא: ווייל דאן וועל איך געהן אויפ'ן זעלבען וועג ווי בעאטע איז געגאנגען. איצט ווייסטו שוין, ראָזמער!

ראָזמער: רעבעקא?

רעבעקא: (ביי דער טיר, שאָקעלט לאַנגזאַם מיט'ן קאָפּ) איצט ווייסטו שוין. (זי געהט ארויס).

ראָזמער: (קוקט, ווי פון אַ דונער געטראָפען, אויף דער טיר און זאָגט צו זיך אַליין) וואָס — איז — דאָס?

דריטער אקט.

א גאסט־צימער אין ראַזמערסהאָלם. דאָס פענסטער און די ארויס־גאַנגס־טיר זיינען אָפען. די זון שיינט אין דרויסען. פארמיטאָג־צייט.

רעבעקא וועסט, אָנגעטהאָן ווי אין ערשטען אַקט, שטעהט ביים פענסטער. זי בעשפריצט און ברייגגט אין אָרדנונג די בלומען. איהר שטריקערייו ליעגט אויפ'ן לעהנשטוהל. פרוי העלזעט געהט ארום און שטויבט אָב דאָס מעבעל מיט א פעדער־באַרשט.

רעבעקא (נאָך אַ קורצען שטילשווייגען): איך פערשטעה ניט ווארום דער פאסטאָר בלייבט אזוי לאַנג אויבען.

פרוי העלזעט: אָה, דאָס טרעפט זיך אָפט. איך רעכן אָבער, ער וועט שוין באלד ארונטערקומען.

רעבעקא: האָט איהר איהם געזעהן?

פרוי העלזעט: כ'האָב נור געכאַפּט אַ קוק, ווען איך האָב איהם ארויפגעבראַכט די קאַפע. ער איז געוועזן ביי זיך אין שלאָף־צימער און האָט זיך געהאלטען אין אָנטהאָן.

רעבעקא: איך פרעג, ווייל נעכטען איז ער געוועזן ניט מיט אלעמען.

פרוי העלזעט: ער האָט ניט גוט אויסגעזעהן. איך דענק, עס איז אפשר עפּעס פאַרגעקומען צווישען איהם מיט זיין שוואָגער.

רעבעקא: וואָס, דענקט איהר, האָט עס געקענט זיין?

פרוי העלזעט: דאָס קען איך אייך ניט זאָגען. פּיע־לייכט האָט דער מאָרטענסגארד עפּעס אָנגעמאַכט אַ קריעג צווי־שען זיי.

רעבעקא: עס איז מעגליך. קענט איהר זיך עפּעס מיט אַט דעם פּעטער מאַרטענסגארד?

פרוי העלזעט: יא, אודאי! ווי קענט איהר עס גאַר דענקען? מיט אזא חברה־מאַן.

רעבעקא: איהר מיינט, ווייל ער גיט אַרוים אזא געמיינע ציימונג?

פרוי העלזעט: אַה, ניט נור דאָס אליין. — איהר האָט דאָך מסתמא געהערט, פריילין, אז ער האָט געהאט א קינד מיט א פערהייראטהער פרוי, וואָס דער מאַן האָט איהר אוועקגע־וואָרפען?

רעבעקא: יא, איך האָב געהערט וועגען דעם. אָבער דאָס האָט געמוזט זיין נאָך לאַנג איידער איך בין געקומען אהער.

פרוי העלזעט: עס איז אמת, ער איז דאַן נאָך געווען זעהר יונג; און זי האָט געדאַרפט מעהר פערשטעהן. ער האָט אַפילו געוואָלט מיט איהר חתונה האָבען; נור נאַטירליך, האָט ער דאָס ניט געקענט טהאָן. און מען קען ניט זאָגען, ער האָט טהייער בעצאָהלט דערפאר —אָבער, מיין גאָט, מאַרטענסגארד האָט זיך דאָס א ביסעל ארויפגעארבייט זייט דאַן! איצט זיינען שוין דאָ א סך מענשען וואָס לויפען איהם נאָך.

רעבעקא: דאָס רוב פון די אָרימע מענשען קומען צו איהם בעת זיי זיינען עפּעס אין א צרה.

פרוי העלזעט: אַה, און אנדערע אפשר אויך, א חוץ די אָרימע לייט —

רעבעקא (קוקט אויף איהר גנב׳יש): אזוי גאָר?

פרוי העלזעט (ביי דער סאָפא, שטויבענדיג געשווינד): אפשר אזעלכע וואָס איהר וואָלט אויף זיי גאָר ניט געטראכט, פריילין.

רעבעקא (בעשעפטיגט מיט די בלומען): געהט שוין געהט, דאָס איז נור אייערער א געדאנק, פרוי העלזעט. אויף געוויס קענט איהר עס ניט וויסען.

פרוי העלזעט: איהר דענקט איך קען ניט, פריילין?

אָבער איך זאָג אייך, אז איך ווייס שוין גראָד. און — אויב איהר ווילט שוין יאָ וויסען — האָב איך אַ מאָל אליין געבראַכט אַ בריעף צו מאָרטענסגאַרדען.

רעבעקא (קעהרט זיך אום): ניין — ווירקליך?

פרוי העלזעט: יאָ, געוויס האָב איך. און דער בריעף איז טאַקע געשריבען געוואָרען דאָ אין ראָזמערסהאָלם.

רעבעקא: ווירקליך, פרוי העלזעט?

פרוי העלזעט: יאָ, אזוי איז דאָס. און עס איז געוועזען געשריבען אויף גוטען פּאַפּיער. און עס איז געלעגען אויף דעם אַ פיינער רויטער זיעגעל אויך.

רעבעקא: און מען האָט דאָס אייך געגעבען אוועק־צוטראָגען? אויב אזוי, ליעבע פרוי העלזעט, איז גאָרניט שווער צו טרעפען ווער עס האָט עס געשריבען.

פרוי העלזעט: אדרבה?

רעבעקא: דאָס האָט מסתמא די אָרימע פרוי ראָזמער אין איהר קראַנקען צושטאַנד —

פרוי העלזעט: דאָס זאָגט איהר אזוי, פרײַלין, ניט איך.

רעבעקא: אָבער וואָס איז געווען אין בריעף? אָה, איך האָב גאָר פערגעסען — איהר קענט עס ניט וויסען.

פרוי העלזעט: הם; און ווי, אַ שטייגער, אז איך האָב עס יאָ געוואוסט?

רעבעקא: האָט זי אייך דען דערצעהלט, וואָס זי האָט געשריבען?

פרוי העלזעט: ניין, דאָס האָט זי גראָד ניט געטהאָן. אָבער ווען מאָרטענסגאַרד האָט עס איבערגעלעזען, האָט ער מיך אָנגעפאַנגען אזוי אויסצופרעגען פון אַלע זייטען, אז איך האָב זיך לייכט אָנגעשטויסען וואָס דאָרט איז געווען.

רעבעקא: וואָס זשע, דענקט איהר, איז דאָרט געווען? אָה, ליעבע, גוטע פרוי העלזעט, דערצעהלט דאָך מיר.

פרוי העלזעט: אָה, ניין, פרײלין. פאר קיין זאך אין דער וועלט ניט.

רעבעקא: אָה, מיר מעגט איהר געווים דערצעהלען. מירביידע זיינען דאך אזעלכע גוטע פריינד.

פרוי העלזעט: גאָט זאָל מיך אָבהיטען, איך זאָל אייך עפּעס דערצעהלען וועגען דעם, פרײלין. איך קען אייך נור זאָגען, אז מען האָט דער אָרימער, קראנקער פרוי איינגערעדט זעהר שרעקליכע זאכען.

רעבעקא: ווער האָט עס איהר איינגערעדט?

פרוי העלזעט: שלעכטע מענשען, פרײלין וועסט. שלעכטע מענשען.

רעבעקא: שלעכטע—?

פרוי העלזעט: יא, איך זאָג עס נאָך א מאָל. זיי האָבען געמוזט זיין אמת שלעכטע מענשען.

רעבעקא: און ווער, דענקט איהר, האָט עס געקענט זיין?

פרוי העלזעט: אָה, איך ווייס שוין גוט וואָס צו דענ־קען. אָבער גאָט זאָל מיך היטען, איך זאָל עפּעס זאָגען. ניטאָ וואָס צו רעדען, אין שטאָדט איז פאראן א געוויסע דאמע — הם!

רעבעקא: איך זעה ארויס, אז איהר מיינט די פרוי קראָלל.

פרוי העלזעט: אָה, זי איז א וואוילע, איז זי. אנט־קעגען מיר שפּיעלט זי אימער די גרויסע דאמע. און אייך האָט זי אויך ניט איבעריגס ליעב.

רעבעקא: דענקט איהר, אז פרוי ראָזמער איז געווען ביים פולען פערשטאנד, ווען זי האָט געשריבען דעם בריעף צו מאָרטענסגארד'ן?

פרוי העלזעט: א מענשענס פערשטאנד איז א מאָדנע זאך, פרײלין. אין גאנצען פון זינען, דענק איך, איז זי ניט געווען.

רעבעקא: זי איז אָבער זעהר פערצווייפעלט געוואָרען ווען זי האָט אויסגעפונען אז זי וועט קיינמאָל קיין קינדער ניט האָבען. דאָס האָט איהר אראָפּגעפיהרט פון זינען.

פרוי העלזעט: יא, די אָרעמע פרוי. דאָס איז געווען א שרעקליכער קלאַפּ פאר איהר.

רעבעקא (נעהמט זיך צו דער שטריקערייז און זעצט זיך אויף אַ שטוהל ביים פענסטער): אָבער נאָך אַלעמען — דענקט איהר ניט, אז דאָס איז געווען אַ גוטע זאַך פאר'ן פאסטאָר, פרוי העלזעט?

פרוי העלזעט: וואָס, פריילין?

רעבעקא: וואָס עס זיינען ניט געווען קיין קינדער. דענקט איהר ניט אזוי?

פרוי העלזעט: הם, איהר מעגט מיר גלויבען, איך וויים ניט וואָס צו זאָגען דערצו.

רעבעקא: אָה, יא, גלויבט מיר, עס איז געווען אַ גליק פאר איהם. פאסטאָר ראָזמער איז ניט דער מענש צו הערען קינדער־געוויין ביי זיך אין הויז.

פרוי העלזעט: קינדער וויינען ניט אין ראָזמערסהאָלם, פריילין.

רעבעקא (קוקט איהר אָן): זיי וויינען ניט?

פרוי העלזעט: ניין. פון זינט מענשען קענען געדענקען האָט מען קיין מאָל ניט געהערט קיין קינד וויינען דאָ אין הויז.

רעבעקא: דאָס איז זעהר זאָנדערבאר.

פרוי העלזעט: יא, ניט וואהר? אָבער דאָס איז אזוי אין דער גאַנצער משפחה. און דאן איז דאָ נאָך אַ זאָנדערבארע זאַך. ווען זיי וואקסען אויף, לאכען זיי קיין מאָל ניט. קיין מאָל אין זייער גאַנצען לעבען ניט.

רעבעקא: אָה, ווי אויסערגעוועהנליך —

פרוי העלזעט: האָט איהר ווען עס איז געהערט אָדער געזעהן דעם הערר פאסטאָר לאכען, פריילין?

רעבעקא: ניין; איצט אז איך דענק וועגען דעם, גלויב איך כמעט אז איהר זייט גערעכט. נור איך דענק, אז קיינער לאכט ניט פיעל אין דעם געגענד.

פרוי העלזעט: ניין, זיי לאכען ניט. מען זאָגט, עס האָט זיך אָנגעהויבען אין ראָזמערסהאָלם. און דאן האָט זיך דאָס

מסתמא פערשפּריים ארום און ארום, גליך ווי דאָס וואָלט געווען אנשטעקענד.

רעבעקאַ: איהר זייט זעהר אַ קלוגע, פרוי העלזעט.

פרוי העלזעט: אָה, פריילין, איהר דארפט ניט זיצען דאָרטען און מאכען חוזק פון מיר. (הערט זיך צו) שש — שש — דער הערר פּאסטאָר קומט ארונטער. ער האָט ניט ליעב צו זעהן ווי מען שטויבט ארום אין הויז.

(אָב רעכטס).

(יאָהאַנעס ראָזמער קומט אַריין פון פאָרדער־צימער מיט זיין הוט און שטעקען אין האַנד).

ראָזמער: גוט מאָרגען, רעבעקאַ.

רעבעקאַ: גוט מאָרגען, מיין טייערער. (אין אַ סעקונדע ארום — שטריקענדיג) דו געהסט שפּאַציערען?

ראָזמער: יאָ.

רעבעקאַ: עס איז אַ שעהנער טאָג.

ראָזמער: ביסט היינט אין דער־פריה ניט אריינגעקומען צו מיר.

רעבעקאַ: ניין — ניט היינט.

ראָזמער: מיינסטו וועסט אויך ניט אריינצוקומען?

רעבעקאַ: אָה, דאָס ווייס איך נאָך ניט.

ראָזמער: איז עפּעס אָנגעקומען פאר מיר?

רעבעקאַ: די „אמטס־צייטונג" איז אָנגעקומען.

ראָזמער: די „אמטס־צייטונג"?

רעבעקאַ: דאָרט ליעגט זי אויפ'ן טיש.

ראָזמער (לעגט אַוועק זיין הוט און שטעקען): איז שוין עפּעס דאָ—?

רעבעקאַ: יאָ.

ראָזמער: און דו האָסט עס מיר ניט ארויפגעשיקט?

רעבעקאַ: דו וועסט עס ניט פערשפּעטיגען איבערצו־לעזען.

ר אָ ז מ ע ר: אָה, אזוי? (נעהמט די ציימונג און לעזט, שטע־חענדיג ביים טיש)

— וואָס! — „מיר קענען אונזערע לעזער ניט גענוג וואָרנען געגענאיבער כאראקטערלאָזע רענעגאטען" (קוקט אויף איהר) זיי רופען מיך רענעגאט, רעבעקא.

ר ע ב ע ק א: זיי דערמאָנען ניט קיין נאָמען.

ר אָ ז מ ע ר: דאָס איז אלץ איינס. (לעזט ווייטער) „גע־היימע פעררעטהער צו דער גוטער זאך" — „יודאס־נאַטורען, וועל־כע זיינען זיך מודה מיט א קופערנעם שטערען אין זייער רענע־גאטסטוואָ, אזוי שנעל ווי זיי מיינען אז עס איז געקומען דער בע־קוועמסטער און פראָפיטליכסטער מאָמענט". „א שענדליכער אטענטאט אויף דעם בעריהמטען אנדענקען פון די ווירדיגע אור־עלטערען" — „ערוואַרטענדיג א פאסיגע בעלוינונג פון דער פארטיי, וועלכע האָט די מאכט אין דיעזען אויגענבליק". (ער לעגט אַוועק די ציימונג אויפ'ן טיש) און זיי קענען זאָגען אזוינע זאכען וועגען מיר! — מענשען, וועלכע האָבען מיך אזוי לאנג און אזוי גוט גע־קענט! זאכען, וועלכע זיי גלויבען אליין ניט. זאכען, אין וועלכע, זיי ווייסען, אז עס איז קיין איין אמת וואָרט ניטאָ — דאָך דרוקען זיי עס.

ר ע ב ע ק א: דאָס איז נאָך ניט אַלעס.

ר אָ ז מ ע ר (נעהמט נאָך אַ מאָל די ציימונג): „אונערפאהר־רענהייט און פעהלערהאפטע אורטהיילס־קראפט די איינציגע ענט־שולדיגונג" — „פערדערבליכער איינפלוס — וואָס גרייכט אודאי ביז אזוינע זאכען, וועלכע מיר ווילען דערוויל ניט מאכען פאר א געגענשטאנד פון עפענטליכער דיסקוסיאָן אָדער בעשולדיגונגען". (קוקט אויף איהר) וואָס איז דאָס?

ר ע ב ע ק א: דאָס איז גאנץ קלאָר געציעלט אויף מיר.

ר אָ ז מ ע ר (לעגט אַוועק די ציימונג): רעבעקא, אזוי פיה־רען זיך ניט קיין אנשטענדיגע מענשען.

ר ע ב ע ק א: יאָ, זיי האָבען זיך ניט וואָס צו בעקלאָגען אויף מאָרטענסגאַרדען.

ר אָ ז מ ע ר (שפּרייזט אַרום אין צימער): עפּעס מוז גע־טהאָן ווערען. ווען מען זאָל עס אזוי ווייטער לאָזען געהן, יועט אַלעס וואָס איז גוט אין דער מענשליכער נאטור געהן צו גרונד. אָבער דאָס וועט ניט אָנגעהן! אָה, ס'אַרא פרייד — ס'ארא פרייד עס וואָלט זיין פאר מיר ארייננצוברענגען עטוואָס ליכט אין אָט דער פינסטערניש און העסליכקייט!

ר ע ב ע ק א: (הויבט זיך אויף) אך יא, ראָזמער. אין דעם האָסט דו א גרויסען און ערהאבענעם צוועק, פאר וועלכען צו לעבען.

ר אָ ז מ ע ר: דענק נור, ווען איך וואָלט זיי געקענט דער־וועקען זיך צו זעהן אין זייער ריכטיגען געשטאלט; לערנען זיי חרטה צו האָבען און שעמען זיך פאר זיך אליין; פעראייניגען זיי אין געגענזייטיגער טאָלעראנץ — אין ליעבע, רעבעקא!

רעבעקא: אָ, לעג אריין אין דעם דיין גאנצע קראפט, וועסט דו מוזען האָבען אן ערפאָלג.

ר אָ ז מ ע ר: איך דענק, אז עס מוז זיין מעגליך צו האָבען אן ערפאָלג. אָה, וואָס פאר א פרייד עס וואָלט דאן געווען צו לעבען! אוים בייזוויליגע רייסערייען; בלויז א שטרעבען נאָכ־צוטהאָן גוטעס. אלע אויגען געריכטעט אויפ'ן זעלבען ציעל. יעדער געדאנק, יעדער ווילען שטרעבט פאָרווערטס — אין דער הויך — יעדערער דורך דעם וועג וואָס זיין נאטור שרייבט איהם פאָר. גליק פאר אלע — דורך אלע. (גיט צופעליג אַ קוק דורכ'ן פענסטער, טהוט אַ ציטער און זאָגט שווערמוטהיג) אה! ניט דורך מיר.

ר ע ב ע ק א: ניין—? ניט דורך דיר?

ר אָ ז מ ע ר: אויך ניט פ א ר מיר.

ר ע ב ע ק א: אָה, ראָזמער, דערלאָז ניט אזעלכע צווייפלען זאָלען דיך אָנגרייפען.

ר אָ ז מ ע ר: גליק — טהייערע רעבעקא — גליק איז פריי־הער פאר אלץ די רוהיגע, פריעדליכע זיכערקייט פון אונשולד.

ר ע ב ע ק א (קוקט גלייך פאר זיך): יא, אונשולד —

ר אָ ז מ ע ר: אָה, דו קענסט ניט וויסען וואָס שולד מיינט. אָבער איך —

רעבעקאַ: דו ווינציגער פאַר אַלעמען!

ראַזמער (ווייזט אויף דרויסען פון פענסטער): דער מיהל־טייך.

רעבעקאַ: אַה, ראַזמער—!

(פרוי העלזעט קוקט אַריין דורך די טיר).

פרוי העלזעט: פריילין וועסט.

רעבעקאַ: באַלד, באַלד, ניט איצטער.

פרוי העלזעט: נור איין וואָרט, פריילין.

(רעבעקאַ געהט צו דער טיר. פרוי העלזעט זאָגט איהר עפּעס. זיי סוד'ען זיך אַ ווײַלע צוזאַמען. פרוי העלזעט שאַקעלט צו מיט'ן קאָפּ און געהט אַרויס).

ראַזמער (אונרוהיג): איז עס פאַר מיר עפּעס?

רעבעקאַ: ניין, נור ווירטשאַפטס־אַנגעלעגענהייטען. — דו דאַרפסט געהן אויף דער פרישער לופט, ליעבער ראַזמער. דו זאָלסט מאַכען אַ לאַנגען, לאַנגען שפּאַציער.

ראַזמער (נעהמט זיין הוט): יאַ, קום. לאָמיר געהן צוזאַמען.

רעבעקאַ: ניין, טהייערער, איצט קען איך ניט. דו מוזט געהן אַליין. אָבער דו זאָלסט זיך אַרויסשלאָגע פון קאָפּ די אַלע אומעטיגע געדאַנקען. פערשפּרעך דאָס מיר.

ראַזמער: איך האָב מורא, איך וועל זיי שוין קיין מאָל ניט קענען אַרויסשלאָגען פון קאָפּ.

רעבעקאַ: אַך, אַזעלכע גרונדלאָזע איינבילדונגען זאָלען דאָס דיך אַזוי שטאַרק אָנגרייפען!

ראַזמער: איך האָב מורא זיי זיינען גאָרניט אַזוי גרונדלאָז, רעבעקאַ. די גאַנצע נאַכט בין איך ניט געשלאָפען און האָב אַלץ געטראַכט וועגען דעם. אפשר איז בעאַטע נאָך אַלעמען געווען גערעכט.

רעבעקאַ: אין וואָס?

ראַזמער: וואָס זי האָט געדענקט, אַז איך ליעב דיך, רעבעקאַ.

רעבעקא: געָרעכט אין דעם!

ראָזמער (לעגט זיין הוט אויפ׳ן טיש): די פראגע, וואָס לאָזט מיך ניט רוהען איז די: צי האָבען מיר ביידע זיך אליין ניט גענארט די גאנצע צייט, רופענדיג אונזער פערהעלטניס פריינד־שאפט?

רעבעקא: דו מיינסט, אז מיר האָבען דאָס געמעגט רו־פען—?

ראָזמער: ליעבע. יא, רעבעקא, דאָס איז וואָס איך מיין. זאָגאר ווען בעאטע האָט געלעבט, זיינען אלע מיינע געדאנקען גע־ווען מיט דיר. נור צו דיר האָט מיר געצויגען דאָס הארץ. נור לעבען דיר האָב איך געפונען די שטילע זעליגקייט פון פאָלקאָמענער צופריעדענהייט. טראכט עס נור איבער, רעבעקא, — האָבען מיר ניט פון אָנהויב אָן געפיהלט איינס פאר׳ן צווייטען א מין זיסע, געהיימע, קינדערשע ליעבע — אָהן בעגעהרען, אָהן חלומות? האָסט דו ניט אזוי געפיהלט? זאָג מיר.

רעבעקא (קעמפפט מיט זיך אליין): אָה — איך וויים ניט וואָס צו ענטפערען.

ראָזמער: און אָט דעם ענג־צוזאמענגעבונדענעם לעבען, איינער אין צווייטען, איינער פאר׳ן צווייטען, האָבען מיר אָנגע־נומען פאר פריינדשאפט. ניין, רעבעקא — אונזער צוגעבונדענ־קייט איז געווען א גייסטיגע הייראט — אפשר פון אָנפּאנג אָן. דעריבער פיהלט זיך מיין נשמה שולדיג. איך האָב קיין רעכט ניט געהאט אויף אזא גליק — דאָס איז געווען א זינד געגען בעאטען.

רעבעקא: קיין רעכט ניט געהאט צו לעבען גליקליך? גלויבסטו דאָס, ראָזמער?

ראָזמער: זי האָט געקוקט אויף אונזער פערהעלטניס מיט די אויגען פון איהר ליעבע — זי האָט דאָס געאורטהיילט פון שטאנדפונקט פון איהר ליעבע. אונבעדינגט. בעאטע האָט אַנדערש ניט געקענט אורטהיילען.

ר ע ב ע ק א: אָבער ווי קענסטו זיך בעשולדיגען פאר בעאַ־טע'ס פאַלשער פאַרשטעלונג?

ר אַ ז מ ע ר: די ליעבע צו מיר — א י ה ר ארט ליעבע — האָט זי געטריבען אין מיהל־טייך. דאָס איז א פעסטגעשטעלטער פאקט, רעבעקא. און דאָס איז וואָס איך קען קיינמאָל ניט פער־געסען.

ר ע ב ע ק א: אָה, דענק וועגען קיין זאַך ניט אויסער דער ערהאבענער, גרויסער אויפגאבע, צו וועלכער דו האָסט געווידמעט דיין לעבען.

ר אַ ז מ ע ר (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): דאָס קען קיין מאָל ניט דורכגעפיהרט ווערען, מיין טייערע. ניט דורך מיר, ניט נאָך דעם אלעם, וואָס איך האָב זיך דערוואוסט.

ר ע ב ע ק א: ווארום ניט דורך דיר?

ר אַ ז מ ע ר: ווייל קיין זאַך קען ניט זיעגען, וואָס האָט זיך אנגעפאנגען אין זינד.

ר ע ב ע ק א (אויפגערעגט): אָה, דאָס זיינען נור אוראלטער־ליכע צווייפלען — אוראלטערליכע אנגסטען — אוראלטערליכע איבערטראכטונגען. מען זאָגט, אז די טויטע קומען צוריק אין ראָזמערסהאָלם אין געשטאלט פון לויפענדע, ווייסע פערד. איך דענק, דאָס בעווייזט אז עס איז אמת.

ר אַ ז מ ע ר: זאָל עס זיין אזוי; וואָס איז דער אונטער־שיעד, וויבאלד איך קען זיך ניט בעפרייען פון דעם געפיהל? און גלויב מיר, רעבעקא, עס איז ווי איך זאָג דיר. די זאַך, וואָס דארף געווינען א דויערענדען זיעג, מוז האָבען פאר א פיהרער א גליק־ליכען, אן אונשולדיגען מענשען.

ר ע ב ע ק א: איז דיר די גליקזעליגקייט אזוי נויטיג, ראָז־מער?

ר אַ ז מ ע ר: גליקזעליגקייט? יא, טהייערע — עס איז.

ר ע ב ע ק א: דו, וועלכער קענסט קיין מאָל ניט לאכען?

ר אַ ז מ ע ר: יא, טראָץ דעם. גלויב מיר, איך האָב גרויסע אנלאגען פאר גליקזעליגקייט.

רעבעקא: נו, געה שפאציערען, טייערער. א גוטען, לאנ־ גען שפאציער. דו הערסט? — אָט האָסט דו דיין הוט, און דיין שטאָק אויך.

ראָזמער (נעהמט ביידע זאכען): א דאנק. און דו ווילסט ניט געהן מיט מיר?

רעבעקא: ניין, ניין. איך קען ניט איצט.

ראָזמער: נו, גוט, גוט, דו ביסט יעדענפאלס מיט מיר.

(ער געהט אַרויס דורך די אַריינגאַנגס־טיר. רעבעקא וואַרט אַ ווײַלע, פאַרזיכטיג איהם נאָכקוקענדיג פון הינטער דער אָפענער טיר; דאַן געהט זי צו דער טיר רעכטס).

רעבעקא (עפענט די טיר און זאָגט שטיל): איצט, פרוי העלזעט. איצט קענט איהר איהם אריינלאָזען. (זי געהט צו צום פענסטער).

(אין אַ סעקונדע אַרום קומט רעקטאָר קראָלל אַריין פון דער טיר רעכטס. ער פערנייגט זיך שטיל און פאָרמאַל, און האַלט זיין הוט אין דער האַנד).

קראָלל: ער איז אוועקגעגאנגען?

רעבעקא: יא.

קראָלל: זאָמט ער זיך געוועהנליך לאנג?

רעבעקא: יא. אָבער היינט קען מען זיך דערויף ניט פערלאָזען. אלזאָ, אויב איהר ווילט איהם ניט בעגעגנען —

קראָלל: ניין, ניין. איך וויל מיט אייך רעדען — גאנץ אליין.

רעבעקא: דאַן לאָמיר בעסער קיין צייט ניט פערלירען. זיצט, רעקטאָר.

(זי זעצט זיך אויפ'ן לעהנשטוהל ביים פענסטער. רעקטאָר קראָלל זעצט זיך אויף אַ שטוהל לעבען איהר).

קראָלל: פריילין וועסט — איהר קענט זיך קוים פאָר־ שטעלען, ווי טיעף און שמערצליך איך נעהם זיך דאָס צום האַר־ צען — אָט די ענדערונג אין יאָהאַנעס ראָזמער.

רעבעקא: מיר האָבען ערוואַרטעט, אַז עס וועט אַזוי זיין — אין אָנפאַנג.

קראַלל: נור אין אָנפאַנג?

רעבעקא: ראָזמער איז געוועזען זיכער, אַז פריהער אָדער שפּעטער וועט איהר זיך אָנשליסען אָן איהם.

קראַלל: איך?

רעבעקא: איהר און זיינע אַלע אַנדערע פריינד.

קראַלל: אַה, אָט זעהט איהר! דאָס צייגט ווי שוואַך זיין אורטהיילס־קראַפט איז אין אַלעס וואָס איז נוגע צו מענשען און דעם פּראַקטישען לעבען.

רעבעקא: אָבער נאָך אַלעמען — איין מאָל פיהלט ער די נויטווענדיגקייט זיך צו בעפרייען פון אַלע זייטען —

קראַלל: יאַ, וואַרט אָבער — דאָס איז טאַקע וואָס איך גלויב ניט.

רעבעקא: וואָס דען גלויבט איהר?

קראַלל: איך גלויב, אַז דאָס זייט איהר שולדיג אין דעם אַלעם.

רעבעקא: דאָס האָט אייך אייער פרוי איינגערעדט, רעקטאָר קראַלל.

קראַלל: עס מאַכט ניט אויס ווער עס האָט עס מיר איינגערעדט. איין זאַך איז זיכער, אַז איך האָב אַ פערדאַכט — אַ העכסט־שטאַרקען פערדאַכט — ווען איך איבערלעג מיר די אַלע זאַכען און שטעל צונויף אַלעס, וואָס איך ווייס וועגען אייער בענעהמונג, זינט איהר זייט אַהער געקומען.

רעבעקא (קוקט אויף איהם): מיר דאַכט איך קען זיך דערמאָנען אָן אַ צייט, ווען איהר האָט געהאַט זעהר אַ שטאַרקען גלויבען אין מיר, רעקטאָר קראַלל. איך וואָלט עס כמעט געקענט אָנרופען אַ וואַרעמען גלויבען.

קראַלל (מיט אַן אונטערדריקטער שטימע) וועמען דאָט איהר ניט געקענט בע׳כשופ׳ען, ווען איהר האָט זיך נור אָבגעלעגט דערויף?

רעבעקא: האָב איך זיך אָבגעלעגט?

קראָלל: יא, איהר האָט. איך בין שוין מעהר ניט אזא נאר צו גלויבען אז עס איז עפּעס געווען אן ערנסטער געפיהל אין דער זאך. איהר האָט איינפאך געוואָלט זיך בויען א נעסט אין ראָזמערסהאָלם — זיך פעסט בעזעצען דאָ — און דערצו האָב איך אייך געדארפט העלפען. איצט זעה איך עס ארויס.

רעבעקא: איהר האָט שוין הפּנים גאָר אין גאנצען פערגעסען, אז בעאטע האָט מיך געבעטען און איז צוגעשטאנען צו מיר איך זאָל קומען אהער.

קראָלל: יא, ווען איהר האָט זי אויך בע׳כשופ׳ט. קען מען דען אָנרופען דעם געפיהל וועלכען זי האָט געהאט צו אייך פריינדשאפט? עס איז געווען א מין פערהייליגונג — כמעט א פערגעטערונג. עס האָט זיך ענטוויקעלט אין א מין — ווי זאָל איך עס אָנרופען — א מין פערצווייפעלטער ליידענשאפט. — יא, דאָס איז דער ריכטיגער וואָרט דערפאר.

רעבעקא: זייט אזוי גוט און דערמאָנט זיך אין וואָס פאר א צושטאנד אייער שוועסטער איז דאן געווען. וואָס אנבעטרעפט מיך, דענק איך, קיינער קען מיך ניט בעשולדיגען, אז איך בין היסטעריש.

קראָלל: ניין; דאָס זייט איהר געוויס ניט. אָבער דאָס מאכט אייך נאָך מעהר געפעהרליך פאר די יעניגע, וועלכע איהר ווילט אריינקריגען אין אייערע הענד. עס איז זעהר לייכט פאר אייך אָבצוואווענען אייערע אלע טהאטען און אויסצורעכענען די רעזולטאטען — טאקע ווייל אייער הארץ איז אזוי קאלט.

רעבעקא: קאלט? זייט איהר אזוי זיכער אין דעם?

קראָלל: איך בין איצט גאנץ זיכער דעריין. אז ניט וואָלט איהר ניט געקענט זיצען דאָ יאָהר־איין, יאָהר־אויס, אזוי פעסט פערפאָלגענדיג אייער ציעל. יא, יא — איהר האָט ערדרייכט וואָס איהר האָט געוואָלט. איהר האָט איהם און אלעס איבריגע אין אייער מאכט. אָבער אום דאָס אלעס דורכצופיהרען

האָט אייך ניט געאַרט אפילו וואָס איהר האָט איהם געמאכט אונ־גליקליך.

רעבעקא: דאָס איז ניט אמת. ניט איך האָב עס גע־טהאָן — איהר אליין האָט איהם אונגליקליך געמאכט.

קראָלל: איך?

רעבעקא: יא, מיט דעם, וואָס איהר האָט געמאכט ער זאָל זיך איינבילדען, אז ער איז פעראנטוואָרטליך פאַר בעאַטע׳ס שרעקליכען סוף.

קראָלל: פיהלט ער עס דען אזוי שטארק?

רעבעקא: ווי קענט איהר עס גאָר צווייפלען? אזא צארטער געמיטה, ווי זיינער —

קראָלל: איך האָב געמיינט, אז א זאָגענאנטער עמאנצי־פירטער מאן שטעהט העכער איבער אלע אזעלכע בעזינונגען. — אָבער אַט זעהט איהר דאָך! אָה, יא — איך בין מודה, אז איך האָב עס פאָראויסגעזעהן. דער וואָס שטאמט אָב פון די מענער, וועלכע קוקען ארונטער אויף אונז פון אָט די וואנד — ווי אזוי קען ער האָפען צו קענען אזוי לייכט זיך אוועקרייסען פון אלעם, וואָס איז איהם איבערגעגעבען געוואָרען בירושה כסדר פון דור צו דור?

רעבעקא (קוקט אַראָב, פערטראכט): יאָהאנעס ראָזמער׳ס גייסט איז טיעף איינגעוואָרצעלט אין די טראדיציעס פון זיין שטאם. דאָס איז גאנץ זיכער.

קראָלל: יא. איהר האָט געדארפט נעהמען אָט דעם פאקט אין אָנבעטראכט, אויב איהר האָט געפיהלט וויפיעל עס איז ליעבשאפט צו איהם. אָבער אזעלכע איבערלעגונגען זיינען אָהן צווייפעל צו הויך פאַר אייך. עס איז אזא גרויסער חלוק צווישען אייערע פאָרגעננגער און זיינע.

רעבעקא: וואָסערע פאָרגעננגער מיינט איהר?

קראָלל: איך רייד וועגען אייער אָבשטאמונג — אייערע פאמיליען־פאָרגעננגער, פריילין וועסט.

רעבעקאַ: אַה, ווירקליך! יאַ, עס איז אמת, אז איך קום ארוים פון זעהר איינפאַכע מענשען. אָבער פון דעסטוועגען —

קראָלל: איך רעד ניט וועגען שטאַנד און יחוס. איך בעציה זיך אויף אייער מאָראַלישער אָבשטאַמונג.

רעבעקאַ: מאָראַלישע? אין וואָס פאַר אַ זין?

קראָלל: די אומשטענדען פון אייער געבורט.

רעבעקאַ: וואָס מיינט איהר?

קראָלל: איך דערמאָן עס נור דערפאַר, ווייל דאָס ערקלעהרט אייער גאַנצע אויפפיהרונג.

רעבעקאַ: איך פערשטעה דאָס ניט. איהר מוזט עס ערקלערען.

קראָלל: איך האָב ווירקליך ניט געדענקט, אז איהר וועט פאָדערען אַן ערקלעהרונג. עס וואָלט זאָנסט געווען זעהר זאָנדערבאַר וואָס איהר האָט דערלאָזט, אַז דאָקטאָר וועסט זאָל אייך אדאָפּטירען —

רעבעקאַ: (שטעהט אויף) אַה! איצט פערשטעה איך.

קראָלל: און וואָס איהר האָט אָנגענומען זיין נאָמען. אייער מוטערס פאַמיליען־נאָמען איז געווען גאַמוויק.

רעבעקאַ (שפּרייזט איבער'ן צימער): מיין פאָטערס נאָמען איז געווען גאַמוויק, הערר רעקטאָר.

קראָלל: אייער מוטערס פּראָפעסיע האָט איהר געמוזט זעהר אָפט ברענגען אין בעריהרונג מיט'ן בעצירק־דאָקטאָר.

רעבעקאַ: יאַ, ריכטיג.

קראָלל: און דאַן נעהמט ער אייך אריין צו זיך אין הויז, אזוי באַלד ווי אייער מוטער איז געשטאָרבען. ער בענעהמט זיך מיט אייך זעהר שטרענג; און דאָך בלייבט איהר ביי איהם. איהר ווייסט, אז ער וועט אייך קיין גראָשען ניט לאָזען — און ווירקליך האָט איהר דאָך גאָרנישט בעקומען אויסער דעם אַלמער ביכער — און דאָך זייט איהר ביי איהם; איהר ליידעט פון איהם; איהר פּאַסט איהם אויף ביז אין דער לעצטער מינוט.

רעבעקאַ (שטעהט ביים טיש און קוקט אויף איהם מיט כעס):

און איהר ערקלערט דאָס אַלעס, אַננעהמענדיג אַז עס איז געוועזן עפּעס אונזיטליכעס, עפּעס פערברעכערישעס אין מיין געבורט?

קראָלל: איך שרייב צו אייער זאָרגפעלטיגקייט פאַר איהם צו דעם נאַטירליכען אינסטינקט פון אַ קינד צו זיינע עלטערען. אין דער ווירקליכקייט האַלט איך אייער גאַנצע בענעהמונג אַלס אַ פאָלגע פון אייער אַבשטאַמונג.

רעבעקקא (האַסטיג): אַבער עס איז קיין איינציג אמת וואָרט ניטאָ אין אַלעס, וואָס איהר זאָגט! און איך קען דער־ווייזען! דאָקטאָר וועסט איז ניט געקומען אין פינמארק ביז אַ צייט נאָכדעם ווי איך בין געבאָרען געוואָרען.

קראָלל: ענטשולדיגט, פריילין וועסט. ער האָט זיך דאָרט בעזעצט מיט אַ יאָהר פריהער איידער איהר זייט געבאָרען געוואָ־רען. איך האָב דאָס אויסגעפונען אויף זיכער.

רעבעקקא: איהר האָט אַ טעות, זאָג איך! איהר זייט לחלוטין אין טעות!

קראָלל: פאָרגעסטערען האָט איהר מיר געזאָגט, אַז איך איז ניין־און־צוואַנציג יאָהר — אַז אייך געהט דער דרייסיגסטער.

רעבעקקא: ווירקליך! האָב איך אַזוי געזאָגט?

קראָלל: יאַ, אַזוי האָט איהר געזאָגט. און פון דעם קען איך אויסרעכענען, אַז —

רעבעקקא: האַלט! איהר דאַרפט מעהר ניט רעכענען. איך וועל אייך בעסער גלייך זאָגען: איך בין מיט אַ יאָהר עלטער ווי איך גיב זיך ארויס.

קראָלל (שמייכעלט, ווי ניט גלויבענדיג): אַזוי גאָר? איך בין ערשטוינט. וואָס קען זיין די אורזאך דערפון?

רעבעקקא: ווען איך בין געוואָרען פינף־און־צוואַנציג יאָהר אַלט, האָט זיך מיר געדאַכט אַז דאָס איז אַביסעל צו אַלט פאַר אַן אונפערהייראַטער פרויענצימער. און דעריבער האָב איך אָנגע־הויבען צו לייקענען מיינע יאָהרען.

קראָלל: איהר? אַן עמאַנציפּירטע פרוי! האָט איהר דען וועלכע עס איז פאָראורטהיילע וועגען הייראַטס־עלטער?

רעבעקאַ: יאָ, דאָס איז פון מיין זייט געווען זעהר נאַריש — און אויך לעכערליך. אָבער עס פערבלייבט אימער עפּעס אַ נארישקייט, פון וועלכער מען קען זיך ניט בעפרייען. אזוי זיינען מיר.

קראָלל: נו, זאָל זיין אזוי; אָבער מיין חשבון איז נאָך אַלעמען ריכטיג. ווייל דאָקטאָר וועסט איז דאָרט געווען אויף אַ קורצען בעזוך אַ יאָהר פריהער איידער ער האָט בעקומען די שטעלע.

רעבעקאַ (פּלאַצט ארויס): דאָס איז ניט אמת!

קראָלל: עס איז ניט אמת?

רעבעקאַ: ניין. מיין מוטער האָט וועגען דעם קיין מאָל קיין וואָרט ניט געזאָגט.

קראָלל: קיין מאָל ניט?

רעבעקאַ: ניין, קיין מאָל ניט. און דאָקטאָר וועסט אויך ניט; קיין איין איינציגען וואָרט ניט וועגען דעם!

קראָלל: צי איז דאָס אפשר ניט דערפאַר, ווייל זיי האָבען ביידע געהאט אורזאכען צו לייקענען אַ יאָהר? גראָד ווי איהר האָט געטאָן, פריילין וועסט. פיעלייכט איז עס ביי אייך אַ פאַמיליען־פעהלער?

רעבעקאַ (שפּרייזט אַרום, ברעכענדיג די הענד): עס איז אונמעגליך. איהר ווילט עס מיר נור איינרעדען. דאָס קען קיין מאָל ניט זיין אמת. עס קען ניט זיין! קיין מאָל אין דער וועלט ניט!

קראָלל (הויבט זיך אויף): אָבער, ליעבע פריילין וועסט, ווארום, אום גאָטעס ווילען, זייט איהר אזוי שטאַרק אויפגערעגט? איך שרעק זיך פאר אייך כמעט. וואָס זאָל איך דענקען, וואָס זאָל איך גלויבען?

רעבעקאַ: גאָרנישט! איהר דארפט גאָרנישט ניט דענקען און ניט גלויבען.

קראָלל: דאַן מוזט איהר מיר טאקע ערקלעהרען ווארום איהר נעהמט זיך אָט די זאך — די מעגליכקייט — אזוי געפעהרליך צום הארצען?

ר עבעקא (בעהערשט זיך): עס איז גאנץ איינפאך, רעק־טאר קראָלל. איך וויל ניט מען זאָל מיך רעכענען פאר אן אונ־געזעצליך קינד.

קראָלל: ווירקליך! נו, גוט, לאָמיר זיך דערוויל צור־פריעדען שטעלען מיט דער ערקלערונג. נור אויב אזוי, האָט איהר נאָך, הפנים, פאָראורטהיילע אין דער הינזיכט אויך?

ר עבעקא: יאָ, הפנים אז איך האָב טאקע.

קראָלל: אה, איך שטעל מיר פאָר, אז אזוי מוז זיין די מעשה מיט דעם גרעסטען טייל פון דאָס וואָס איהר רופט „עמאנ־ציפאציע". איהר האָט זיך אָנגעלערנט מיט א געוויסער צאָהל נייע אידעען און מיינונגען. איהר האָט בעקומען א ברעקעל ידיעה פון די לעצטע ענטדעקונגען אויף פערשיעדענע געביטען — ענטדע־קונגען וואָס דוכט זיך אז זיי קעהרען איבער געוויסע פרינציפען, וועלכע מען האָט ביז יעצט געהאלטען פאר פעסט און אונאנגרייפ־באר. אבער די גאנצע זאך איז ביי אייך ניט מעהר ווי א שטיקעל קאָפּ־ארבייט, פריילין וועסט — אן אויבערפלעכליכע איינשאפונג. עס איז ניט אריין אין אייער בלוט.

ר עבעקא: (פערטראַכט) אפשר זייט איהר גערעכט.

קראָלל: יא, קוקט זיך נור איין טיעף אין זיך אליין, וועט איהר זעהן! און אויב דאָס איז דער פאַל מיט אייך, קען מען זיך שוין פאָרשטעלען ווי עס האלט מיט יאָהאנעס ראָזמער. עס איז פשוטע, אונגעמילדערטע משוגעת — עס הייסט, לויפען מיט פער־מאכטע אויגען אין אומגליק — ווען ער דענקט ארויסצוטרע־טען אָפען און זיך ערקלעהרען פאר א רענעגאט! בעטראכט נור — א מאן מיט אזא עמפפינדליכער נאטור! שטעלט אייך פאָר — ער, פערשטויסען און פערפאָלגט פון דעם קרייז, צו וועלכען ער האָט אימער געהערט — אָפען געשטעלט פאר אונדערבארימליכע אָנ־גריפען פון די בעסטע מענשען פון דער געמיינדע! ער איז ניט — ער קען קיין מאָל ניט זיין דער מענש דאָס אלעס אריבערצוטראָגען.

ר עבעקא: ער מוז עס אריבערטראָגען. איצט איז פאר איהם שוין צו שפעט צוריק צו טרעטען.

ק ר אָ ל ל: עס איז גאָר ניט צו שפּעט. אויף קיין פאַל ניט. וואָס איז געשעהן, קען פערשווינגען ווערען — אָדער, ווינציגסטענס, קען מען עס ערקלעהרען פאַר א איבערגאנגס־שגעון, ווי בעדוי־ערנסווערטה דאָס זאָל ניט זיין. נור איין זאך איז אומבעדינגט נויט־ווענדיג.

ר ע ב ע ק א: און וואָס איז עס אזוינס ?

ק ר אָ ל ל: איהר מוזט זעהן, ער זאָל געזועצליך מאכען די בעציהונג, פריילין וועסט.

ר ע ב ע ק א: זיין בעציהונג צו מיר ?

ק ר אָ ל: יא, איהר מוזט זעהן, ער זאָל עס טהאָן.

ר ע ב ע ק א: דאָס הייסט, אז איהר קענט זיך אבסאָלוט ניט בעפרייען פון דעם געדאנק, אז אונזערע בעציהונגען נויטיגען זיך צו ווערען געזעצליך, ווי איהר רופט עס ?

ק ר אָ ל ל: אין דעם ענין וואָלט איך בעסער צו טיעף ניט געוואָלט אריינקריכען. מיר דוכט אָבער, איך האָב בעמערקט, אז אין ערגעץ איז ניט אזוי גרינג דורכצוברעכען אלע זאָגענאנטע פאָר־אורטהיילע, ווי אין — ה'ם —

ר ע ב ע ק א: אין די פערהעלטניסע צווישען מאן און פרוי, מיינט איהר ?

ק ר אָ ל ל: יא, — אָפען גערעדט — אזוי דענק איך.

ר ע ב ע ק א: (געהט דורכ'ן צימער און קוקט אַרויס אין פענ־סטער) איך וואָלט כמעט קענען זאָגען — הלואי וואָלט איהר רעכט געהאַט, רעקטאָר קראָלל.

ק ר אָ ל ל: וואָס מיינט איהר דערמיט ? איהר זאָגט עס אזוי מאָדנע.

ר ע ב ע ק א: אך, נו, — לאָמיר אויפהערען רעדען וועגען דעם. אה, אָט קומט ער.

ק ר אָ ל ל: שוין ! דאן וועל איך געהן.

ר ע ב ע ק א: (געהט צו צו איהם). ניין — איך בעט אייך, בלייבט דאָ. איך האָב עפּעס, וואָס איך וויל איהר זאָלט הערען.

ק ר אָ ל ל: ניט איצטער. איך פיהל מיך ניט בכח זיך צו זעהן מיט איהם.

ר ע ב ע ק א: איך בעט אייך, בלייבט. טהוט עס! ווען ניט, וועט איהר שפּעטער חרטה האָבען. דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך בעט ביי אייך עפּעס.

ק ר אָ ל ל: (קוקט אויף איהר ערשטוינט און לעגט אַוועק זיין הוט) נו, גוט, פריילין וועסט — זאָל זיין אזוי.

(א קורצעס שטיל־שווייגען, דאַן קומט אריין יאָהאַנעס ראָזמערס פון פּאָדערציממער).

ר אָ ז מ ע ר: (דערזעהט דעם רעקטאָר און שטעלט זיך אָב אין טיר) וואָס! — ד ו ביזט דאָ!

ר ע ב ע ק א: ער האָט ניט געוואָלט זיך מיט דיר בעגעגע־נען, ליעבער.

ק ר אָ ל ל: (ניט ווילענדיג) „דו"!

ר ע ב ע ק א: יא, רעקטאָר קראָלל, ראָזמער און איך זאָגען „דו" איינער דעם אנדערן. דאָס איז אַ רעזולטאט פון אונזער „בע־ציהונג".

ק ר אָ ל ל: איז עס ד אָ ס, וואָס איהר האָט געוואָלט, איך זאָל הערען?

ר ע ב ע ק א: דאָס — און נאָך עטוואָס.

ר אָ ז מ ע ר: (קומט נעהנטער) וואָס איז די אבזיכט פון דיין בעזוך?

ק ר אָ ל ל: איך וויל נאָך אמאָל פּרובירען דיך אָבצוהאַל־טען, און דיך צוריק צו געווינען.

ר אָ ז מ ע ר: (ווייזט אויף דער צייטונג) נאָך דעם וואָס איז דאָרטען געשריעבען?

ק ר אָ ל ל: איך האָב עס ניט געשריבען.

ר אָ ז מ ע ר: האָסטו זיך גענומען די קלענסטע מיהע ניט צו דערלאָזען עס זאָל ערשיינען?

ק ר אָ ל ל: דאָס וואָלט געהייסען ניט טריי זיין דער זאַך,

וועלכער איז דיען, און אַ חוץ דעם איז עס ניט געלעגען אין מיין האַנד.

ר עׂ ב ע ק אַ: (צורייסט די ציַיטונג אין קליינע שטיקלעך, צו־קנייטשט זיי און וואַרפט זיי הינטער דעם אויווען) נאַ! איצט איז עס ניטאָ פאַר די אויגען. זאָל עס אַרויס פון קאָפּ אויך. דען עס וועט מעהר אַזוינס ניט זיין, ראָזמער.

ק ר אָ ל ל: אָה, ווען איהר קענט עס נור זיכער אויספיהרען!

ר ע ב ע ק אַ: קום, לאָמיר זיך זעטצען. אַלע דריי. און דאַן וועל איך אייך אַלעס דערצעהלען.

ר אָ ז מ ע ר: (זעצט זיך אַוועק מעכאַניש) וואָס איז געוואָרען מיט דיר, רעבעקאַ? די אוננאַטירליכע רוהיגקייט — וואָס איז דאָס?

ר ע ב ע ק אַ: די רוהיגקייט פון ענטשלאָסענהייט. (זעצט זיך) ביטע, זעצט זיך אויך, הערר רעקטאָר.

(רעקטאָר קראָלל זעצט זיך אויף דער סאָפאַ).

ר אָ ז מ ע ר: ענטשלאָסענהייט, זאָגסטו? וואָס פאַר ענט־שלאָסענהייט?

ר ע ב ע ק אַ: איך וועל דיר צוריקקעהרען דאָס, וואָס דו דאַרפסט אום צו לעבען דיין לעבען. טייערער פריינד, דו וועסט צו־ריק קריגען דיין גליקליכע אונשולד!

ר אָ ז מ ע ר: וואָס קענסטו דערמיט מיינען?

ר ע ב ע ק אַ: איך האָב דיר נור עפּעס צו דערצעהלען. דאָס וועט זיין גענוג.

ר אָ ז מ ע ר: אַלזאָ?

ר ע ב ע ק אַ: ווען איך בין אַהער געקומען פון פינמארק — צוזאַמען מיט דאָקטאָר וועסט — האָט זיך מיר געדאַכט, אַז עס עפענט זיך פאַר מיר אַ גרויסע, נייע וועלט. דער דאָקטאָר האָט מיך געלערענט אַ סך פערשיעדענע זאַכען — די אַלע ברעקלעך ידיעות פון לעבען, וואָס איך האָב דאַן פערמאָגט. (אַנגעשטרענגט און קוים וואָס מען הערט זי) און דאַן —

ק ר אָ ל ל: און דאַן?

ר אָ ז מ ע ר : אָבער — דאָס ווייס איך דאָך אַלעס, רעבעקאַ.

ר ע ב ע ק א : (בעהערשט זיך) יא, יא — דו ביזט געראַכט, דו ווייסט גענוג וועגען דעם.

ק ר אָ ל ל : (קוקט אויף איהר האַרט) אפשר זאָל איך בעסער אוועקגעהן.

ר ע ב ע ק א : ניין, איך בעט איך, בלייבט דאָ זיצען, ליע־בער רעקטאָר. (צו ראָזמערען) נו, אַזוי איז עס אַלזאָ געווען — איך האָב געוואָלט נעהמען מיין טהייל אין דעם לעבען פון דער נייער צייט, וועלכע איז אָנגעקומען מיט איהרע אַלע נייע אידעען. — איין מאָל האָט מיר רעקטאָר קראָלל דערצעהלט, אַז אולריק ברענ־דעל האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף דיר, ווען דו ביזט נאָך געווען אַ אינגעל. איך האָב געדענקט, אַז עס וועט מיר זיכער מעגליך זיין פאָרטצוזעצען זיין ארבייט.

ר אָ ז מ ע ר : דו ביזט אהער געקומען מיט אַ געהיימער אב־זיכט ?

ר ע ב ע ק א : מיר ביידע, האָב איך געדענקט, וועלען אין פרייהייט מאַרשירען פאָרווערטס זייט ביי זייט. אימער פאָרווערטס. אימער ווייטער און ווייטער צום פראָנט. אָבער צווישען דיר און פאָלקאָמענער בעפרייאונג האָט זיך ערהויבען יענע פינסטערע וואנד, וועלכע איז געווען אונמעגליך דורכצוברעכען.

ר אָ ז מ ע ר : וואָס פאַר אַ וואנד מיינסטו ?

ר ע ב ע ק א : איך מיין דיעזעס, ראָזמער: דו האָסט געקענט אריינוואקסען אין פרייהייט נור אין קלאָרען, פרישען זונען - שיין — אָבער דאָ האָסטו געשמאַכט און געוועלקט אין דער פינסטער־ניש פון אַזא הייראַט.

ר אָ ז מ ע ר : דו האָסט פריהער קיין מאָל צו מיר ניט גע־רעדט אין דעם טאָן וועגען מיין הייראַט.

ר ע ב ע ק א : ניין, איך האָב ניט געוואגט, דען איך וואָלט דיך דערמיט אָבגעשראָקען.

ק ר אָ ל ל : (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ צו ראָזמערען) דו הערסט ?

ר ע ב ע ק א : (זעצט פאָרט) אָבער איך האָב גאַנץ גוט געזע־

העז וואו דיין רעטונג ליעגט — דיין איינציגע רעטונג. און דאן האָב איך זיך גענומען פאר דער ארבייט.

ראָזמער: האָסט זיך גענומען פאר דער ארבייט? אויף וועלכען אופן?

קראָלל: מיינט איהר דערמיט—?

רעבעקא: יא, ראָזמער. (הויבט זיך אויף) זייט רוהיג, איהר אויך, רעקטאָר קראָלל. איצט אָבער מוז עס ארויסקומען. ניט דו ביזט עס געווען, ראָזמער. דו ביזט אונשולדיג. דאָס בין איך געווען, וועלכע האָט פערנארט — וועלכע האָט ענדליך פערנארט בעאַטען אויף די וועגען פון וואהנזינן —

ראָזמער: (שפּרינגט אויף) רעבעקא!

קראָלל: (הויבט זיך אויף פון סאָפאַ) אויף די וועגען פון וואהנזין!

רעבעקא: אויף די וועגען וואָס האָבען געפיהרט צום מיהל - טייך. איצט ווייסט איהר עס, איהר ביידע.

ראָזמער: (ווי בעטויבט) אָבער איך פערשטעה ניט. וואָס זאָגט זי? איך פערשטעה א ווארט ניט — !

קראָלל: אָה יאָ, ראָזמער, איך פאנג אָן צו פערשטעהן.

ראָזמער: אָבער וואָס האָסטו געטהאָן? וואָס האָסט דו איהר געקענט זאָגען? עס איז דאָך גאָרניט געווען — אבסאָלוט גאָרניט, וואָס צו דערצעהלען!

רעבעקא: זי האָט זיך דערוואוסט, אז דו האָלטסט זיך אין בעפרייען פון אלע אלטע פאָראורטהיילע.

ראָזמער: אָבער אין יענער צייט איז דאָס דאָך גאָרניט געווען דער פאַל.

רעבעקא: איך האָב געוואוסט אז עס וועט באלד אזוי זיין.

קראָלל: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ צו ראָזמערען) אהא!

ראָזמער: און דאן? וואָס ווייטער? איצט מוז איך אלעס וויסען.

ר ע ב ע ק א: אין אַ צייט אַרום — האָב איך זיך געבעטען ביי איהר, זי זאָל מיך לאָזען אוועקפאָהרען פון ראָזמערסהאָלם.

ראָ ז מ ע ר: וואָרום האָסטו דאן געוואָלט אוועקפאָהרען?

ר ע ב ע ק א: איך האָב ניט געוואָלט פאָהרען; איך האָב געוואָלט דאָ בלייבען. נור איהר האָב איך געזאָגט, אז עס וואָלט זיין דאָס בעסטע פאַר אונז אַלעמען אז איך זאָל אוועקפאָהרען בעצייטענס. איך האָב געגעבען אָנצוהערען, אז אויב איך וועל דאָ ווייטער בלייבען, קען איך ניט — קען איך ניט קאַווירען — וואָס עס קען טרעפען.

ר אָ ז מ ע ר: אָט דאָס, הייסט עס, איז וואָס דו האָסט געזאָגט און געטהאָן!

ר ע ב ע ק א: יא, ראָזמער.

ר אָ ז מ ע ר: אָט דאָס איז וואָס דו רופסט „זיך נעהמען פאַר דער ארבייט".

ר ע ב ע ק א: (אין אַ געבראָכענער שטימע) יא, אזוי האָב איך עס גערופען.

ר אָ ז מ ע ר: (נאָך אַ פויזע) האָסטו איצט שוין אין אַלעם זיך מודה געווען, רעבעקא?

ר ע ב ע ק א: יא.

ק ר אָ ל ל: ניט אין אַלעם.

ר ע ב ע ק א: (קוקט אויף איהם דערשראָקען) וואָס נאָך קען דען זיין?

ק ר אָ ל ל: האָט איהר ניט ענדליך געגעבען בעאַטען צו פערשטעהן, אז עס איז געווען נויטיג — ניט נור ראַטהזאַם, נאָר נויטהיג — אי פאַר אייך, אי פאַר ראָזמערען, אז איהר זאָלט ערגעץ וואו אוועקפאָהרען — אזוי שנעל ווי מעגליך? — האַ?

ר ע ב ע ק א: (שטיל און ניט דייטליך) אפשר האָב איך עפּעס אזוינס געזאָגט.

ר אָ ז מ ע ר: (זינקט אַרונטער אין לעהנשטוהל ביים פענסטער) און אין אָט דעם געוועב פון ליגען און בעטרוג האָט מיין אונגליקליכע, קראַנקע פרוי געגלויבט! אזוי פעסט געגלויבט! אזוי אונ-

ערשיטערליך ! (קוקט ארויף צו רעבעקא'ן) און זי האט זיך קיין מאל ניט געוועגדעט צו מיר. קיין מאל מיר קיין וואָרט ניט געזאָגט! אה, רעבעקא — איך זעה דאס אין דיינע אויגען, דו האסט איהר אבגערעדט דערפון!

ר ע ב ע ק א : זי האט זיך אריין גענומען אין קאפ, אז אלס קינדערלאָזע פרוי האט זי קיין רעכט ניט דא צו פערבלייבען, און דאן האט זי זיך איינגעבילדעט, אז עס איז איהר פליכט צו דיר זיך צו בעזייטיגען.

ר אָ ז מ ע ר : און דו — דו האסט קיין זאך ניט געטהאן, אום איהר ארויס צו שלאָגען פון קאפ דעם געדאנק?

ר ע ב ע ק א : ניין.

ק ר אָ ל ל : אפשר האט איהר נאך פערשטארקט דעם גע־דאנק אין איהר? ענטפערט מיר! האט איהר דאס ניט געטהאן?

ר ע ב ע ק א : איך גלויב, אז זי האט מיך געקענט אזוי פער־שטעהן.

ר אָ ז מ ע ר : יא, יא, — און זי האט אלעס זיך געבויגען פאר דיין ווילען. און זי האט זיך בעזייטיגט. (שפרינגט אויף) ווי האסט דו עס געקענט — ווי אזוי האסט דו געקענט שפילען אזא טייפעלשע שפיעל?

ר ע ב ע ק א : עס האט זיך מיר געדאכט אז איך מוז דא אויסקלייבען צווישען אייערע ביידענס לעבענס, ראָזמער.

ק ר אָ ל ל : (שטרענג און איינדרוקספול) ניט א י ה ר האט געדארפט אויסקלייבען!

ר ע ב ע ק א : (היציג) דענקט איהר דען, אז איך האב די גאנצע צייט געהאנדעלט קאלט, אויסגערעכענט און רוהיג! איך בין דאן ניט געווען די זעלבע פרוי, ווי איך בין יעצט, בעת איך שטעה דא פאר אייך און דערצעהל אייך אלעס. אויסער דעם, איך גלויב, אז אין אונז זיינען פאראנען צוויי סאָרטען ווילענס! איך האב געוואלט בעאטע זאל אוועק, אויף איין אופן, אדער אויף אנאנ־דערען; איך האב אבער קיינמאל ווירקליך ניט געגלויבט, אז דאס

וועט אמאָל געשעהן. טאפּענדיג מיין וועג אלץ ווייטער, ביי יעדען שריט וואָס איך האָב אונטערנומען, האָט ווי עפּעס געשריען אין מיר: ניט ווייטער! קיין שריט ניט ווייטער! און דאָך האָב איך זיך ניט געקענט אָבשטעלען. איך האָב געמוזט געהן א קליין ביסעלע ווייטער. נאָך א האָרעלע ווייטער. און דאן נאָך א האָרעלע — רק איין האָרעלע ווייטער — און דאן איז עס געקומען. אָט אזוי פאסירען געוועהנליך אזעלכע זאכען.

(א קורצעס שטיל־שווייגען).

ראָזמער: (צו רעבעקאַ'ן) וואס דענקסט דו וועט איצט זיין מיט דיר? נאָך דאָס?

רעבעקא: איצט מוז זיין וואָס עס וויל זיך. עס מאכט מיר ניט שטארק אויס.

קראָלל: קיין איין וואָרט פון חרטה! איז עס מעגליך, אז איהר פיהלט גאָר קיין חרטה?

רעבעקא: (ווייזט קאַלט צוריק די פראַגע) ענטשולדיגט, רעקטאָר קראָלל, דאָס איז א זאך, וועלכע איז קיינעם ניט נוגע אויסער מיך. ווענען דעם מוז איך צורעכט קומען מיט זיך אליין.

קראָלל: (צו ראָזמערן) און דאָס איז די פרוי, מיט וועלכער דו וואָהנסט אונטער איין דאך — אין די נעהענסטע בעציהונגען! (קוקט זיך אַרום אויף די בילדער) אָה — ווען די פערשטאָרבענע וואָלטען איצט געקענט א קוק טהאָן אויף אונז!

ראָזמער: דו געהסט צוריק אין שטאָדט?

קראָלל: (נעהמט זיין הוט) יא. וואָס שנעלער, אלץ בעסער.

ראָזמער: (טהוט דאָס זעלבע) געה איך אויך מיט דיר.

קראָלל: דו געהסט! אָך, יא, איך בין געווען זיכער, אז מיר האָבען דיך ניט אין גאנצען פערלאָרען.

ראָזמער: אלזאָ קום, קראָלל, קום!

(ביידע געהען ארויס דורך דעם פאָדערצימער, ניט קוקענדיג אויף רעבעקאַ'ן).

(אין א ווײלע ארום גערט רעבעקא פאַרזיכטיג צו צום פענסטער און קוקט ארויס דורך די בלומען).

רעבעקא: (רעדט צו זיך אליין שטילערהייד) היינט אויך ניט איבערן בריקעל. ער געהט ארום און ארום. קיין מאָל ניט איבער'ן מיהל־טייך. קיין מאָל ניט. (געהט אַוועק פון פענסטער) אזוי, אזוי! (געהט צו און גיט אַ ציה דאָס שנירעל פון גלאָק. פרוי העלזעט קומט אריין פון דער רעכטער זייט).

פרוי העלזעט: וואָס איז, פריילין?

רעבעקא: פרוי העלזעט, ווילט איהר זיין אזוי גוט און זעהן מען זאָל מיר אראָבנעהמען דעם קופער פון בוידעם.

פרוי העלזעט: אייער קופער?

רעבעקא: יאָ, איהר ווייסט דאָך, דעם ברוינעם לעדער־נעם קופער.

פרוי העלזעט: יאָ, יאָ. אָבער גאָט איז מיט אייך — פאָהרט איהר ערגעץ אויף אַ רייזע, פריילין?

רעבעקא: יאָ, איצט פאָהר איך אויף אַ רייזע.

פרוי העלזעט: און גלייך באלד!

רעבעקא: אזוי שנעל ווי איך וועל זיך פערפאַקען.

פרוי העלזעט: איך האָב נאָך קיינמאָל אזעלכעס ניט געהערט! אָבער איהר וועט דאָך, פערשטעהט זיך, באלד קו־מען צוריק, פריילין?

רעבעקא: איך וועל שוין קיין מאָל ניט צוריק קומען.

פרוי העלזעט: קיין מאָל ניט! אך, מיין גאָט, וואָס וועט פון אלעם ווערען אין ראָזמערסהאָלם, ווען איהר וועט אוועק־פאָהרען, פריילין? און דער אָרעמער פאסטאָר האָט ערשט אָנגע־הויבען צו פיהלען זיך אזוי גוט און בעקוועם.

רעבעקא: יאָ, אָבער איך האָב זיך היינט דערשראָקען, פרוי העלזעט.

פרוי העלזעט: זיך דערשראָקען! אך, גאָט! ווי האָט עס פאסירט?

רעבעקא: מיר האָט זיך געדאכט איך האָב געזעהן עפּיס

ווי אַ בלישץ פון די ווייסע פערד.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט : ווייסע פערד ! אין מיטען העלען טאָג !

ר ע ב ע ק א : אה, זיי זיינען פאראן ווי פריה, אזוי שפעט — די ווייסע פערד פון ראָזמערסהאָלם. (בייט אום דעם טאָן) נו, — וועגען דעם קופער, פרוי העלזעט.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט : יא, יא. דער קופער.

(ביידע געהען אַרויס רעכטס).

פיערטער אקט.

דאָס גאסט צימער אין ראָזמערסהאָלם. שפּעט אין אָבענד. אן אָנגעצונדענער לאָמפּ מיט אן אַבאַזשור אויפ'ן טיש. רעבעקאַ וועסט שטעהט בוים טיש און פּאַקט איין קליינעיקייטען אין אַ האַנד - טאַש. איהר מאַנטעל, הוט און דער וויסער געשטריקטער טוך הענגען אויף דער סאָפאַ.

פרוי העלזעט קומט אריין פון רעכטס.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט : (רעדט שטיל און פיהלט זיך אונבעקוועם). אלע אייערע זאכען זיינען שוין ארונטערגענומען, פריילין. זיי זיינען אין קיך - דורכגאנג.

ר ע ב ע ק א : זעהר גוט. האָט איהר בעשטעלט די קארעטע ?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט : יא, דער קוטשער וויל וויסען, ווען ער זאָל קומען.

ר ע ב ע ק א : איך דענק ארום עלף א זייגער. די שיף געהט אָב אין מיטען נאכט .

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט : (שטאַמלענדיג) נו, און דער הערר פּאסטאָר ? אפשר וועט ער נאָך ביז דאן ניט זיין געקומען ?

ר ע ב ע ק א : איך וועל סיי ווי סיי פאָהרען. אויב איך וועל איהם ניט זעהן, קענט איהר איהם איבערגעבען, אז איך וועל איהם שרייבען — א לאנגען בריעף. זאָגט עס איהם.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט : יא, שרייבען — דאָס מעג טאקע זיין גאנץ גוט. אָבער, אָרעמע פריילין וועסט — איך דענק דאָך, אז איהר האָט געדארפט זעהן מיט איהם רעדען נאָך אמאָל.

ר ע ב ע ק א : אפשר יא. און דאָך — אפשר טאקע ניט.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט : אה — וואָס איך האָב דערלעבט ! דאָס האָב איך מיר קיין מאָל ניט געדענקט !

ר ע ב ע ק א : וואָס דען האָט איהר געדענקט, פרוי העלזועט?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט : נו, אודאי האָב איך געהאלטען דעם הערר פאסטאָר פאר אַ מעהר געשטעלטען מענשען.

ר ע ב ע ק א : מעהר געשטעלט?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט : יא, דאָס איז וואָס א י ך זאָג.

ר ע ב ע ק א : אָבער וואָס מיינט איהר דען, ליעבע פרוי העלזועט?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט : איך מיין וואָס איז ריכטיג און אמת, פריילין. ער האָט זיך ניט געדאַרפט פון דעם אזוי ארויסדרעהן. ער האָט עס ניט געדאַרפט.

ר ע ב ע ק א : (קוקט איהר אָן) קומט נאָר אהער, פרוי העל־זעט, זאָגט מיר קלאָר: וואָס דענקט איהר איז די סבה וואָס איך פאָהר אוועק?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט : נו, גאָט זאָל ניט שטראָפען פאר די רייד, מסתמא מוז עס אזוי זיין, פריילין. אך, יא, יא! איך דענק אָבער, אז פונ'ם הערר פאסטאָר'ס זייט איז עס ניט אזוי שעהן. מאָר־טענסגארד האָט כאָטש געהאט אַ תירוץ: א י ה ר מאן האָט נאָך געלעבט; האָבען זיי ניט געקענט חתונה האָבען, ווי שטארק זיי זאָ־לען עס ניט געוועלט. אָבער דער הערר פאסטאָר, — ה'ם!

ר ע ב ע ק א : (מיט אַ שוואַכען שמייכעל) האָט איהר געקענט גלויבען אזא זאַך אויף מיר און אויף פאסטאָר ראָזמער?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט : ניין, קיין מאָל אין לעבען ניט. ווע־ניגסטענס, — ביז היינט, מיין איך.

ר ע ב ע ק א : און היינט?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט : נו, נאָך די אלע שרעקליכע זאכען, וואָס מען דערצעהלט מיר די צייטונגען שרייבען וועגען דעם הערר פאסטאָר —

ר ע ב ע ק א : אהא!

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט : אַ מאן, וועלכער קען אריבערגעהן צו מאָרטענסגארד'ס רעליגיאָן — מיין גאָט, וועגען איהם קען איך אלעס גלויבען.

ר ע ב ע ק א: אָה, יאָ, איך מיין אזוי. אָבער וואָס איז וועגען מיר? וואָס קענט איהר זאָגען אויף מיר?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: גאָט זאָל היטען, פריילין — איך זעה ניט איין וואָס מען קען האָבען געגען א י י ך. עס איז ניט אזוי לייכט פאר אן עלענדער פרוי אימער זיך אויסצוהיטען, דאָס איז זיכער. — מיר זיינען אלע ניט מעהר ווי מענשען, פרייל. וועסט.

ר ע ב ע ק א: דאס איז גאנץ ריכטיג, פרוי העלזעט. מיר זיינען אלע ניט מעהר ווי מענשען. — וואס הערט איהר זיך צו?

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט (שטיל) אָה, מיין גאָט, — מיר דאכט, אז ער קומט.

ר ע ב ע ק א (שפרינגט אויף): אלזאָ, נאָך אלעמען — ! (ענטשלאָסען) נו, נו; זאָל זיין אזוי.

(יאהאנעס ראזמער קומט אריין פון פאָדערצימער).

ר א ז מ ע ר (זעהט דעם האנד־טאַש און די אנדערע זאכען, ווענדט זיך צו רעבעקא און פרעגט) וואס מיינט דאָס?

ר ע ב ע ק א: איך פאָהר אוועק.

ר א ז מ ע ר: גלייך?

ר ע ב ע ק א: יאָ. (צו פרוי העלזעט) אלזאָ, עלף אזייגער.

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט: גוט, פריילין (געהט ארויס רעכטס).

ר א ז מ ע ר: (נאָך א קורצער פּאוזע) וואהין פאָהרסטו, רע־בעקא?

ר ע ב ע ק א: נאָך נאָרד, מיט דער שיף.

ר א ז מ ע ר: נאָרד? וואס ציהט דיך נאָך נאָרד?

ר ע ב ע ק א: פון דאָרט בין איך געקומען.

ר א ז מ ע ר: אָבער איצט האָסט דאָך דאָרט קיינע פער־בינדונגען ניט.

ר ע ב ע ק א: איך האָב דאָ אויך ניט קיינע.

ר א ז מ ע ר: וואס דענקסטו צו טאָן?

ר ע ב ע ק א: איך ווייס ניט. איך וויל נור וואס גיכער אי־בערקומען די גאנצע געשיכטע.

ר א ז מ ע ר: איבערקומען?

ר ע ב ע ק א: ראזמערסמאלם האָט מיך צובראכען.

ר א ז מ ע ר: (ווערט אויפמערקזאם) דו זאגסט דאָס?

ר ע ב ע ק א: עס האָט מיך אין גאנצען צובראכען, גאנץ האָפנונגסלאָז. איך האָב געהאט א פרייען, שטארקען ווילען, ווען איך בין אהער געקומען. איצט האָב איך איינגעבויגען מיין קאָפּ אונטער א פרעמדען געזעץ — פון היינט אָן, פיהל איך, אז איך האָב צו קיין זאך מעהר קיין מוטה ניט.

ר א ז מ ע ר: פאר וואס ניט? וואס פאר א געזעץ איז עס, וואס דו זאגסט — ?

ר ע ב ע ק א: אָה, ליעבער, לאָמיר איצט וועגען דעם ניט רעדען. — וואס האָט פאסירט צווישען דיר מיט'ן רעקטאָר?

ר א ז מ ע ר: מיר האָבען געשלאָסען פריעדען.

ר ע ב ע ק א: אך, יא, הייסט עס, דערמיט האָט זיך עס געענדיגט.

ר א ז מ ע ר: ער האָט צוזאמען געבראכט אלע אונזערע אלטע פריינד ביי זיך אין הויז. זיי האָבען מיר קלאָר געמאכט, אז די ארבייט פון אויסעדעלען דעם מענשליכען גייסט איז ניט פאר מיר. און א חוץ דעם איז עס אָן און פאר זיך האָפנונגסלאָז, רע־בעקא. — איך וועל עס לאזען צורוה.

ר ע ב ע ק א: יא, יא — אפשר איז דאָס דאָס בעסטע.

ר א ז מ ע ר: אָט ד אָ ס זאָגסטו איצטער? דענקסטו איצטער אזוי?

ר ע ב ע ק א: איך בין געקומען צו דעם געדאנק די לעצטע פּאָר טעג.

ר א ז מ ע ר: דו זאגסט א ליגען, רעבעקא.

ר ע ב ע ק א: א ליגען — !

ר א ז מ ע ר: יא, דו זאגסט א ליגען. דו האָסט קיין מאָל ניט געגלויבט אין מיר. דו האָסט קיין מאָל ניט געגלויבט, אז איך בין שטארק גענוג דורכצופיהרען די זאך ביז צום זיעג.

ר ע ב ע ק א: איך האָב געגלויבט, אז מירביידע צוזאמען וואלטען עס געקענט טהאָן.

ר א ז מ ע ר: דאס איז ניט אמת. דו האסט געדענקט, אז דו אליין וואלסט געקענט ערדייכען עטוואס גרויסעס אין לעבען; און אז דו וואלסט מיך געקענט אויסנוצען פאר דיינע צוועקען. איך האב געזאלט זיין א ניצליכער אינסטרומענט אין דיינע הענד — דאס איז וואס דו האסט געדענקט.

ר ע ב ע ק א: הער מיך אוים, ראזמער —.

ר א ז מ ע ר: (זעצט זיך גלייכגילטיג אויף דער סאפא). אך, וואס איז די פעולה? איך קען עס איצט זעהן דורך און דורך. איך בין געוועזן ווי א האנדשוה ביי דיר אין די הענד.

ר ע ב ע ק א: הער זיך צו, ראזמער. הער אוים וואס איך האב צו זאגען. דאס וועט זיין דאס לעצטע מאל. (זעצט זיך אויף א שטוהל לעבען סאפא). איך האב גערעכענט דיר שרייבען וועגען אלעס, ווען איך וועל זיין צוריק אין נארד. אבער איך מיין, אז דאס גלייכסטע וועט זיין דו זאלסט עס איצטער הערען.

ר א ז מ ע ר: האסטו אין נאך וואס זיך מודה צו זיין?

ר ע ב ע ק א: דאס גרעסטע קומט ערשט.

ר א ז מ ע ר: דאס גרעסטע?

ר ע ב ע ק א: וועגען וואס דו האסט קיין מאל קיין פער־דאכט ניט געהאט. וואס עס ווארפט ליכט און שאטען אויף אלעס איבעריגע.

ר א ז מ ע ר: (שאקעלט מיט'ן קאפ) איך פערשטעה דאך גאר אין גאנצען ניט.

ר ע ב ע ק א: עס איז גאנץ אמת, אז איך האב א מאל גע־פלאנעוועט צו פערפעסטיגען זיך אין ראזמערסהאלם. איך בין גע־ווען זיכער, אז איך וועל זיך איינקעהרען ווי עס דארף צו זיין. אויף איין אופן, צי אויף דעם אנדערן — פערשטעהסטו.

ר א ז מ ע ר: נו, דו האסט ערדייכט דיין צוועק.

ר ע ב ע ק א: איך גלויב, איך האב אלעס געקענט ערדייכען אין יענער צייט — אלעס אין דער וועלט. דען איך האב נאך גע־האט מיין פורכט־לאזען פריי געבארענעם ווילען. מיר האט פאר קיין זאך ניט געארט — איך האב זיך ניט געשראקען פאר קיין

מענשליכען צובונד. — אבער דאן האָט זיך אנגעפאנגען עפּעס, וואס האט געבראכען מיין ווילען און האָט מיך אזוי טרויעריג ני־דערגעשלאָגען אויף מיין גאנצען לעבען.

ר אָ ז מ ע ר : וואָס האָט זיך אָנגעהויבען ? רייד ניט פער־שטעלט.

ר ע ב ע ק א : עס איז אויף מיר אָנגעקומען אָט די ווילדע ניט - קאָנטראָלירבארע ליידענשאפט. אָה, ראָזמער !

ר אָ ז מ ע ר : א ליידענשאפט ? דו ! נאָך וואָס ?

ר ע ב ע ק א : נאָך דיר.

ר אָ ז מ ע ר : (פּרובירט אויפשפּרינגען) וואָס איז דאָס ?

ר ע ב ע ק א : (שטעלט איהם אָב) זיץ שטיל, ליעבער ; איך האָב נאָך וואָס צו דערצעהלען !

ר אָ ז מ ע ר : און דו מיינסט דערמיט צו זאָגען, אז דו האָסט מיך געליעבט — אויף אָט אזא אופן ?

ר ע ב ע ק א : איך האָב געדענקט, אז דאָס קען הייסען ליע־בע דאמאָלסט. יא, איך האָב געדענקט, אז דאָס איז געווען ליע־בע. אָבער עס איז ניט געווען דאָס. עס איז געווען א ווילדע אונ־קאָנטראָלירבארע ליידענשאפט.

ר אָ ז מ ע ר : (שווער) רעבעקא, דערצעהלסטו מיר דאָס אלעס ווירקליך — ווענען זיך זעלבסט ?

ר ע ב ע ק א : יא, וואָלסטו דאָס גלויבען, ראָזמער ?

ר אָ ז מ ע ר : דאן הייסט עס, צוליעב דעם — אונטער דעם איינפלוס פון דעם — האָסט דו — האָסט דו „זיך גענומען צו דער ארבייט“, ווי דו רופסט עס ?

ר ע ב ע ק א : עס איז אנגעקומען אויף מיר, ווי א שטורם אויפ'ן ים. עס איז געווען ווי איינער פון יענע שטורמס וועלכע מיר האָבען אמאָל ווינטער צייט אין נאָרד. ער כאפּט דיך אן — און רייסט דיך מיט — וואוהין ער וויל. קענסט זיך איהם ניט שטעלען דאגעגען.

ר אָ ז מ ע ר : און אזוי האָט עס היגעריסען די אָרעמע בעאטע אין מיהל - טייך אריין.

ר ע ב ע ק א: יא, דען עס איז געווען א קאמפף אויף לע־בען און טוידט אין יענער צייט צווישען מיר און בעאטען.

ר אָ ז מ ע ר: גאנץ געוויס ביזטו געווען די שטארקסטע אין ראָזמערסהאָלם. שטארקער ווי בעאטע מיט מיר צוזאמען.

ר ע ב ע ק א: איך האָב דיך ניט פערשטאנען און דארום בין איך געווען זיכער, אז איך קען דיך קיין מאָל ניט קריגען, ביז דו וועסט ניט זיין א פרייער מענש אי אין אומשטענדען — אי אין גייסט.

ר אָ ז מ ע ר: אָבער איך פערשטעה דיך ניט, רעבעקא. דו אַליין — און דיין גאנצע פיהרונג זיינען א רעטעניש פאר מיר. איך בין פריי איצטער — אי אין גייסט, אי אין אומשטענדען. דו האָסט עררייכט דעם רעכטען ציעל, וועלכען דו האָסט זיך געשטעלט פון אָנהויב אָן. און דאָך —

ר ע ב ע ק א: איך בין קיין מאָל ניט געווען ווייטער פון מיין ציעל, ווי איצט.

ר אָ ז מ ע ר: און דאָך, זאָג איך — ווען איך האָב דיך געס־טערן געפרעגט — דיך געבעטען — צו זיין מיין פרוי — האָסט דו אויסגעשריען, ווי אין שרעק, אז דאָס קען קיין מאָל ניט זיין.

ר ע ב ע ק א: איך האָב אויסגעשריען אין פערצווייפלונג, ראָזמער.

ר אָ ז מ ע ר: ווארום?

ר ע ב ע ק א: ווייל ראָזמערסהאָלם האָט אונטערגעגראָבען מיינע כחות. די פליגלען פון מיין אמאָליגען פורכטלאָזען ווילען זיינען דאָ אונטערגעהאקט געוואָרען. ער איז פערקריפּעלט געוואָ־רען! די צייט איז שוין פאָריבער ווען איך האָב געהאט מוטה פאר אַלעם אין דער וועלט. איך האָב פערלאָרען די קראפט פון טהאט, ראָזמער.

ר אָ ז מ ע ר: דערצעהל מיר, ווי עס איז געקומען דערצו.

ר ע ב ע ק א: עס איז געקומען פון מיין לעבען צוזאמען מיט דיר.

ר אָ ז מ ע ר: אָבער ווי? ווי אזוי?

רעבעקא: ווען איך בין דאָ געבליבען אליין מיט דיר, — און דו ביזט ווידער געקומען צו זיך —

ראָזמער: יאָ, יאָ?

רעבעקא: דען דו ביזט קיינמאָל ניט געוועזען דו איינגאנצען כל זמן בעאטע האָט געלעבט —

ראָזמער: איך האָב מורא, אין דעם האָסטו רעכט.

רעבעקא: אָבער ווען איך בין דאָ געבליבען לעבען אליין מיט דיר, — אין רוה, אין איינזאַמקייט — ווען דו האָסט מיר בעוויזען אלע דיינע געדאנקען גאָרנישט ניט צוריק האלטענדיג — יעדען צארטען און עדעלען געפיהל, אזוי ווי ער איז געקומען צו דיר — דאן איז אויף מיר אָנגעקומען די גרויסע ענדערונג. דו פערשטעהסט, ביסלעכווייז. כמעט אונבעמערקבאר — אָבער ענדליך מיט אזא איבערוועלטיגענדער שטארקייט, אז עס האָט דערגרייכט ביז אין דער טיפעניש פון מיין נשמה.

ראָזמער: אָה, איז דאָס וואהר, רעבעקא?

רעבעקא: אלעס איבריגע — דער שרעקליכער, פון תאוה בערוישטער בעגעהר — איז אוועק וייט, וייט פון מיר. אלע בעטויבענדע ליידענשאפטען זיינען געבליבען רוהיג און אנטשוויגען. רוה האָט זיך בעזעצט אין מיין נשמה — אַ שטילקייט ווי אויף איינעם פון די הויכע בערג שפּיצען אין נאָרדען אונטער די מיטען־נאכטיגער זון.

ראָזמער: דערצעהל מיר נאָך. דערצעהל מיר אלעס וואָס דו קענסט.

רעבעקא: עס איז שוין ניטאָ פיעל מעהר צו דערצעהלען, ליעבער. נאָר אָט דאָס איז געוועזען — ליעבע, וואָס איז געבאָרען געוואָרען אין מיר. די גרויסע, זעלבסט־אָפּפערענדע ליעבע, וועלכע שטעלט זיך צופריעדען מיט אזא לעבען, ווי מיר ביידע האָבען געפיהרט.

ראָזמער: אָה, ווען איך וואָלט נור געהאט דעם קלענסטען פערדאכט וועגען דעם אלעם!

רעבעקא: ווי עס איז, איז דאָס בעסטע. געסטערן, —

ווען דו האָסט מיר געפרעגט, צי איך וויל זיין דיין פרוי, — האָב איך אויסגעשריען מיט פרייד —

ר אָ ז מ ע ר : יא,ווירקליך, רעבעקא ! איך האָב אזוי פער־שטאנען דיין אויסגעשריי.

ר ע ב ע ק א : פאר א מאָמענט, יא. איך האָב זיך געהאט פערגעסען. דאָס האָט מיין אלטער, מונטערער ווילען געקעמפפט צו זיין פריי. אָבער ער האָט שוין מעהר קיין ענערגיע נים — קיין קראפט אויסצוהאלטען.

ר אָ ז מ ע ר : ווי אזוי דערקלערסטו דאָס, וואָס האָט מיט דיר פאסירט ?

ר ע ב ע ק א : דאָס האָט דער ראָזמער׳שער בליק אויפ׳ן לעבען — אָדער ד י י ן בליק אויפ׳ן לעבען, יעדענפאלס — אָנ־געשטעקט מיין ווילען.

ר אָ ז מ ע ר : אָנגעשטעקט ?

ר ע ב ע ק א : און איהם קראנק געמאכט. עס האָט איהם פערשקלאפט צו געזעצען, וועלכע האָבען פריהער איבער מיר קיין מאכט נים געהאט. דו — דאָס לעבען מיט דיר — האָט אויסגע־עדעלט מיין גייסט —

ר אָ ז מ ע ר : אָה, ווען איך וואָלט עס געקענט גלויבען !

ר ע ב ע ק א : דו מעגסט עס מיט זיכערהייט גלויבען ! די ראָזמערישע לעבענס אנשויאונג עדעלט אויס. אָבער — (שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ) אָבער — אָבער —

ר אָ ז מ ע ר : אָבער ? וואָס ?

ר ע ב ע ק א : אָבער עס טויטעט דאָס גליק.

ר אָ ז מ ע ר : דענקסט דו אזוי, רעבעקא ?

ר ע ב ע ק א : מיין גליק, יעדענפאלס.

ר אָ ז מ ע ר : יא, אָבער ביסטו אזוי זיכער אין דעם ? ווען איך זאָל דיך איצט נאָך אמאָל פרעגען — ? ווען איך זאָל דיך שטארק בעטען ?

ר ע ב ע ק א : אָה, טייערער — רייד קיינמאָהל נים מעהר

ווענען דעם ! עס איז אונמעגליך ! — דו מוזט וויסען, ראָזמער, איך האָב אַ — אַ פערגאַנגענהייט הינטער זיך.

ר אָ ז מ ע ר : נאָך מעהר, ווי דו האָסט מיר דערצעהלט ?

ר ע ב ע ק א : יא. עפּעס אנדערס און עפּעס מעהר.

ר אָ ז מ ע ר : (מיט אַ שוואַכען שמייכעל) איז עס ניט מאָדנע, רעבעקא ? אזא מין געדאנק איז מיר עטליכע מאָל געקומען אין קאָפּ.

ר ע ב ע ק א : ווירקליך ? און דאָך ? זאָגאר דאן ?

ר אָ ז מ ע ר : איך האָב דאָס קיינמאָל ניט געגלויבט. איך האָב זיך נור געשפּיעלט דערמיט — אין מיינע געדאנקען, פערשטעהסט.

ר ע ב ע ק א : אויב דו ווילסט, וועל איך דיר גלייך אלעס דערצעהלען.

ר אָ ז מ ע ר : ניין, ניין ! איך וויל קיין וואָרט ניט הערען. וואָס עס זאָל ניט זיין — קען איך עס פערגעסען.

ר ע ב ע ק א : אָבער א י ך קען ניט.

ר אָ ז מ ע ר : אָה, רעבעקא— !

ר ע ב ע ק א : יא, ראָזמער — ד אָ ס איז דאָס שרעקליכסטע : אז איצט, ווען דאָס גאנצע גליק פון לעבען איז אין מיינע הענד — איצט האָט זיך געביטען מיין הארץ און מיין אייגענע פערגאנגענהייט שניידט מיך אָב דערפון.

ר אָ ז מ ע ר : דיין פערגאנגענהייט איז טויט, רעבעקא ! עס האַלט דיך ניט מעהר — עס איז ניט קיין טהייל פון דיר — ווי דו ביזט איצטער.

ר ע ב ע ק א : אָה, דו ווייסט דאָך, אז דאָס זיינען נור פראַזען, ליעבער. און די אונשולד ? פון וואנען זאָל איך דאָס נעהמען ?

ר אָ ז מ ע ר : (אומעטיג) אָה, — די אונשולד.

ר ע ב ע ק א : יא, די אונשולד ! דאָס איז דער קוואַל פון פריעדען און גליק. ד אָ ס איז די גרינדליכע ווארהייט, וואָס דו האָסט געדארפט איינפלאנצען אין דעם קומענדען דור פון גליקליכע עדעל - מענער —

ר אָ ז מ ע ר: אָה, אָן דעם דערמאָן מיר גאָר ניט. עס איז געוועזן מעהר ניט ווי אַ פּאָר דער צייט געבאָרענער טרוים, רעבעקא, — אַן אונרייפע אידעע, אין וועלכער איך אליין גלויב שוין איצט ניט, אָה, ניין, מיר קענען ניט ווערען אויסגעעדעלט פון דרויסען, רעבעקא.

ר ע ב ע ק א: (ווייך) אפילו ניט דורך רוהיגע ליעבע, ראָז־מער?

ר אָ ז מ ע ר: ((פערטראַכט) יאָ, ד אָ ס וואָלט געווען די גרעסטע זאַך — די ערהאבענסטע כמעט אין לעבען, — ווען עס וואָלט זיין אזוי. (בעוועגט זיך אונרוהיג) אָבער ווי קען איך זיין זיכער וועגען דעם? ווי אזוי קען איך זיך איבערציייגען?

ר ע ב ע ק א: גלויבסט דו מיר ניט, ראָזמער?

ר אָ ז מ ע ר: אָה, רעבעקא — ווי ק ע ן איך דיר גלויבען, אין גאנצען? דו, וועלכע האָסט די גאנצע צייט פערדעקט, פערבע־האלטען אזוי פיעל זאכען! — איצט קומסטו ארויס מיט עפּעס נייעס. אויב דו האָסט עפּעס אַ בעהאלטענע כונה, זאָג מיר דייטליך וואָס דו מיינסט. ווילסטו מיט דעם עפּעס עררייכען? דו ווייסט, אז איך וויל מיט צופרידענהייט טהאָן פאַר דיר אלעס מעגליכע.

ר ע ב ע ק א: (ברעכט די הענד) אָה, אָט דער טויטענדער צווייפעל —! ראָזמער — ראָזמער! —

ר אָ ז מ ע ר: יאָ, איז עס ניט שרעקליך, רעבעקא? איך קען עס אָבער ניט העלפען, איך וועל שוין קיין מאָל ניט קענען אראָבוואַרפען דעם צווייפעל. איך קען קיין מאָל ניט זיין זיכער, אז דו ביסט מיינע אין ריינער, פאָלקאָמענער ליעבע.

ר ע ב ע ק א: איז דען ביי דיר אליין, אין דער טיעפעניש פון דיין נשמה, ניטאָ עפּעס, וואָס זאָל עדות זאָגען פאַר דער ענדע־רונג, וואָס איז געקומען אין מיר? עפּעס וואָס זאָגט דיר, אז דו ביזט די אורזאַך דערפון — דו אליין?

ר אָ ז מ ע ר: אָה, רעבעקא, — איך גלויב שוין ניט מעהר אין מיין קראַפט צו קענען ענדערען וועמען עס איז. מיין גלויבען

אין זיך איז אין גאנצען טוידט. איך גלויב שוין ניט מעהר, ניט אין זיך און ניט אין דיר.

ר ע ב ע ק א : (קוקט אויף איהם טרויעריג) ווי זשע וועסטו קענען לעבען דיין לעבען ?

ר אָ ז מ ע ר : דאָס ווייס איך ניט. איך קען זיך דאָס גאָר ניט פאָרשטעלען. איך דענק ניט, אז איך וועל ק ע נ ע ן לעבען— און איך ווייס ניט פון קיין זאך אין דער וועלט, צוליעב וואָס עס לוינט צו לעבען.

ר ע ב ע ק א : אָה, דאָס לעבען —דאָס לעבען וועט זיך בע־נייען. לאָמיר זיך האלטען פעסט אן דעם, ראָזמער — מיר וועלען סיי ווי סיי זיך באלד שיידען דערמיט.

ר אָ ז מ ע ר : ((שפרינגט אויף אונרוהיג) גיב זשע מיר צו־ריק מיין גלויבען! מיין גלויבען אין ד י ר, רעבעקא! מיין גלויבען אין דיין ליעבע ! בעווייזע ! איך מוז האָבען בעווייזע !

ר ע ב ע ק א : בעווייזע ? ווי קען איך דיר געבען בע־ווייזע ? —

ר אָ ז מ ע ר : דו מ ו ז ט ! (שפאַצירט איבער'ן צימער) איך קען ניט אריבערטראָגען אָט די וויסטקייט — די שרעקליכע פוסט־קייט — די — די —

(אַ שטאַרקער קלאַפּ אין טיר פון פאָדערצימער).

ר ע ב ע ק א : (שפרינגט אויף פון שטוהל) אָה — דו האָסט געהערט ?

(די טיר עפענט זיך. אולריק ברענדיל קומט אריין. ער טראָגט אַ ווייסע העמד, אַ שוואַרצען ראָק, אַ גוטע פּאָר שטיוועל און די הויזען אריינגעשטעקט אין די שטיוועל. זאָנסט איז ער געקליידעט ווי אין ערשטען אַקט. ער זעהט אויס אויפגערעגט).

ר אָ ז מ ע ר : אה, דאָס זייט איהר, הערר ברענדעל ?

ב ר ע נ ד ע ל : יאָהאנעס, מיין יונג — איך בעגרים דיך — און זיי געזונד !

ר אָ ז מ ע ר : וואהין געהט איהר אזוי שפעט ?

ב ר ע נ ד ע ל : אראָפּבארג.

ראַזמער: ווי—?

ברענדעל: איך געה אהיים, מיין ליעבער תלמיד. איך האָב זיך פערביינקט נאָך דער מעכטיגער ניכטיגקייט.

ראַזמער: עפּעס האָט אייך געמוזט פּאסירען, הערר ברענדעל! וואָס איז עס?

ברענדעל: הייסט עס, דו בעמערקסט די ענדערונג? יא — געוויס קענסטו עס מערקען. ווען איך בין צום לעצטען מאָל געוועז דאָ אין די צימערען — בין איך פאר דיר געשטאַנען ווי א פארמעגליכער מענש און זיך געקלאָפּט אין בוזים - קעשענע.

ראַזמער: ווירקליך! איך פערשטעה ניט ריכטיג —

ברענדעל: אָבער, ווי דו זעהסט מיך היינט אבענד, בין איך אן ארונטערגעזעצטער קעניג אויף דעם בארג אש, וואָס איז אמאָל געוועז מיין פּאלאץ.

ראַזמער: אויב איך קען פאר אייך עפּעס טהאָן —

ברענדעל: דו האָסט נאָך אלץ דיין קינדערש הארץ, יאָהאנעס. קען איך ביי דיר קריגען א הלואה?

ראַזמער: יא, יא, מיט׳ן גרעסטען פערגניגען!

ברענדעל: קענסט דו מיר אפשר אנטלייהען א פּאָאר אידעאלען?

ראַזמער: וואָס זאָגט איהר?

ברענדעל: איינעם אָדער צוויי אוועקגעוואָרפענע אי-דעאלען. דו וואָלסט פּערדיענט אן אמת׳ע מצוה. ווארום איך בין אין גאַנצען אויסגעליידיגט, מיין יונג. רואינירט, א בעטלער געוואָרען.

רעבעקא: האָט איהר ניט געהאלטען אייער פּאָרטראג?

ברענדעל: ניין, בעצויבערענדע דאמע. וואָס זאָגט איהר דערצו? איך בין שוין גאָר געוועזן גרייט צו שיטען פון פולער האנד — מיט אמאָל, מאַך איך די שמערצליכע ענדעקונג, אז איך בין באנקראָט.

רעבעקא: אָבער אייערע אלע ניט-געשריבענע ווערק?

ברענדעל: פינף און צוואנציג יאָהר בין איך געזעסען ווי א גייץ-האלז אויף זיין אייזערנעם געלד-קאסטען. און דאן —

געסטערן — ווען איך עפען דעם קאסטען און וויל צייגען די אוצרות — איז דארט גארנישט ניטא! די „ציינער פון דער צייט" האבען זיי צעמאהלען אויף שטויב. עס איז געוועזען „ניקס מיט נארנישט אין דעם גאנצען געשעפט".

ר א ז מ ע ר: אבער, זייט איהר דען אזוי זיכער אין דעם?

ב ר ע נ ד ע ל: עס קען קיין ספק ניט זיין דעריין, מיין ליעבער מענש. דער פרעזידענט האט מיך אין דעם איבערצייגט.

ר א ז מ ע ר: דער פרעזידענט?

ב ר ע נ ד ע ל: נו, נו, — איז זיין האהייט. גאנץ נאך בע־ליעבען.

ר א ז מ ע ר: וועמען מיינט איהר?

ב ר ע נ ד ע ל: פעטער מארטענסגארד, פערשטעהט זיך.

ר א ז מ ע ר: וואס?

ב ר ע נ ד ע ל: (געהיימניספאל) שא, שא! פעטער מאר־טענסגארד איז דער הארר און פיהרער פון דער צוקונפט. איך בין קיינמאל ניט געשטאנען פאר א גרעסערען מאנארך. פעטער מאר־טענסגארד וויים דעם סוד פון אלמעכטיגקייט. ער קען טהון אלעס, וואס ער וויל

ר א ז מ ע ר: אה, גלויבט עס ניט.

ב ר ע נ ד ע ל: יא, מיין יונג! דען פעטער מארטענסגארד וויל קיינמאל ניט מעהר, ווי ער קען טהאן. פעטער מארטענסגארד האט בכח צו לעבען אהן אידעאלען, און דאס, זעהסט דו, — ד א ס איז טאקע דער גרויסער סוד פון טהאט און זיעג. דאס איז דער סך הכל פון דער חכמה פון דער גאנצער וועלט. באסטא!

ר א ז מ ע ר: (שטיל) איצט פערשטעה איך — ווארום איהר געהט פון דאנען אוועק ארעמער ווי איהר זייט געקומען.

ב ר ע נ ד ע ל: ביען! נעהם זשע א ביישפיעל פון דיין אלטען לעהרער, רייב אראב אלעס וואס ער האט אמאל אנגעדרוקט אויף דיין מוח. בוי ניט דיין הויז אויף זאמד. און קוק אין פאראוים — און זעה נאך דעם וועג — איידער דו בויסט אויף את דער אויס־געצייכענטער בעשעפעניש, וועלכע גיט צו זיסקייט צו דיין לעבען.

ר ע ב ע ק א: מיינט איהר דאָס מיך ?

ב ר ע נ ד ע ל: יא, מיין בעצויבערענדע מערמויד.

ר ע ב ע ק א: ווארום קען מען אויף מיר ניט בויען ?

ב ר ע נ ד ע ל: (קומט אַ טריט נעהענטער) איך פערשטעה, אַז מיין געוועזענער תלמיד דארף דורכפיהרען צום זיעג אַ גרויסע זאַך.

ר ע ב ע ק א: און אויב אזוי—?

ב ר ע נ ד ע ל: דער זיעג איז זיכער. אָבער — הערט מיין וואָרט — אונטער איין אבסאָלוט נויטיגער בעדינגונג.

ר ע ב ע ק א: וועלכע איז—?

ב ר ע נ ד ע ל: (נעהמט איהר צערטליך ביי דער האַנד) אַז די פרוי, וועלכע ליעבט איהם, זאָל מיט פרייד אריינגעהן אין קיך און אָבהאקען איהר צארטען, וויים־ראָזען קליינעם פינגערל — ד אָ — אָט פונקט דאָ ביים מיטעלסטען גליעד. דיטאָ, זאָל די אויבען־דערמאָהנטע ליעבענדע פרוי —וויעדער מיט פרייד — אָבשניידען איהר וואונדער - שעהן פאָרמירטען, לינקען אויער. (לאָזט איהר אָפּ, און ווענדעט זיך צו ראָזמערען) זיי געזונד, מיין זיעגענדער יאָהאַ־נעס.

ר אָ ז מ ע ר: איהר געהט שוין ? אין אזא פינסטערע נאכט ?

ב ר ע נ ד ע ל: די פינסטערע נאכט איז דאָס בעסטע. פריע־דען צו דיר. (ער געהט).

(אַ קורצער שטיל - שווייגען אין צימער).

ר ע ב ע ק א: (אָטהעמט שווער) אָה, ווי ענג און שטיקענד די לופט איז דאָ ! (געהט און עפענט די פענסטער און בלייבט דאָרט שטעהן).

ר אָ ז מ ע ר: (זעצט זיך אין לעהנשטוהל ביים אויוועץ) נאָך אלעמען איז קיין אנדער אויסוועג ניטאָ, רעבעקא. איך זעה שוין. דו מוזט אוועק פאָהרען.

ע ב ע ק א: יא, איך האָב קיין ברירה ניט.

ר אָ ז מ ע ר: לאָמיר אַם בעסטען אויסנוצען אונזער לעצטע שטונדע. קום אהער און זעץ זיך לעבען מיר.

ר ע ב ע ק א: (געהט צו און זעצט זיך אויף דער סאָפאַ) וואָס ווילסט דו מיר זאָגען, ראָזמער?

ר אָ ז מ ע ר: ערשטענס, וויל איך דיר זאָגען, אז דו דארפסט גאָרניט זאָרגען וועגען דיין צוקונפט.

ר ע ב ע ק א: (שמייכעלט) ה'ם, צוקונפט.

ר אָ ז מ ע ר: איך האָב שוין לאנג אלעס איינגעאָרדענט. וואָס עס זאָל ניט פאסירען, ביזטו פערזאָרגט.

ר ע ב ע ק א: דאָס אויך, מיין טייערער?

ר אָ ז מ ע ר: דו האָסט זיכער דאָס געמעגט פערשטעהן.

ר ע ב ע ק א: עס איז שוין זעהר לאנג, זינט איך האָב גע־טראכט וועגען אזעלכע זאכען.

ר אָ ז מ ע ר: יא, יא, דו האָסט געדענקט, אז אונזערע בע־ציהונגען וועלען אימער בלייבען ווי געוועזן.

ר ע ב ע ק א: יא, אזוי האָב איך געדענקט.

ר אָ ז מ ע ר: איך אויך. אָבער ווען איך זאָל שטארבען —

ר ע ב ע ק א: אָה, ראָזמער — דו וועסט לעבען לענגער פאר מיר.

ר אָ ז מ ע ר: מיין ניכטסווירדיג לעבען ליעגט דאָך אין מיינע הענד.

ר ע ב ע ק א: וואָס איז דאָס! דו דענקסט דאָך ניט וועגען —!

ר אָ ז מ ע ר: דענקסטו אז עס וואָלט געווען אזא וואונדער? נאָך דעם טרויעריגען, קלעגליכען דורכפאל! איך, וועלכער האָב געדארפט דורכפיהרען א גרויסע מיסיאָן צום זיעג — בין איך ניט אנטלאָפען פון שלאכט נאָך איידער זי האָט זיך ריכטיג אָנגעפאנ־גען?

ר ע ב ע ק א: נעהם צוריק אויף דעם קאמפף, ראָזמער! פרוביר נאָר — און דו וועסט זעהן, אז דו וועסט זיעגען. דו וועסט פערעדלען הונדערטער — טויזענדער גייסטער. פרוביר נור!

ר אָ ז מ ע ר: אָה, רעבעקא — איך, וועלכער גלויב שוין ניט מעהר אין מיין אייגענער מיסיאָן!

ר ע ב ע ק א: אָבער דיין מיסיאָן האָט שוין אויסגעהאַל־טען די פּראָבע. דו האָסט אויסגעעדעלט איין מענשליכען וועזען, ווענינגסטענס — מיך האָסט דו אויסגעעדעלט אויף מיין גאַנצען לעבען.

ר אָ ז מ ע ר: אַך — ווען איך וואָלט געקענט וואגען דיר צו גלויבען.

ר ע ב ע ק א: (דריקט צונויף די הענד) אָה ראָזמער, — ווייסט דו פון קיין זאך ניט — פון גאָרניט, וואָס וואָלט דיך געקענט מאַ־כען גלויבען אין דעם?

ר אָ ז מ ע ר: (שפּרינגט אויף ווי דערשראָקען) רייד ניט דער־פון! לאָז עס, רעבעקא! קיין וואָרט ניט מעהר.

ר ע ב ע ק א: יא, דאָס איז גענוי, וועגען וואָס מיר מ ו ־ ז ע ן רעדען. ווייסטו פון עפּעס, וואס וואָלט דערשטיקט דעם צוויי־פעל? דען איך ווייס פון קיין זאך ניט.

ר אָ ז מ ע ר: עס איז גוט פאר דיר, וואָס דו ווייסט ניט.— עס איז גוט פאר אונז ביידען.

ר ע ב ע ק א: ניין, ניין, — דו וועסט מיך דערמיט ניט אָב'פּטר'ן! אויב דו ווייסט פון עפּעס, וואָס וואָלט מיר געקענט ריין וואשען אין דיינע אויגען, מאָהן איך עס ווי מיין רעכט, דו זאָלסט עס מיר זאָגען.

ר אָ ז מ ע ר: (ווי געצוואונגען צו רעדען געגען זיין ווילען) דאַן, לאָמיר זעהן. דו זאָגסט, אז אין דיר שטעקט א גרויסע ליעבע; אז דורך מיר איז דיין גייסט אויסגעעדעלט געוואָרען. איז עס אמת? איז דיין חשבון ריכטיג, רעבעקא? זאָלען מיר פּרובירען מאַכען דעם סך הכל? זאָג!

ר ע ב ע ק א: איך בין פערטיג.

ר אָ ז מ ע ר: צו יעדער צייט?

ר ע ב ע ק א: ווען דו ווילסט. וואָס שנעלער, אלץ בעסער.

ר אָ ז מ ע ר: דאַן, לאָמיר זעהען, רעבעקא, — ווען דו

זאָלסט — צוליעב מיר — היינט אבענד — (אונטערברעכט זיך) אָה, ניין, ניין ניין!

ר עָ ב ע ק א: יא, ראָזמער! יא! זאָג מיר, און דו וועסט זעהן.

ר אָ ז מ ע ר: האָסטו דעם מוטה — האָסטו דעם ווילען — מיט פרייד, ווי אולריק ברענדעל האָט געזאָגט — צוליעב מיר, היינט אבענד — מיט פרייד — געהן דעמזעלבען וועג, אויף וועלכען בעאטע איז געגאנגען?

ר ע ב ע ק א: (שטעהט לאנגזאַם אויף פון סאָפא; כמעט אָהן א קול) ראָזמער — !

ר אָ ז מ ע ר: יא, רעבעקא, דאָס איז די פראגע, וועלכע וועט מיך אימער פערפאָלגען, ווען דו וועסט שוין זיין אוועקגעפאָהרען. יעדע שעה אין טאָג וועט דאָס צו מיר צוריק קומען. אָה, מיר דאכט, אז איך זעה דיך פאר מיינע אויגען. דו שטעהסט דאָרט, אויפ'ן בריקעל — פונקט אין דער מיט. אָט בויגסטו זיך אריבער איבער דער פארענצע — עס ציהט דיך שווינדעלדיג ארונטער, ארונטער צום שטראָמיגען וואסער! ניין, — דו כאפסט זיך צוריק. דו האָסט ניט דעם מוטה צו טהאָן דאָס, וואָס זי האָט געוואגט.

ר ע ב ע ק א: אָבער, ווען איך האָב דעם מוטה? און דעם ווילען צו טהאָן דאָס מיט פרייד? וואָס דאן?

ר אָ ז מ ע ר: דאן וואָלט איך דיר געמוזט גלויבען. איך וואָלט צוריקגעקראָגען מיין גלויבען אין מיין מיסיאָן. דעם גלויבען אין מיין קראפט אויסצועדלען מענשליכע גייסטער. דעם גלויבען, אז דער מענשליכער גייסט לאָזט זיך אויסעדלען.

ר ע ב ע ק א: (הויבט לאַנגזאַם אויף איהר טוך, און טהוט עס אָן אויפ'ן קאָפּ; זאָגט ענטשלאָסען:) דו וועסט צוריק קריגען דיין גלויבען.

ר אָ ז מ ע ר: האָסטו דעם ווילען און דעם מוטה דערצו, רעבעקא?

ר ע ב ע ק א : דאָס וועסטו זעהן מאָרגען — אָדער שפּעטער — ווען זיי וועלען געפינען מיין קערפּער.

ר אָ ז מ ע ר : (לעגט צו די האַנד צום שטערן) עס שטעקט אין דעם א שרעקליכער רייץ—!

ר ע ב ע ק א : דען איך וויל דאָרט ניט בלייבען ליעגען — ניט לענגער ווי עס איז נויטיג. דו מוזט זעהן, מען זאָל מיך געפינען.

ר אָ ז מ ע ר : (שפּרינגט אויף) אָבער דאָס אלעס — איז ניט מעהר ווי משוגעת. פאָהר — אָדער בלייב ! איך וועל דאָס מאָל דיר אויך גלויבען בלויז אויפ'ן וואָרט.

ר ע ב ע ק א : פראזען, ראָזמער ! לאָמיר ניט זוכען מעהר, טייערער, אויסצודרעהען זיך ווי פייגלינגע ! ווי קענסט דו מיר, נאָך היינטיגען טאָג, גלויבען בלויז אויפ'ן וואָרט ?

ר אָ ז מ ע ר : איך וויל ניט זעהן דיין ניעדערלאגע, רעבעקא !

ר ע ב ע ק א : עס וועט ניט זיין קיין ניעדערלאגע.

ר אָ ז מ ע ר : יאָ, עס וועט זיין. דו וועסט קיין מאָל ביי זיך ניט פועל'ן צו געהן אויף בעאטעס וועג.

ר ע ב ע ק א : דו דענקסט אז ניט ?

ר אָ ז מ ע ר : קיין מאָל ניט. דו ביזט ניט ווי בעאטע. דו ביזט ניט אונטער דער מאכט פון א פאלשער לעבענס-אנשויאונג.

ר ע ב ע ק א : איך בין אָבער אונטער דער מאכט פון דער ראָזמערסהאָלמ'שער לעבענס - אנשויאונג — איצטער. וואָס איך האָב געזינדיגט — איז ניט מעהר ווי רעכט איך זאָל גוט-מאכען.

ר אָ ז מ ע ר : (קוקט איהר אָן) איז דאָס דיין שטאנד-פונקט ?

ר ע ב ע ק א : יא.

ר אָ ז מ ע ר : (ענטשלאָסען) נו, גוט ; א י ך שטעה פעסט אויף אונזער עמאנציפירטען שטאנדפונקט, רעבעקא. עס איז ניטאָ קיין ריכטער איבער אונז ; און דערפאר מוזען מיר זיך אליין משפט'ן.

ר ע ב ע ק א : (פערשטעהט איהם שלעכט) יא, דאָס איז אמת

— דאָס אויך. מיין טוידט וועט רעטען דאָס בעסטע וואָס איז אין דיר.

ראָזמער: אָה, עס איז גאָר ניט געבליבען אין מיר וואָס צו רעטען.

רעבעקא: יא, עס איז געבליבען. אָבער איך — נאָך היינטיגען טאָג — קען איך נור זיין א בייזער ים־גייסט, וואָס שלעפּט ארונטער די שיפ, וועלכע דארף דיך טראָגען פאָרוועדטס. איך מוז זיך ווארפען אין ים. צו וואָס זאָל איך דאָ פערבלייבען, אויף דער וועלט, שלעפּענדיג נאָך זיך מיין צוקאליעטשעטען לעבען? צו וואָס זיך גריבלען און גריבלען וועגען דעם גליק, וואָס מיין פערגאנגענהייט האָט מיך געמאכט פערלירען אויף אייביג? איך מוז אויפגעבען די שפּיעל, ראָזמער.

ראָזמער: אויב דו געהסט — געה איך מיט דיר.

רעבעקא: (שמייכעלט כמעט אונבעמערקט, קוקט אויף איהם און זאָגט ווייכער) יא, קום מיט מיר — און זעה —

ראָזמער: איך געה מיט דיר, זאָג איך.

רעבעקא: צום בריקעל, יא. דו ווייסט דאָך, אז דו וואגסט קיין מאָל ניט ארויף צו געהן אויף איהם.

ראָזמער: האָסטו עס בעמערקט?

רעבעקא: (טרויעריג און צובראָכען) יא. — דאָס האָט טאקע געמאכט מיין ליעבע האָפנונגלאָז.

ראָזמער: רעבעקא — איצט לעג איך מיין האנד אויף דיין קאָפּ — (ער טהוט עס) — און איך מאך דיך פאר מיין אמת'ער פרוי.

רעבעקא: (נעהמט זיינע ביידע הענד און בויגט אָן איהר קאָפּ אויף זיין ברוסט) א דאנק, ראָזמער. (לאָזט איהם אָב) און איצט וועל איך געהן — צופריעדען.

ראָזמער: מאן און פרוי דארפען געהן צוזאמען.

רעבעקא: נור ביז'ן בריק, ראָזמער.

ראָזמער: און אויף איהם אויך. אזוי ווייט ווי דו וועסט געהן וועל איך אויך געהן מיט דיר. דען איצטער וואג איך.

ר ע ב ע ק א : ביזט דו אבסאָלוט זיכער, אז דאָס איז דער בעסטער וועג פאר דיר ?

ר אָ ז מ ע ר : איך בין זיכער, אז דאָס איז דער איינציגער וועג.

רעבעקא : אפשר נארסטו זיך ? אפשר איז עס נאָר א פאלשע איינבילדונג ? איינער פון די „ווייסע פערד“ פון ראָז־מערסהאָלם.

ר אָ ז מ ע ר : עס קען זיין. דען מיר קענען פון זיי קיין מאָל ניט אנטלויפען — מיר פון דיזען הויז.

ר ע ב ע ק א : דאן בלייב דאָ, ראָזמער !

ראָזמער : דער מאן מוז געהן מיט זיין פרוי, ווי די פרוי מיט איהר מאן.

ר ע ב ע ק א : יא, אָבער פריהער זאָג מיר נור דאָס : געהסט דו נאָך נאָך מיר ? אָדער איך געה נאָך נאָך דיר ?

ר אָ ז מ ע ר : די פראגע ווען מיר שוין קיינמאָל ניט בע־קלערען.

רעבעקא : איך וואָלט אָבער וועלען ויסען.

ר אָ ז מ ע ר : מיר געהען איינער מיט דעם אנדערען, רע־בעקא — איך מיט דיר, און דו מיט מיר.

רעבעקא : איך דענק, אז דאָס איז כמעט די ווארהייט.

ראָזמער : דען איצט זיינען מירביידע איינס.

רעבעקא : יא, מיר זיינען איינס. קום ! מיר געהען צו־פריעדען.

(זיי געהען געאָרעמט דורך דעם פאָדערצימער, און עס זעהט זיך ווי זיי פערקירעווען לינקס. די טיר בלייבט אָפען).

(דאָס צימער בלייבט לעער אַ ווייל. דאַן עפענט זיך די טיר רעכטס דורך פרוי העלזעט).

פ ר ו י ה ע ל ז ע ט : פרייל. וועסט — די קארעטע איז — (קוקט זיך אַרום) ניטאָ ? צוזאמען אין דרויסען אזוי שפּעט ? נו— איך מוז זאָגען—! ה'ם ! (געהט אַרויס אין פאָדערצימער, קוקט זיך ארום און קומט צוריק אַריין). ניטאָ אויף דער גארטען - באנק. נו,

נו. (געהט צו צום פענסטער און קוקט ארויס) אָה, מיין גאָט ! וואָס איז ד אָ ר ט פאר א ווייסע זאך — ! זיי שטעהען ביידע אויפ'ן בריקעל ! גאָט, פערגיב די זינדיגע נשמות — זיי האָבען זיך אומגארעמט ! (שרייט אויס הויך) אך — ארונטער — ביידע ! אראָב אין טייך ! הילף ! הילף ! (איהרע קניע ציטערען; זי כאַפּט זיך אָן אָן שטוהל, און ציטערט ; זי קען קוים רעדען). ניין. דאָ איז קיין הילף ניטאָ. — דאָס טויטע ווייב האָט זיי צוגענומען.

ע נ ד ע.

די פרוי פון ים

א דראמא אין פינף אקטען

פון

הענריק איבסען.

איבערזעצט פון א. ים.

פערלאַג: מייזעל עט קאָ.

422 גרענד סט., ניו יאָרק.

1910.

Copyright, 1910, by
Maisel & Co., New York.

די פרוי פון ים.

איבערזעצט פון א. ים.

פערזאָנען:

דאקטאר וואנגעל, א בעצירק־אַרצט.

עללידא, זיין צווייטע פרוי.

באָלעטע }
הילדע } זיינע טעכטער פון דער ערשטער פרוי.

אַרנהאָלם, א פּראָפעסאר.

לינגסטראנד.

באַלעסטעד.

א פרעמדער.

יונגע לייט פון שטאָדט.

טוריסטען און זומער־געסט.

די האנדלונג קומט פאָר זומערצייט אין א קליין פיאָרד־שטעדטעל אין צפון נאָרוועגיען.

ערשטער אקט.

ד ר. ו ו אַ נ ג ע ל׳ ס הויז מיט א גרויסער וועראַנדע לינקס. פאַרענט און ארום הויז א גארטען. נעבען דער וועראַנדע א פלאַג־שטאַנג; רעכטס אין גארטען, א זומער־ביידעל מיט א טיש און שטוהלען. אין הינטערגרונד, א צוים פון קוסטעס מיט א קליינער ארויגאנג־טיר. הינטער׳ן צוים פיהרט א וועג צום וואַסער־ברעג מיט רייהען בוימער אויף ביידע זייטען. צווישען די בוימער זעהט זיך דער פיאָרד און גאר פון ווייטען — א רייהע בערג און הויבע בערג־שפיצען. א ווארימער און העל־קלאָרער זומערמארגען.

ב א ל ע ס ט ע ד, א מאן פון מיטעלע יאהרען, געקליידט אין אן אלטען סאמעטענעם זשאקעט מיט א ברייט־ראַנדיגען הוט, שטעהט אונטען ביים פלאג־שטאנג און מאַכט צו רעכט דאס שטריק. די פלאַג ליעגט אויף דער ערד. אביסעל פון ווייטען שטעהט א בילד־שטענדעל מיט אן אנגעצויגענעם לייוואַנד. אויף א פעלד־שטוהל דערביי ליע־גען פינזלען, א מאַלער־ברעטעל און א פאַרב־קעסטעל.

ב אַ ל ע ט ע קומט ארויס דורך די טיר פון גארטען־צימער אויף דער וועראַנדע. זי טראָגט א גרויסע וואַזע מיט בלומען און שטעלט עס אוועק אויפ׳ן טיש.

ב אַ ל ע ט ע: נו, באַלעסטעד, וועט איהר עס קענען צו־רעכט מאכען?

ב אַ ל ע ס ט ע ד: גאנץ געוויס, פריילין. זעהר לייכט. — מעג מען פרעגען, צי איהר ערוואַרט היינט געסט?

ב אַ ל ע ט ע: יא, מיר ערוואַרטען היינט אין דער פריה דעם פראָפעסאר ארנהאָלם. ער איז נעכטען ביי נאכט אנגעקו־מען אין שטאָדט.

באלעסטעד: אַרנהאָלם? וואַרט אַ מינוט — האָט ניט געהייסען אַרנהאָלם אָט דער, וואָס איז דאָ געוועזען הויז־לעהרער מיט עטליכע יאהר צוריק?

באָלעטע: יאָ, טאַקע דער און ניט קיין אַנדערער.

באלעסטעד: זעה נור, זעה! קומט ער, הייסט עס, ווידער אהער אין דעם געגענד?

באָלעטע: דערפאַר טאַקע ווילען מיר אויפהענגען דעם פלאַג.

באלעסטעד: אהא, געדעכט. דאָס פּאַסט זיך טאַקע.

באָלעטע געהט צוריק אריין אין גאַרטען־צימער. אין אַ וויילע ארום קומט ליגגסטראַנד איבער'ן וועג און שטעלט זיך אָב פעראינטערעסירט, דערזעהענדיג דאָס בילד־שטענדעל און די מאַלער־געציַיג. ער איז אַ מאגערער יונגערמאַנטשיק מיט אַ קרענקליכען אויסזעהען, געקליידט איינפאַך אבער נעט.

ליגגסטראַנד (אויף יענער זייט פון צוים): גוט מאָרגען.

באלעסטעד (קעהרט זיך אום): אה, — גוט מאָרגען! (ציהט אַרויף די פלאַג) האַ־האַ — דער באַלאָן הויבט זיך אויף! (פערפעסטיגט די שטריק און הויבט זיך אָן פּאָרען ארום דעם בילדער־שטענדעל) גוט מאָרגען, מיין העהר. נאָר דוכט זיך, איך האָב ניט געהאַט דאָס פערגניגען —

ליגגסטראַנד: איהר זייט געוויס אַ מאַלער, אַ יאָ?

באלעסטעד: יאָ, נאַטירליך. פאַרוואָס זאָל איך ניט זיין קיין מאַלער?

ליגגסטראַנד: אָה, איך זעה. מעג איך מיר נעהמען די פרייהייט אריינצוקומען אויף אַ ווײַלע?

באלעסטעד: איהר ווילט אפשר זיך צוקוקען?

ליגגסטראַנד: יאָ, איך וואָלט זעהר גערן זיין.

באלעסטעד: אָך, פיעל צו זעהן איז ניטאָ. אָבער איך ביטע זעהר. קומט נור אריין.

לינגסטראנד: מיין בעסטען דאנק. (ער קומט אריין דורך די גארטען־טיר).

באלעסטעד (מאָלט): איך האלט איצט ביי'ן פיאָרד, אָט דאָ צווישען די אינזלען.

לינגסטראנד: יאָ, איך זעה.

באלעסטעד: אָבער עס פעהלט נאָך די פיגור. ס'איז ניט צו קריגען דאָ אין שטאָדט קיין מאָדעל.

לינגסטראנד: וועט דאָ נאָך קומען א פיגור אויך?

באלעסטעד: יאָ, דאָ אין פאָדערגרונד אויפ'ן פעלז דארף ליעגען א האלב־טויטע ים־פרוי.

לינגסטראנד: פארוואָס מוז זי עפּעס זיין האלב־טויט?

באלעסטעד: זי האָט פערבלאָנזשעט אהער פון ים און קען ניט געפינען איהר וועג צוריק. ליעגט זי דאָ אין דעם גע־זאלצליכען וואסער און געהט אויס ביסלעכווייז, פערשטעהט איהר מיך.

לינגסטראנד: אָה, אזוי?

באלעסטעד: די דאמע דאָ פון דעם הויז האָט מיר ארויפגעפיהרט אויפ'ן געדאנק צו מאָלען אזא מין זאך.

לינגסטראנד: און ווי וועט איהר אָנרופען דאָס בילד, ווען עס וועט זיין פארטיג?

באלעסטעד: איך דענק דאָס זאָל הייסען: דער ים־פרוי'ס סוף.

לינגסטראנד: גרויסארטיג. — איהר קענט זיכער מאכען עטוואָס שעהנעס דערפון.

באלעסטעד (קוקט איהם אָן): זייט איהר אפשר אליין אויך פון זעלבען פאך?

לינגסטראנד: איהר מיינט א מאָלער?

באלעסטעד: יאָ.

לינגסטראנד: ניין. דאָס בין איך ניט. אָבער איך וויל ווערען א סקולפּטאָר. איך הייס האנס לינגסטראנד.

באלעסטעד: אזוי, איהר ווילט ווערען א סקולפּטאָר? יא, יא, די סקולפּטור איז אויך א שעהנע, הערליכע קונסט. — איך גלויב, איך האָב איך געזעהן אייניגע מאָל אויפ'ן גאס. האלט איהר זיך דאָ אויף שוין לאַנג?

לינגסטראנד: ניין, איך בין דאָ ערשט א צוויי וואָכען. איך האָף אָבער, אז איך וועל דאָ קענען פערבלייבען דעם גאַנצען זומער.

באלעסטעד: אזוי, פערברייננגען דאָ דעם זומער־סעזאָן, הא?

לינגסטראנד: איך מוז דאָ זעהן אָנקלייבען א ביסעל כחות.

באלעסטעד: איהר זייט, גאָט בעהיט, ניט קראנק?

לינגסטראנד: יא, אייגענטליך בין איך פון דער נאַטור א ביסעל קראנקליך. ניט געפעהרליך חס ושלום. איך פיהל נור עפּעס א קלעמונג אויפ'ן הארצען.

באלעסטעד: עט — אויך מיר א זאַך! דאָך וואָלט איהר בעסער געדאַרפט ארייגעהן זעהן א גוטען דאָקטאָר.

לינגסטראנד: איך האָב טאקע געקלערט, אז עס וועט זיך מאכען א געלעגענהייט צו פרעגען דעם דאקטאר וואַנגעל.

באלעסטעד: יא, דאָס זאָלט איהר טאקע טהאָן. (קוקט ארויס לינקס) אָט קומט שוין ווידער אָן א שיף פול אָנגעשטאָפּט מיט פּאסאזשירען. דאָס ארומרייזען האָט זיך אין די לעצטע עטליכע יאָהר ענטוויקעלט גאָר אָהן א שיעור.

לינגסטראנד: יא, ווי איך זעה איז דאָ א געוואַלטיג־גרויסער פערקעהר.

באלעסטעד: מיר האָבען דאָ זומער־געסט אויך א גאַנצע מאסע. אָפטמאָל האָב איך מורא, אז אונזער גוטע שטאָדט זאָל ניט פערלירען איהר אייגענטימליכען כאראקטער צוליעב דעם דאָזיגען ערב רב.

לינגסטראנד: זייט איהר א היגער א געבירטיגער?

באלעסטעד: ניין, דאָס ניט. אָבער איך האָב זיך דאָ

אקלאַ — אַקלימאַטיזירט. איך פיהל זיך צוגעבונדען צו דעם אָרט מיט די בענדער פון צייט און געוועגהייט.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: שוין אַ לאַנגע צייט, הייסט עס, אַז איהר וואוינט דאָ?

ב א ל ע ס ט ע ד: נו, אַן ערך פון אַ יאָהר זיעבעצעהן — אכטצעהן. איך בין אריבערגעקומען אהער מיט שיווע׳ס טעאטער־קאָמפּאַניע. מיר זיינען אָבער אריינגעפאַלען אין אַ פינאַנציעלע פערלעגענהייט, און די גאַנצע קאָמפּאַניע איז צעפאַלען און זיך צעשפרייט אין אַלע עקען פון דער וועלט.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: איהר אַליין אָבער זייט דאָ געבלי־בען?

ב א ל ע ס ט ע ד: איך בין געבליבען. און נאָך אַלעם דעם איז עס פאַר מיר געווען צום גוטען. אין יענער צייט, פערשטעהט איהר מיך, בין איך געווען בעשעפטיגט אלס סצענען־מאַלער.

באַלעטע קומט ארויס מיט אַ שאַקעל־שטוהל, וועלכען זי שטעלט אוועק אויף דער וועראַנדע.

ב אָ ל ע ט ע (רעדט אריין אין גאַרטען־צימער): הילדע — זעה נור, צי דו קענסט ניט געפינען דעם געשטריקטען פוס־האַלטער פאַר׳ן פּאַפּאַ.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד (געהט צו צום וועראַנדע און פערנייגט זיך): גוט מאָרגען, פריילין וואַנגעל!

ב אָ ל ע ט ע (נעבען פאַרענצע): אַי, זעה נור — דאָס זייט איהר, הערר לינגסטראַנד? גוט מאָרגען! ענטשולדיגט אַן אויי־גענבליק — איך וויל נור — (געהט אריין אין הויז).

ב א ל ע ס ט ע ד: זייט איהר בעקאַנט מיט דער פאַמיליע?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: פון וויטען. איך האָב אַ פּאָר מאָל געטראָפען די פריילינס ביי בעקאַנטע אין הויז. דאַן האָב איך פערבייגעהענדיג גערעדט מיט דער מאַדאַם — אונלענגסט אויפ׳ן קאָנצערט אין „פּראָספּעקט“. זי האָט געזאָגט, איך זאָל אמאָל קור־מען זי בעזוכען.

באַלעסטעד: איהר ווייסט וואָס איך וויל אייך זאָגען— די בעקאַנטשאַפט זאָלט איהר זעהן ענטוויקלען.

לינגסטראַנד: יאַ, איך וויל טאַקע אריינגעהן צו זיי צום בעזוך — איך מיין זיי מאַכען אַ וויזיט. ווען איך וואָלט נור געהאַט עפּעס אַן אויסרייד —

באַלעסטעד: וויים איך וואָס — אַן אויסרייד —. (קוקט ארוים לינקס.) הימעל־דונער־וועטער! (פּאַקט צוזאַמען זיינע זאַכען.) דער דאַמפּ־שיף שטעהט שוין ביים בריק. איך מוז געהן אין האָטעל. אפשר דאַרף מיך האָבען אימיצער פון די אָנגעקו־מענע. לאָזט מיר אייך זאָגען, אַז איך בין אויך אַ האָאָר־שערער און אַ פריזער.

לינגסטראַנד: איהר! — איהר זייט אַ פּנים גאָר אַ פיעלזייטיגער מענש.

באַלעסטעד: אין די קליינע שטעדטלעך מוז מען קע־נען אין אַלערליי פאַכען זיך אָק — אַקלימאַטיזירען. טאָמער דאַרפט איהר ווען עס איז עפּעס־וואָס אין דעם האָאָר־פאַך — אַ ביסעל פּאָמאַדע אָדער דערגלייכען, זאָלט איהר זיך נאָכפרעגען אויף דעם טאַנץ־לעהרער באַלעסטעד.

לינגסטראַנד: טאַנץ־לעהרער — ?

באַלעסטעד: דער פּרעזידענט פון דער מוזיקאַנטען־געזעלשאַפט, אויב אייך געפעלט בעסער. היינט אַבענד גיבען מיר קאָנצערט אין „פּראָספּעקט״. אַדיע, — אַדיע! (ער געהט מיט די מאָלער־געצייג דורך די גאַרטען־טיר אָב לינקס.)

הילדע קומט ארוים מיט'ן פּוס־האַלטער. באָלעטע ברייגגט נאָך בלומען, לינגסטראַנד גריסט הילדע'ן פון גאַרטען ארויף.

הילדע (ביי דער פּאַרענצע, ניט ענטפּערענדיג אויף זיין גרוס): באָלעטע זאָגט, אַז איהר האָט זיך היינט „אָטוואַזשעט״ אריינצוקומען.

לינגסטראַנד: יאַ, איך האָב זיך גענומען די פריוו־הייט אריינצוקומען אויף אַ מינוט.

ה י ל ד ע: איהר האָט היינט שוין געווים גענומען אייער מאָרגען־שפּאַציער?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: אך, ניין — פון דעם שפּאַציערגאַנג איז היינט גאָרנישט געוואָרען.

ה י ל ד ע: האָט איהר זיך שוין געבאָדען?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: איך בין געווען א פּאָר מינוט אין וואַסער. איך האָב דאָרט אונטען געזעהען די מאַדאַם, אייער מוטער. זי איז געגאַנגען אין איהר באַד־צימער.

ה י ל ד ע: ווער איז דאָרט געגאַנגען?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: אייער מאַמאַ.

ה י ל ד ע: אַך, אַזוי, אַזוי. (זי שטעלט אוועק דאָס פּוס־בוינקעל נעבען שאָקעל־שטוהל.)

ב אָ ל ע ט ע (בכיון וועלענדיג אונטערברעכען דעם געשפּרעך): האָט איהר אפשר דרויסען אויפ׳ן פיאָרד בעמערקט פּאַפּאַ׳ס שיפעל?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יאַ, מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך האָב געזעהן אַזאַ שיפעל זעגלען צום ברעג צו.

ב אָ ל ע ט ע: דאָס איז געווען פּאַפּאַ. ער איז געווען דאָרטען אויף די אינזלען בעזוכען פּאַציענטען. (פערנעהמט זיך מאַכען אַן אָרדנונג אויפ׳ן טיש.)

ל י נ ג ס ט ר א נ ד (שטעלט א טריט ארויף אויף די טרעפּ פון ווערצנדע): אַך, אָבער האָט איהר דאָ שעהנע בלומען —!

ב אָ ל ע ט ע: אַ יאָ, דאָס זעהט אויס שעהן?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: אָ, דאָס זעהט אויס הימעל שעהן. עס זעהט אויס ווי עס וואָלט געווען אַ יום טוב דאָ אין הויז.

ה י ל ד ע: דאָס איז עס טאַקע.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: איך האָב מיר געקלערט אַז עס איז אַזוי. עס איז אודאי היינט אייער פּאַפּאַ׳ס געבורטסטאַג?

ב אָ ל ע ט ע (וואָרנענדיג, צו הילדע׳ן): הם — הם!

ה י ל ד ע (ניט נעהמענדיג איהר אין אַכט): ניין, מאַמאַ׳ס.

לינגסטראנד: אזוי, דער געבורטסטאג פון דער מאַדאם, אייער מוטער?

באַלעטע (אין דער שטיל, געערגערט): אָבער, הילדע — !

הילדע (אין דעמזועלבען טאָן): לאָז מיך צורוה! (צו לינגסטראנד'ן) איהר געהט אודאי איצט א היים פריהשטיקען?

לינגסטראנד (געהט ארונטער די טרעפּ): יא, איך וועל טאקע באלד מוזען נעהמען עפּעס איבערבייסען.

הילדע: איך שטעל מיר פאָר, איהר לעבט דאָרט אין האָטעל א גוטען טאָג?

לינגסטראנד: איך שטעה שוין ניט מעהר אין האָטעל. ס'איז געווען צו־טייער פאר מיר.

הילדע: וואו וואוינט איהר דען איצטער?

לינגסטראנד: איך וואוין איצטער ביי מאדאם יענסען.

הילדע: ביי וועלכער מאדאם יענסען?

לינגסטראנד: ביי דער העבאם.

הילדע: נו, ענטשולדיגט מיר, העדר לינגסטראנד, איך האָב איצט ווירקליך קיין צייט צו —

לינגסטראנד: אך, איך האָב דאָס אודאי ניט געדארפט זאָגען.

הילדע: וואָס האָט איהר ניט געדארפט?

לינגסטראנד: דאָס, וואָס איך האָב אקאָרשט געזאָגט.

הילדע (מיט אַ שטרענגען בליק, מעסט איהם אָב פון קאָפּ ביז די פיס): איך הויב אייך גאָר ניט אָן צו פערשטעהן.

לינגסטראנד: ניין, ניין. נו, איצט מוז איך אייך זאָגען א גוטען טאָג, פריילינס.

באַלעטע (געהט ארויף אויף די טרעפּ): אדיע, אדיע, הערר לינגסטראנד! פאר היינט מוזט איהר אונז שוין ענטשולדיגען — . אָבער אנאנדערשט מאָל שפּעטער — ווען איהר וועט

האָבען גענוג צייט — און לוסט — דאן קומט אריין גוט מאָרגען ביטען דעם פאפא און — אונז אלעמען.

ל י נ ג ס ט ר אָ נ ד : יא, איך דאנק אייך זעהר. דאָס וועל איך זעהר גערן טהאָן.

ער פערנייגט זיך און געהט אוועק דורך די גארטען־טיר. בעת ער געהט פערביי דרויסען אויפ'ן וועג לינקס, פערנייגט ער זיך נאָך אַמאָל צו דער וועראַנדע צו.

ה י ל ד ע (האלב הויך) : אדיע, מאָסיאָ! גריסט פון מיר די מוטער יענסען גאָר פריינדליך.

ב אָ ל ע ט ע (אין דער שטול, שאָקעלט זי בײ'ם אָרעם) : היל־דע — ! דו אונארטיג מיידעל! ביסטו פון זינען? ער האָט דאָך גאנץ לייכט דיר געקענט הערען.

ה י ל ד ע : אַ שפּאַס! — דו מיינסט מיך אהרט עפּעס?

ב אָ ל ע ט ע (קוקט ארויס רעכטס) : אַט קומט דער פאפא.

דאָקטאָר וואַנגעל, אין אַ רייזע־אנצוג מיט אַ קליינעם רייזע־זע־קעל אין דער האַנד, קומט ארויף מיט'ן קליינעם פוס־וועג פון רעכטס.

ו ו אַ נ ג ע ל : נו, אַט בין איך צוריק, קינדערלעך! (ער געהט צו צו דער גארטען־טיר.)

ב אָ ל ע ט ע (געהט איהם אַנטקעגען אונטען אין גארטען) : אַך, ווי גוט, וואָס דו ביזט שוין דאָ.

ה י ל ד ע (געהט אויך ארונטער צו איהם) : האָסטו איצט זיך שוין געמאכט פריי פאר'ן גאנצען טאָג, פאפא?

ו ו אַ נ ג ע ל : אַך ניין, איך מוז שפּעטער אַ ווײלע אויף אַ פּאָר מינוט נאָך ארונטערגעהן אין קאבינעט. — זאָגט מיר נור — ווייסט איהר ניט צי ארנהאָלם איז שוין אָנגעקומען?

ב אָ ל ע ט ע : יא, ער איז אָנגעקומען נעכטען ביי־נאכט. מיר האָבען געשיקט נאָך איהם אין האָטעל.

ו ו אַ נ ג ע ל : געזעהן האָט איהר איהם נאָך ניט?

ב אָ ל ע ט ע : ניין. ער וועט אָבער געוויס אריבערקומען צו אונז נאָך היינט אין דער פריה.

ו ו אַ נ ג ע ל : יא, דאָס וועט ער געוויס טהאָן.

הילדע (צופט איהם): פאפא, איצט קוק זיך ארום.

וואנגעל (קוקט צו דער וועראנדע צו): יא, איך זעה שוין, קינד. — עס איז גאָר היבש יום טוב'דיג דאָ.

באָלעטע: א יאָ, פאפא, מיר האָבען עס שעהן איינגעאָרדענט?

וואנגעל: יא, דאָס מוז איך צוגעבען. — איז — זיינען מיר אליין אין הויז?

הילדע: יא, זי איז ארויסגעגאנגען —

באָלעטע (שלאָגט איהר שנעל איבער): מאמא באָדט זיך.

וואנגעל (קוקט ליעבליך אויף באָלעטע און גלעט איהר דעם קאָפּ. דערנאָך זאָגט ער א ביסעל צוריקגעהאלטען): הערט זיך צו, מיידלעך — וועט עס אזוי בלייבען פערפוצט דעם גאנצען טאָג? און די פאָהן וועט אויך א גאנצען טאָג פלאַטערן?

הילדע: עס פערשטעהט זיך אזוי, פאפא!

וואנגעל: הם — יא. אָבער זעהט נאָר —

באָלעטע (פינטעלט מיט די אויגען און שמייכעלט צו איהם): עס פערשטעהט זיך, אז מיר האָבען דאָס אלעס געמאכט צוליעב פראָפעסאָר ארנהאָלם. ווען אזא גוטער פריינד קומט צום ערשטען מאָל צו דיר צו גאסט —

הילדע (לאכט און צופט איהם): בעדענק נור, פאפא, — באָלעטעס אלטער לעהרער!

וואנגעל (האלב שמייכלענדיג): איהר זייט מירביידע א פאָר שעהנע חברה'טעס. — און פערקעהרט רעדענדיג, איז עס דאָך אויך גאנץ נאטירליך, אז מיר זאָלען זיך דערמאָנען אָן איהר, וועלכע איז שוין מעהר ניטאָ מיט אונז. פון דעסטוועגען אָבער — קום נור אהער, הילדע! (ער גיט איהר דאָס רייזע-זעקעל) דאָס דאַרף מען אוועקטראָגען אין קאבינעט אריין. — ניין, קינדער, דאָס געפעלט מיר ניט. איך מיין די פאָרם, פערשטעהט איהר. אז מיר זאָלען אלע יאָהר דאָס איינענע — . נו, וואָס איז אָבער דאָ צו רעדען? א פנים אז אנדערש קען מען ניט.

הילדע (וויל שוין געהן מיט'ן רייזע-זעקעל דורכ'ן גארטען

לינקס, שטעלט זיך אָבער אָב, דרעהט זיך אום אָן צייגט אָן): זעה נאָר ווער עס קומט דאָרטען. דאָס איז זיכער דער פּראָפעסאָר.

באָלעטע (קוקט אַהינצו): יענער דאָרטען? (לאַכט) האָסטו אָבער אַן אויג! מיינען אויף אָט דעם בעיאָהרטען מאַן, אַז דאָס איז ארנהאָלם!

וואַנגעל: וואַרט נור, קינד. יאָ, ביי גאָט, איך גלויב, אַז דאָס איז ער! — יא געוויס, דאָס איז ער!

באָלעטע (קוקט אַהין־צו מיט א שטילער פערוואונדערונג): יא, כ׳לעבען. איך גלויב אויך — !

ארנהאָלם, אין אן עלעגאנטען מאָרגען־אַנצוג, מיט גאָלדענע ברי־לען און מיט א דינעם שטאָק, בעווייזט זיך דרויסען אויפ׳ן וועג לינקס. ער זעהט אויס אַ ביסעל אויסגעמאַטערט. ער קוקט אריין אין גארטען, גריסט אלעמען פריינדליך און קומט אריין דורך די גארטען־טיר.

וואַנגעל (געהט איהם אַנטקעגען): ווילקאָמען, ליעבער ארנהאָלם! הערציליך ווילקאָמען אין אָט דעם אלטען געגענד וויע־דער!

ארנהאָלם: איך דאנק זעהר, איך דאנק זעהר, ליעבער הערר דאָקטאָר, איך דאנק טויזענדער מאָל! (זיי שאָקלען איינער די אנדערע די הענד און געהען דורכ׳ן גאָרטען.) און אָט זיינען אויך די קינדער! (דערלאנגט זיי די האַנד און קוקט זיי אָן) אָט דיביידע, איך וואָלט זיי קוים ווידער דערקענט.

וואַנגעל: יא, איך מיין עפּעס, אז ניט.

ארנהאָלם: נו, ווי רעדט מען עס — באָלעטע׳ן אפשר דאָך — יאָ, באָלעטע׳ן וואָלט איך יא דערקענט.

וואַנגעל: דאָך מיין איך, אז ניט. עס איז דאָך שוין אכט — ניין יאָהר זינט איהר האָט זיי געזעהען, אך יא, פאַר דער צייט האָט זיך דאָ א היבש ביסעל געענדערט.

ארנהאָלם (קוקט זיך ארום): קיין גרויסע ענדערונגען זעה איך דאָ אייגענטליך ניט. א חוץ וואָס די בוימער זיינען א ביסעל צוגעוואקסען, און דאָס גאָרטען־שטיבעל איז דאָ צוגעקומען—

וואנגעל: אך ניין, אויסערליך —

ארנהאלם (לאכענדיג): און דאן, נאטירליך, האט איהר איצט צוויי דערוואקסענע טעכטער אין הויז, וועלכע ס'איז שוין צייט אויסצוגעבען.

וואנגעל: נו, דערווייל, מאלט אייך, איז נור איינע צייט אויסצוגעבען.

הילדע (האלב הויך): הערט זיך נאר צו צום פאפא!

וואנגעל: איצטער דענק איך וועלען מיר זיך צוזעצען אויף דער וועראנדע. דארט איז א ביסעל קיהלער איידער דא. קומט, איך בעט אייך.

ארנהאלם: איך דאנק זעהר. א דאנק, ליעבער דאקטאר. (זיי געהען ארויף. וואנגעל דערלאנגט ארנהאלם'ען דעם שאקעל־שטוהל.)

וואנגעל: אט אזוי — איצט מאכט זיך נור גאנץ בעקוועם און רוהט זיך אב א ביסעל. עס זעהט טאקע אויס, ווי איהר וואלט זיך געהאט אנגעשטרענגט דורך די רייזע.

ארנהאלם: אה, דאס איז גארנישט. דא אין דעם גע־גענד —

באלעטע (צו וואנגעל): זאלען מיר אפשר ברייננגען אביסעל סאדא־וואסער מיט פרוכט־זאפט אין גארטען־שטיבעל. דא דרויסען וועט זיכער באלד ווערען צו־ווארעם.

וואנגעל: יא, טהוט עס, קינדער, ברייננגט אונז סא־דא־וואסער מיט זאפט. און אפשר אויך א ביסעל קאניאק.

באלעטע: קאניאק אויך ברייננגען — ?

וואנגעל: א ביסעל נור. טאמער וועט זיך וועלען.

באלעטע: זאל זיין אזוי. הילדע, דו טראג ארונטער דאס רייזע־זעקעל אין קאבינעט.

באלעטע געהט אין גארטען־צימער און פערשליסט די טיר הינטער זיך. הילדע נעהמט דאס רייזע־זעקעל און געהט אוועק דורכ'ן גארטען הינטער'ן הויז לינקס.

ארנהאלם (וועלכער האט ניט אראבגענומען די אויגען פון

באַלעטע): דאָס איז דאָך ווירקליך אַ וואויל — וואָס פאַר צוויי שעהנע מיידלעך זיי זיינען ביי איך אויסגעוואקסען!

וואַנגעל (זעצט זיך): אַ יאָ, דענקט איהר ניט אזוי?

אַרנהאָלם: איך בין איינפאך איבערראשט פון באַלעטע. און פון הילדע'ן אויך. — נו, און איהר אליין, ליעבער דאָקטאָר — דענקט איהר טאקע צו בלייבען דאָ וואוינען אייער גאנצען לעבען?

וואַנגעל: אך יאָ, איך מיין אזוי וועט עס שוין מוזען אויסקומען. איך בין דאָ געבוירען און ערצויגען געוואָרען, דאָ האָב איך געלעבט אזוי גליקליך מיט דער, וועלכע האָט אונז אזוי פריה פערלאָזען — מיט דער פרוי, וועלכע איהר האָט געקענט נאָך פון אמאָל, ארנהאָלם.

אַרנהאָלם: יא — יא.

וואַנגעל: און איצט לעב איך אזוי גליקליך מיט דער פרוי, וועלכע איז מיר בעשערט געוואָרען אנשטאט יענע. יא, איך קען זאָגען, אז ארום און ארום האָב איך זיך ניט וואָס צו בעקלאָגען אויף מיין מזל.

אַרנהאָלם: אָבער קיין קינדער פון אייער צווייטער פרוי האָט איהר ניט?

וואַנגעל: מיר האָבען געהאט אַ קליין יונגעל מיט אַ צוויי — צוויי און אַ האלב יאָהר צוריק. ער האָט זיך אָבער ביי אונז לאנג ניט געהאלטען. ער איז געשטאָרבען בעת ער איז אלט געווען פיער — פינף מאָנאט.

אַרנהאָלם: איז אייער פרוי היינט ניטאָ צו הויז?

וואַנגעל: יא, זי מוז שוין באלד קומען. זי איז זיך געגאנגען באָדען. זי געהט זיך באָדען יעדען ליעבען טאָג, די גאנצע צייט, וואָס פאר אַ וועטער עס זאָל ניט זיין.

אַרנהאָלם: איז זי עפּעס ניט געזונד?

וואַנגעל: אזוי אייגענטליך קלאָגט זי זיך אויף גאָרנישט. נישט מעהר וואָס פאר די לעצטע פּאָר יאָהר איז זי געווען מערקווירדיג נערוועז. דאָס הייסט, פון צייט צו צייט. איך קען ניט

קלוג ווערען, וואָס דער מעהר איז מיט איהר דאָן. אָבער באָדען זיך אין ים, זעהט איהר, דאָס איז פאר איהר דאָס לעבען.

אַ ר נ ה אָ ל ם: איך געדענק עס נאָך פון אמאָל.

ו ו א נ ג ע ל (מיט אַ קוים בעמערקבארען שמייכעל): יאָ, איהר קענט דאָך עללידאַ'ן זינט דאמאָלסט, ווען איהר זייט געווען א לעהרער דאָרט אין שאָלדוויקען.

אַ ר נ ה אָ ל ם: גאנץ ריכטיג. זי פלעגט אָפט קומען צום בעזוך אין דעם פאסטאָר'ס הויז. און איך פלעג זי אויך אָפט זעהען אין איהר פאָטערס הויז, ווען איך פלעג קומען צו איהם אין לייכט־טורעם מיט איהם פערברייינגען.

ו ו א נ ג ע ל: דאָס לעבען דאָרטען, ווי איהר קענט זיך פאָרשטעלען, האָט געמאכט אויף איהר א טיעפען איינדרוק. די מענשען דאָ אין שטאָדט קענען עס גאָר ניט בעגרייפען. זיי רופען איהר „די פרוי פון ים“.

אַ ר נ ה אָ ל ם: וואָס איהר זאָגט!

ו ו א נ ג ע ל: יאָ. אָט דעריבער — איך בעט אייך, רעדט מיט איהר פון די אַלטע צייטען, ליעבער אַרנהאָלם. דאָס וועט איהר פיעל גוטעס טהאָן.

אַ ר נ ה אָ ל ם (קוקט איהם אָן מיט צווייפעל): האָט איהר א געוויסען גרונד פאר וואָס איהר דענקט אזוי?

ו ו א נ ג ע ל: גאנץ זיכער האָב איך אזא גרונד.

(עללידאַ'ס שטימע הערט זיך אין גארטען רעכטס).

ע ל ל י ד א: ביזטו דאָ, וואנגעל?

ו ו א נ ג ע ל (שטעהט אויף): יאָ, מיין ליעבע.

עללידא, אין א ברייטען, לייכטען מאַנטעל און מיט נאַסע, איבער די שולטערן אויסגעשפרייטע האָאר, קומט צום גארטען־שטיבעל דורך די בוימער. אַרנהאָלם שטעהט אויף.

ו ו א נ ג ע ל (שמייכעלט און שטרעקט אויס צו איהר די הענד): זעהט נור — אָט קומט די ים־פרוי!

ע ל ל י ד א (געהט שנעל ארויף אויף דער ווערא‌נדע און נעהמט

אָן זיינע הענד) : גאָט צו דאנקען וואָס דו ביזט דאָ! ווען ביזטו געקומען ?

וואנגעל: אקאָרשט איצט; א קליינע ווײלע צוריק. (צייגט אָן אויף אָרנהאָלם) : נו, ווילסטו זיך גאָר ניט גריסען מיט אן אלטען בעקאנטען — ?

עללידא (גיט אָרנהאָלם׳ען די האַנד) : דאָ זייט איהר אל־זאָ ? ווילקאָמען ! און ענטשולדיגט וואָס איך בין ניט געווען צו הויז —

ארנהאָלם: עס מאכט ניט — איך בעט אייך שטערט זיך ניט פון מיינעטוועגען.

וואנגעל: איז דאָס וואסער געווען גוט קיהל היינט ?

עללידא: קיהל! אך גאָט, דאָ איז דאָס וואסער קיינ־מאָל ניט קיהל. ס׳איז אזוי לעבליך און פלאך. אוה! דאָ אין די פיאָרדען איז דאָס וואסער קרענקליך.

ארנהאָלם: קרענקליך ?

עללידא: יא, עס איז קרענקליך. און איך גלויב אז עס מאכט אויך איינעם קרענקליך.

וואנגעל (שמייכעלט) : נא, דו גיסט אָבער א שעהנע רעקאָמענדאציע די היגע בעדער.

ארנהאָלם: מיר דוכט זיך גיכער, אז איהר, פרוי וואנגעל, שטעהט אין א בעזונדער פערהעלטנים צום ים און צו אלעס, וואָס קומט פון ים.

עללידא: יא, דאָס קען זיין. מיר דוכט זיך כמעט אליין אזוי. — אָבער זעהט נור דעם יום־טוב׳דיגען פאראד, וואָס די מיידלעך האָבען געמאכט לכבוד אייך!

וואנגעל (אין פערלעגענהייט) : הם — . (קוקט אויפ׳ן זייגער) איצט אָבער מוז איך באלד געהן —

ארנהאָלם: איז עס ווירקליך פון מיין כבוד וועגען — ?

עללידא: געווים איז דאס פון אייערטוועגען. אזא פאראד מאכען מיר ניט אלע טאָג — אוה, ווי היים און שטיקענד

ס'איז דאָ אונטער'ן דאַך! (געהט ארונטער אין גארטען) קומט אריבער אָט דאָ! דאָ קען מען וועניגסטענס כאפּען א ביסעל לופט. (זי זעצט זיך אין גארטען־שטיבעל.)

א ר נ ה אָ ל ם (געהט נאָך איהר): דאָ, מיין איך, בלאָזט ווירקליך א גאנץ פריש לופטעל.

ע ל ל י ד א: יא, פאר אייך, וואס איז צוגעוועהנט צו דער פערשטיקטער לופט פון דער הויפּט־שטאָדט. איך האָב געהערט, אז אין זומער איז דארטען איינפאך גאנץ שרעקליך.

ו ו א נ ג ע ל (וועלכער איז אויך ארונטערגעגאנגען אין גאר־טען): הם, ליעבע עללידא, איצט וועסטו מוזען פאר א ווײלע אליין אונטערהאלטען אונזער ליעבען פריינד.

ע ל ל י ד א: האָסטו וואס צו טהאָן?

ו ו א נ ג ע ל: יא, איך מוז ארונטערגעהן אין קאבינעט. און דאן מוז איך דאך זיך אביסעל איבערטאָן. איך וועל זיך אבער לאנג ניט זאמען —

א ר נ ה אָ ל ם (זעצט זיך אין גארטען־שטיבעל): איהר דארפט זיך צופיעל ניט איילען, ליעבער דאקטאר. אייער פרוי און איך וועלען שוין ווי עס איז פערטרייבען די צייט.

ו ו א נ ג ע ל (שאקעלט צו מיט'ן קאָפּ): אָ יא, דעריין צוויי־פעל איך ניט. נו, אלזא, אויף ווידערזעהען! (געהט אוועק לינקס דורכ'ן גארטען.)

ע ל ל י ד א (נאָך א קליינער פּאוזע): דענקט איהר ניט, אז דאָ איז גאנץ גוט צו זיצען?

א ר נ ה אָ ל ם: איך פּאר מיין טייל פיהל דאָ גאנץ גוט.

ע ל ל י ד א: דאס זומער־שטיבעל רופט זיך מ י י ן זומער־שטיבעל, דען איך האָב עס געלאזט בויען. אדער ריכטיגער געזאגט — וואנגעל האָט עס געבויט פון מיינטוועגען.

א ר נ ה אָ ל ם: און איהר זיצט דא מעהרסטענטיילס?

ע ל ל י ד א: יא, איך זיץ דאָ דעם גרעסטען טייל פון טאָג.

א ר נ ה אָ ל ם: עס פערשטעהט זיך, מיט די מיידלעך?

עלידא: ניין, די מיידלעך זיינען מעהרער אויף דער וועראנדע.

ארנהאָלם: און וואנגעל?

עלידא: אך, וואנגעל געהט ארום די גאנצע צייט. באלד איז ער ביי מיר און באלד איז ער דאָרטן ביי די קינדער.

ארנהאָלם: האָט איהר דאס אזוי איינגעפיהרט?

עלידא: איך דענק, אז אָט דער איינפיהר שטעלט אונז אלעמען צופריעדען. מיר קענען פון דאנען רעדען איינער צום אנדערן — ווען עס מאכט זיך אמאָל, אז מיר האָבען איינער דעם אנדערן וואס צו זאגען.

ארנהאָלם (זיצט א ווייל׳ע פערטראַכט): ווען איך בין לעצטען מאָל געווען ביי אייך — דאָרט אין שאלדוויקען, מיין איך — ה׳ם — דאס איז א היבש שטיקעל צייט — .

עלידא: עס איז שוין גוטע צעהן יאהר זינט איהר זייט ביי אונז דארטן געווען.

ארנהאָלם: יא, אין דעם ערך. אבער ווען איך שטעל מיר זיך פאָר, ווי איהר זייט געווען אין לייכט־טורעם! די „גע־צענדיענערין“, ווי דער אלטער פאסטאָר פלעגט אייך רופען, ווייל אייער פאטער האָט אייך געגעבען דעם נאָמען פון א שיף, אנ־שטאט א קריסטליכען נאָמען.

עלידא: נו, און וואָס — ?

ארנהאָלם: איז וואָלט איך מיר געקענט דענקען וואס איהר ווילט, נור ניט צו טרעפען אייך דאָ ווי׳עדער אלס פרוי וואנגעל.

עלידא: נו, דאמאָלסט איז דאך וואנגעל נאָך ניט גע־ווען קיין — . דאמאָלסט האָט דאָך נאָך געלעבט די קינדערס׳ ערשטע מוטער. זייער אמת׳ע מוטער — .

ארנהאָלם: נאטירליך, נאטירליך. אבער ווען דאס וואָלט אפילו ניט געווען דער פאל — ווען ער וואלט דאמאָלסט געווען א פרייער מענש — וואלט איך אויך ניט געקענט גלויבען, אז דאָס קען פאסירען.

ע ל י ד א: איך אויך ניט. קיינמאָל אין לעבען ניט — דאמאָלסט.

א ר נ ה אָ ל ם: וואנגעל איז גאנץ געווים אזא בראווער מענש. אזא עהרליכער, גוטהערציגער און פריינדליכער צו אלע מענשען —

ע ל י ד א (ווארעם און מיט הארץ): יא, דאס איז ער ווירקליך!

א ר נ ה אָ ל ם: — אבער איך מיין, אז ער איז אזוי פערשיידען פון אייך, ווי הימעל און ערד.

ע ל י ד א: דעריין זייט איהר גערעכט. דאס איז ער טאקע.

א ר נ ה אָ ל ם: נו, איז ווי אזוי האָט דאָס פאסירט? ווי אזוי איז דאס געקומען?

ע ל י ד א: אך, ליעבער ארנהאָלם, פרעגט מיך ניט וועגען דעם. איך וועל עס אייך דאך ניט קענען ערקלערען. און אפילו ווען איך וואלט עס געקענט, וועט איהר דאך קיינמאָל ניט אימשטאנד זיין צו בעגרייפען און פערשטעהן דאס מינדסטע דערפון.

א ר נ ה אָ ל ם: ה'ם — (אין א נידעריגערן טאָן): האָט איהר ווען עס איז דערצעהלט אייער מאן עפעס וועגען מיר? איך מיין נאטירליך וועגען דעם ניט-געלונגענעם שריט, וואס איך האָב אמאָל ניט אויסגערעכענטערהייט געמאכט?

ע ל י ד א: ניין. ווי קענט איהר דאס גאר דענקען! קיין וואָרט האָב איך איהם ניט געזאָגט פון — פון דעם וואָס איהר מיינט.

א ר נ ה אָ ל ם: דאס פרעהט מיך. דען איך האָב זיך געפיהלט אביסעל אין א פערלעגענהייט דענקענדיג טאמער האָט איהר — .

ע ל י ד א: דאס איז גאר איבעריג. איך האָב איהם נור געזאגט, וואס ס'איז אויך טאקע אמת, אז איך האָב אייך ז ע ה ר גערן געהאט, און אז איהר זייט געווען מיין טרייעסטער און בעסטער פריינד, וואָס איך האָב דאָרטן געהאט.

א ר נ ה אָ לם: איך דאנק אייך. איצט אָבער זאָגט מיר,

— ווארום האָט איהר מיר קיינמאָל ניט געשריבען זינט איך בין אוועקגעפאהרען?

עללידא: איך האָב געדענקט, אז עס וועט אייך אפשר זיין אונאנגענעהם צו הערען פון איינער, וועלכע — וועלכע האָט ניט געקענט ערפילען אייער וואונש, ווי איהר האָט דאָס געוואלט. איך האָב געמיינט, אז איך וועל דערמיט נור אויפרייסען אן אלטע וואונד.

ארנהאָלם: ה'ם — . יא, יא, דעריין האָט איהר טאקע אפשר רעכט געהאט.

עללידא: אָבער פאר וואָס האָט איהר קיינמאָל ניט געשריעבען?

ארנהאָלם: (קוקט זי אָן און שמייכעלט מיט א לייכטען פארוואורף): איך? האָב איך דען געקענט מאכען דעם אנפאנג? אפשר דערוועקען דעם חשד, אז איך וויל ווידער פערפיהרען עט־וואס נייעס? נאכדעם ווי איך האָב געקריגען אזא אָבשניט?

עללידא: נו יא, דאָס פערשטעה איך אויך גאנץ גוט. — האָט איהר שפּעטער גאר ניט געטראכט וועגען אנאנדער פער־בינדונג?

ארנהאָלם: קיינמאָל ניט. איך בין געבליבען טריי מיינע עראינערונגען.

עללידא (האַלב שפּאסענדיג): אך וואָס! לאָזט די אלטע אומעטיגע עראינערונגען צו רוה. איך מיין, אז איהר האָט בעסער געדאַרפט זעהען צו ווערען א גליקליכער בעלבית'ל.

ארנהאָלם: נו, דאן וואלט איך זיך געדארפט אביסעל צואיילען, פרוי וואנגעל. פערגעסט ניט — ס'איז אפשר א שאנד צו דערצעהלען — איך בין שוין אריבער זיעבען און דרייסיג.

עללידא: נו יא, דארפט איהר זיך שוין געווים צואיי־לען. (שווייגט א ווייעלע, דאן זאגט זי ערנסט און מיט א געדריקטער שטימע:) איצט הערט זיך צו, ליעבער ארנהאָלם — איך וויל אייך איצט עפּעס זאגען, וואס איך וואלט דאמאָלסט פאר מיין

מויל ניט געבראכט, ווען עס וואלט מיר אפילו געגאנגען אום לעבען.

אַ ר נ ה אָ ל ם: וואס קען עס זיין?

ע ל ל י ד א: בעת איהר, ווי איהר האָט אקארשט געזאגט, האָט געמאכט דעם אונגעלונגענעם שריט — דאַן האָב איך אייך אנדערש נ י ט ג ע ק ע נ ט ענטפערן, ווי איך האָב געענטפערט.

אַ ר נ ה אָ ל ם: איך ווייס. איהר האָט מיר מעהר איידער אייער פריינדשאפט ניט געקענט געבען. דאס ווייס איך דאָך.

ע ל ל י ד א: איהר ווייסט אבער ניט, אז מיין גאנצער געדאנק און אלע מיינע געפיהלען זיינען דאמאָלסט געריכטעט געווען ערגעץ אנדערסוואו.

אַ ר נ ה אָ ל ם: דאמאָלסט!

ע ל ל י ד א: יא, דאמאָלסט.

אַ ר נ ה אָ ל ם: אבער דאס איז דאָך אונמעגליך! איהר מוזט א טעות האָבען אין דער צייט! איך גלויב, אז איהר האָט דאמאָלסט נאָך וואנגעל'ן גאר ניט געקאנט.

ע ל ל י ד א: איך רעד ניט פון וואנגעל'ן.

אַ ר נ ה אָ ל ם: ניט פון וואנגעל'ן? אבער אין יענער צייט — אין שאָלדוויקען — איך קען זיך ניט דערמאָנען קיין איין איינציגען מענשען דאָרטען, מיט וועלכען איך זאל קענען דענקען אז איהר זייט געווען פערלאָבט.

ע ל ל י ד א: יא, יא — דאס איז שוין ריכטיג. די גאנצע זאך איז געווען אזוי ווילד — איינפאך פערריקט צו ווערען.

אַ ר נ ה אָ ל ם: דערצעהלט־זשע מיר דאָך מעהר וועגען דעם!

ע ל ל י ד א: אך, עס איז גענוג ווען איהר ווייסט, אז איך בין דאמאָלסט געווען פערבונדען. נו, און דאס ווייסט איהר שוין איצטער. —

אַ ר נ ה אָ ל ם: און אויב איהר וואָלט דאמאָלסט ניט געווען פערבונדען?

ע ל ל י ד א: וואס וואלט ד א ן געווען?

א ר נ ה אָ ל ם: וואָלט אייער ענטפער אויף מיין בריעף געווען דאַן אַנאַנדערער?

ע ל ל י ד א: ווי קען איך עס וויסען? ווען וואַנגעל איז געקומען, איז דער ענטפער אויסגעפאַלען אַנדערש.

א ר נ ה אָ ל ם: איז צוליעב וועלכען צוועק דערצעהלט איהר מיר, אַז איהר זייט געווען פערבונדען?

ע ל ל י ד א (שטעהט אויף אין א מין אויפרעגונג און אַנגסט): ווייל איך מוז האָבען א מענשען, פאַר וועמען איך זאָל זיך קענען פערטרויען. ניין, ניין, בלייבט נור זיצען.

א ר נ ה אָ ל ם: אייער מאַן, הייסט עס, ווייס גאָר ניט פון דער מעשה?

ע ל ל י ד א: איך האָב איהם גלייך אין אנהויב דערצעהלט, אַז פריהער איז מיין האַרץ געלעגען ערגעץ אַנדערסוואו. ער האָט ווייטער ניט געפרעגט, און מיר האָבען דעם פונקט שפּעטער מעהר ניט בעריהרט. אין גרונד גענומען איז עס ניט מעהר ניט געווען ווי משוגעת. און דאַן האָט גלייך גענומען א סוף דערצו. יאָ, דאָס הייסט — אין א געוויסער בעציהונג.

א ר נ ה אָ ל ם (שטעהט אויף): נור אין א געוויסער בעציהונג? ניט גאָר אין גאַנצען!

ע ל ל י ד א: יאָ, יאָ, געוויס! אַך, מיין גאָט, עס איז גאָר ניט אַזוי ווי איהר מיינט, ליעבער אַרנהאָלם. עס איז גאָר אין גאַנצען אַן אונבעגרייפליכע זאַך. איך ווייס ניט, ווי איך זאָל דאָס אייך דערצעהלען. איהר וועט נור דענקען, אַז איך בין קראַנק געוועזען — אָדער אינגאַנצען פון זינען.

א ר נ ה אָ ל ם: אָבער, בעסטע פרוי וואַנגעל, — איצטער מוזט איהר ווירקליך אַלץ אַרויסזאָגען.

ע ל ל י ד א: נו גוט! איך וועל עס פּרובירען. ווי וואָלט איהר, אַלס פערשטענדיגער מענש, זיך ערקלערען, וואָס — (קוקט אַרויס און האַקט זיך איבער) וואַרט ביז שפּעטער. אָט קומט דאַ ווער.

עס זעהט זיך ווי לינגסטראַנד געהט אויפ'ן וועג און קומט אַריין

אין גארטען. אין לאַטץ שטעקט ביי איהם א בלום און ער טראָגט א גרויסען שעהנעם בוקעט, ארומגעוויקעלט מיט פּאַפּיער און א זיידען בענדעל. ער שטעהט א ווײלע אונענטשלאָסען אויף דער וועראַנדע.

ע ל ל י ד א (טרעט ארויס פון זומער־שטיבעל): איהר זוכט געוויס די מיידלעך, הערר לינגסטראנד?

ל י נ ג ס ט ר א נ (דרעהט זיך אום): אַה, די מאדאם איז דאָ. (גריסט זי און קומט צו נעהענטער) ניין, ניט דאָס. איך זוך ניט די יונגע דאמען. אייך אליין זוך איך, פרוי וואנגעל. איהר האָט דאָך מיר ערלויבט אייך צו בעזוכען —

ע ל ל י ד א: יא געוויס האָב איך. איהר זייט אונז אלעמאָל ווילקאָמען.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: איך דאנק פיעל מאָל. און אזוי ווי עס קומט צום גליק אויס, אז דא איז היינט א יום טוב אין הויז —

ע ל ל י ד א: אזוי, איהר ווייסט דאָס?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יא. און דעריבער וויל איך מיר נעהמען די פרייהייט און אייך געבען אָט דאָס — (ער פערנייגט זיך און דערלאנגט איהר דעם בוקעט.)

ע ל ל י ד א (שמייכעלט): אָבער, בעסטער הערר לינגסטראנד, וואלט עס ניט געווען ריכטיגער, ווען איהר גיט איבער אייערע שעהנע בלומען דעם הערר פּראפעסאר ארנהאָלם אליין? דען אייגענטליך איז ער דאָס, צוליב וועמען —

ל י נ ס ט ר א נ ד (קוקט אונבעשטימט אויף זיי ביידען) ענט־שולדיגט, אבער איך קאן ניט דעם פרעמדען העררן. עס איז נור — איך האָב עס געבראכט אלס געבורטסטאג־געשענק, מאדאם.

ע ל ל י ד א: א געבורטסטאג? דאן האָט איהר א טעות, הערר לינגסטראנד. דא ביי אונז איז היינט קיינעמס געבורטסטאג ניט.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד (שמייכעלט רוהיגלעך): אה, איך ווייס שוין גוט. נור איך האָב ניט גערעכענט, אז דאס ווערט געהאל־טען בסוד.

ע ל ל י ד א: וואס ווייסט איהר דען?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: אז עס איז דער מאדאם'ס געבורטס־טאג.

ע ל ל י ד א: מיינער?

א ר נ ה אָ ל ם (קוקט אויף איהר פערוואונדערט) היינט? זי־כער ניט. ניין.

ע ל ל י ד א (צו לינגסטראנד): ווי פאלט עס אייך איין?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: פריילין הילדע האָט ארויסגעגעבען דעם סוד. איך בין דא שוין פריהער געווען א קליינע ווײלע, האָב איך געפרעגט די יונגע דאמען וועגען וואס דא איז אזוי אויסגע־פוצט מיט בלומען, און די פאָהן וואס הענגט —

ע ל ל י ד א: יא נו, און — ?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: — און פריילין הילדע האָט געענט־פערט: היינט איז מאמא'ס געבורטסטאג.

ע ל ל י ד א: מאמא'ס — ! אך, אזוי.

א ר נ ה אָ ל ם: אהא! (ער און עללידא קוקען זיך איבער פערשטעהענדיג) יא, פרוי וואנגעל, ווען דער יונגער מאן וויים עס שוין —

ע ל ל י ד א (צו לינגסטראנד): יא, וויבאלד אז איהר ווייסט שוין, איז —

ל י נ ג ס ט ר א נ ד (פּרעזענטירט ווייעדער דעם בוקעט) מעג איך זיך ערלויבען צו גראטולירען —

ע ל ל י ד א (נעהמט די בלומען): איך דאנק אייך זעהר שעהן. ווילט איהר ניט א ווײלע זיך צוזעצען, הערר לינגסטראנד? (עללידא, אַרנהאָלם און לינגסטראנד זעצען זיך אין זומער־שטיבעל) די מעשה מיט מיין געבורטסטאג האָט בעדארפט בלייבען א סוד, הערר פּראָפעסאָר.

א ר נ ה אָ ל ם: איך פערשטעה שוין. מיר פרעמדע האָבען עס ניט געדארפט וויסען.

ע ל ל י ד א (לעגט אוועק דעם בוקעט אויפ'ן טיש): טאקע ריכטיג. עס איז ניט פאר פרעמדע.

לינגסטראנד: אויף מיין ווארט, איך וועל עס קיין לעבעדיגען מענשען ניט זאגען.

עללידא: אך, ניט אין דעם זין האָב איך עס געמיינט. — נו, ווי געהט עס אייך, אלזאָ? איך מיין, אז איהר זעהט שוין אוים אביסעל בעסער ווי פריהער.

לינגסטראנד: יא, עס געהט מיר ניט שלעכט. דאן נעכסטען יאהר, ווען איך וועל אפשר קענען פאהרען אין די דרום־לענדער —

עללידא: דאס איז דאך א בעשטימטע זאך, ווי די מיידלעך דערצעהלען מיר.

לינגסטראנד: יא, איך האָב אין בערגען א פריינד, וואס שטיצט מיך. און ער האָט מיר צוגעזאגט צו העלפען נעכסטען יאהר.

עללידא: ווי אזוי זיינט איהר צו איהם געקומען?

לינגסטראנד: אה, דאָס איז געווען א זעהר גליקליכער צופאל. איך בין אמאָל געפאהרען אויף איינעם פון זיינע שיפען.

עללידא: אזוי? האָט איהר דאמאָלסט געוואלט ווערען א מאטראָז?

לינגסטראנד: ניין, דאס האָב איך גאר ניט געוואלט. אבער ווען מיין מוטער איז געשטארבען, האָט מיין פאטער ניט געוואלט איך זאל ארומגעהן לעדיג אין דער היים, און ער האָט מיך אוועקגעשיקט אויפ'ן ים. דאן האָבען מיר געליטען שיפברוך אין קאנאל פאָהרענדיג א היים. און דאס איז פאר מיר געווען א טובה.

ארנהאָלם: ווי אזוי מיינט איהר עם?

לינגסטראנד: דורך דעם דאזיגען שיפברוך האָב איך בעקומען מיין חולאת — די שוואכקייט אויף דער ברוסט. איך בין געלעגען א לאנגע צייט אין דעם אייז־קאלטען וואסער איי־דער מען איז געקומען און מיך ארויסגעראטעוועט. נו, דאן האָב

איך דאך געמוזט אויפגעבען דעם ים. — יא, דאס איז פאר מיר ווירקליך געווען א גרויס גליק.

ארנהאָלם: אזוי? מיינט איהר דאָס?

לינגסטראנד: יא, דען מיין קראנקהייט איז ניט קיין געפעהרליכע. און איצט קען איך דאך ווערען א סקולפּטאר, נאָך וואָס איך האָב געגלויסט פון מיין גאנצען הארצען. בעטראכט נור — מאָדעלירען מיט דעם וואונדערבארען ליים, וועלכער גיט זיך אזוי שעהן אונטער די פינגער!

עללידא: און וואס ווילט איהר אייגענטליך מאָדעלירען, ים־מענער אָדער ים־פרויען? אָדער גאָר אלטע וויקינגען?

לינגסטראנד: ניין, קיינע ניט פון די זאכען. איך וויל אבער פּרובירען, אזוי באלד ווי איך וועל זיין אימשטאנד מא־כען א גרויס ווערק. א גרופּע, ווי מען רופט עס.

עללידא: נו גוט, — אבער וואס וועט דען די גרופּע פאָרשטעלען?

לינגסטראנד: דאס וועט זיין עפּעס, וואס איך האָב אליין דורכגעלעבט.

ארנהאָלם: יא, יא — האלט זיך נור אָן דעם.

עללידא: אבער וואס פאָרט וועט עס זיין?

לינגסטראנד: איך האָב זיך מיר פאָרגעשטעלט דאָס זאל זיין א יונגע מאטראזען־פרוי, וועלכע ליעגט און שלאָפט א מערקווירדיג־אונרוהיגען שלאָף, און עס חלומ'ט זיך איהר אין שלאָף. איך גלויב, איך וועל עס קענען אזוי אויסארבייטען, אז מען זאל קענען זעהען אויף איהר, ווי זי חלומ'ט.

ארנהאָלם: און דאס וועט זיין אלעס?

לינגסטראנד: ניין, דערביי דארף זיין נאָך א פיגור, אָן ערשיינונג, ווי מען רופט עס. דאָס זאל זיין איהר מאַן, וועמען זי איז געווען אונטריי, בעת ער איז אוועק. און ער איז דער־טרונקען געווארען אין ים.

ארנהאָלם: ווי זאגט איהר?

עללידא: ער איז דערטרונקען געווארען?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יא, ער איז דערטרונקען געווארען רייר־זענדיג אויפ'ן ים. דאס וואונדערבארע דערביי איז דאס, וואס ער קומט דאך אהיים. עס איז ביי נאכט און ער שטעהט דא נע־בען בעט און קוקט אויף איהר. ער מוז דארט שטעהען א נאסער, ווי איינער וועמען מען האט ארויסגעצויגען פון וואסער.

ע ל ל י ד א (שפארט זיך אן אויף הינטען אין שטוהל): וואס פאר א וואונדערליכע זאך! (מאכט צו די אויגען) אה, איך קען עס זעהען לעבעדיג פאר מיינע אויגען.

א ר נ ה א ל ם: אבער אום גאטעס ווילען, הערר—הערר—! איהר האט דאך געזאגט, אז דאס וועט זיין עפעס, וואס איהר האט אליין דורכגעלעבט.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יא, דאס האב איך טאקע דורכגעלעבט. דאס הייסט: אין א געוויסער בעציהונג.

א ר נ ה א ל ם: איהר האט אליין דורכגעלעבט, ווי א טוי־טער איז געקומען — !

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: נו יא, איך מיין דאך ניט, אז איך האב עס דורכגעלעבט דירעקט. עס פערשטעהט זיך, ניט אויסער־ליך. אבער דאך אזוי —

ע ל ל י ד א (מונטער, געשפאנט) דערצעהלט מיר אלץ וואס איהר ווייסט און קענט דערצעהלען. איך וויל די זאך גוט פער־שטעהען.

א ר נ ה א ל ם (לאכענדיג): יא, דאס איז די ריכטיגע מעשה פאר אייך. עפעס נור וואס האט א ים־שטימונג אין זיך.

ע ל ל י ד א: אלזא, ווי איז עס געווען, הערר לינגסטראנד?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: עס איז געווען, פערשטעהט איהר, אזוי. דאמאלסט ווען מיר האבען געוואלט זעגלען אהיים פון אזא שטאדט, וואס הייסט האליפאקס, האבען מיר געמוזט איבערלאזען אונזער באאטסמאן אין שפיטאל, און אויף זיין פלאץ האבען מיר מיר דאן גענומען איינעם אן אמעריקאנער. דער דאזיגער נייער באאטסמאן —

ע ל ל י ד א: דער אמעריקאנער?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יאָ; דער דאזיגער אמעריקאנער האָט געליהען ביים קאפּיטאן א פּאק אלטע צייטונגען און האָט זיי נאכ־אנאנד געלעזען. ער האָט געוואלט זיך אויסלערנען נארוועגיש, האָט ער געזאָגט.

ע ל ל י ד א: נו, איז וואס? —

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: איינמאָל אין אבענד איז געווען א שטורעמדיג וועטער. אלע מאטראזען זיינען געווען אויפ'ן דעק, א חוץ דער באָאָטסמאן און איך. ער האָט זיך געהאט פערשטאָ־כען א פוס און האָט ניט געקענט ארויפקלעטערן; און איך בין נאָך ניט געווען מיט אלעמען, און בין געלעגען אין מיין בעטעל. נו, איז ער זיך געזעסען דארט אין זיין ווינקעל און געלעזען איינעם פון די אלטע בלעטער —

ע ל ל י ד א: נו, נו?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: מיט איין מאָל הער איך, ווי ער האָט א מאָדנעם ברום געטאָן, און ווען איך האָב א קוק געטאָן אויף איהם, האָב איך דערזעהן, אז ער איז געווארען בלייך ווי קאלך. דאן האָט ער פּאר כעם צוקרימפּעלט דאס בלאט און צעררריסען אויף טויזענד שטיקלעך. אבער דאס האָט ער געטאָן גאנץ שטיל, גאר שטילערהייט.

ע ל ל י ד א: האָט ער דען גארנישט געזאגט? גארנישט גערעדט?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: ניט גלייך. אין א ווייילע ארום אבער האָט ער געזאגט צו זיך אליין: זי האָט חתונה געהאט. מיט אנ־אנדערען. בעת איך בין געווען אוועק.

ע ל ל י ד א (שליסט צו די אויגען און זאגט גאנץ שטיל): האָט ער דאס געזאגט?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יא. און שטעלט זיך נור פאָר — ער האָט עס געזאגט אין ריכטיגע נאָרוועגיש. ער האָט לייכט זיך גע־קענט אויסלערנען שפּראכען, אָט דער מאן.

ע ל ל י ד א: און וואס איז געווען דאן? וואס האָט פּאַ־סירט דערנאָך?

לינגסטראנד: איצט קומט דאָס מערקווירדיגסטע, וואָס איך וועל קיינמאָל אין לעבען ניט פערגעסען. אזוי זיצענדיג האָט ער געזאגט — און דאָס אויך גאנץ שטיל — : „אבער זי איז מיינע, און מיינע וועט זי בלייבען. און זי וועט נאָך מיר נאכ־געהן, אפילו ווען איך זאל אהיים קומען און זי נעהמען ווי א דער־טרונקענער פון שווארצען מעער".

עללידא (גיסט זיך אָן א גלאָז וואַסער, איהר האַנד ציטערט): אך, ווי פערשטיקט דאָ איז היינט —

לינגסטראנד: און געזאגט האָט ער דאָס מיט אזא שטארקער ווילענס־קראפט, אז איך האָב מיר געטראכט, ער וועט עס געוויס אויך קענען אויספיהרען.

עללידא: ווייסט איהר ניט, וואס איז פון דעם מאן געווארען?

לינגסטראנד: אך, מאדאם, ער איז שוין געוויס ניט מעהר צווישען די לעבעדיגע.

עללידא (שנעל): ווארום גלויבט איהר אזוי?

לינגסטראנד: ווייל מיר האָבען דאך דערנאָך געלי־טען שיפברוך אין קאנאל. איך האָב זיך געראטעט אין דעם גרויסען שיפעל צוזאמען מיט'ן קאפיטאן און נאָך פינף. דער שטורמאן איז געגאנגען אין דעם אנדער שיפעל; דאָרט איז אויך געוועזען אָט דער אמעריקאנער און נאָך א מאן.

עללידא: און מען האָט פון זיי שפּעטער גארנישט גע־הערט?

לינגסטראנד: ניין, מאדאם, קיין וואָרט ניט. מיין שטיצער האָט עס מיר דאָ ניט לאנג אין א בריעף געשריעבען. אָבער גראד דעריבער האָב איך געקריגען אזא שטארקען חשק צו מאכען דערפון א קונסטווערק. די אונטרייע מאטראָזען־פרוי זעה איך א לעבעדיגע פאר די אויגען; און אויך דעם נקמה־נעהמער, וועלכער איז דערטרונקען געווארען און קומט דאָך צוריק אהיים פון ים. איך זעה זיי ביידען גאנץ דייטליך פאר מיינע אויגען.

עללידא: איך אויך. (זי שטעהט אויף) קומט — לאָ־

מיר ארײַנגעהן. אדער בעסער ארונטערגעהן צו וואנגלען! איך געפין, אז דאָ איז זעהר שטיקענד און שווער (זי געהט ארויס פון זומער־שטיבעל.)

ל י נ ג ס ט ר אַ נ ד (וועלכער איז אויך אויפגעשטאַנען): איך, פאר מיין טייל, דאנק אייך. איך האָב נור געוואלט אבשטאַטען א קורצען וויזיט לכבוד דעם געבורטסטאג.

ע ל ל י ד א: נו, זאל זיין ווי איהר ווילט. (דערלאנגט איהם די האנד) אדיע, און א שעהנעם דאנק אייך פאר די בלומען.

לינגסטראנד פערנייגט זיך און געהט אוועק דורך די גארטען־טיר.

א ר נ ה אָ ל ם (שטעהט אויף און געהט צו עללידא'ן): איך זעה, אז די געשיכטע האָט אייך אנגעריהרט ביים הארצען, ליעבע פרוי וואנגעל.

ע ל ל י ד א: אָך יא, איהר מעגט עס זאגען, אויבוואָהל —

א ר נ ה אָ ל ם: אבער אין גרונד גענומען האָט איהר דאך געדארפט זיין צוגעגרייט דערצו.

ע ל ל י ד א (קוקט איהם אָן איבערראשט): איך האָב געדארפט זיין צוגעגרייט?

א ר נ ה אָ ל ם: יא, איך דענק אזוי.

ע ל ל י ד א: צוגעגרייט אז ער וועט קענען צוריקקומען—? אז ער וועט קענען צוריקקומען אויף אזא אופן?

א ר נ ה אָ ל ם: אבער וואס טהוט זיך מיט אייך —! איז עס אט די בבא־מעשה פון דעם צודרעהטען סקולפטאר, וואס האָט אייך — ?

ע ל ל י ד א: אָך, ליעבער ארנהאָלם, ער איז אפשר גארניט אזוי צו־דרעהט, ווי איהר מיינט.

א ר נ ה אָ ל ם: הייסט עס, די אונזיניגע מעשה מיט דעם טויטען האָט אייך אזוי אויפגערודערט? און איך, איך האָב גע־מיינט —

ע ל ל י ד א: וואס האָט איהר געמיינט?

א ר נ ה אָ ל ם: איך האָב נאטירליך געמיינט, אז איהר

פערשטעלט זיך דאָס נור פאר איהם. איהר זייט געזעסען און זיך געערגערט, וואס איהר האָט זיך דערוואוסט, אז דא אין הויז ווערט אנגעפיהרט א פאמיליען־יום־טוב הינטער אייער רוקען; אז אייער מאן און זיינע קינדער לעבען אין עראינערונגען, אין וועלכע איהר קענט ניט קיין טייל נעהמען.

ע ל ל י ד א: אך, ניין, ניין. דאס מעג זיך זיין ווי עס וויל זיך. איך האָב ניט קיין רעכט צו פערלאנגען, אז מיין מאן זאל אינגאנצען נור זיין פארטאָן מיט מיר.

א ר נ ה אָ ל ם: און איך האָב גערעכענט, אז איהר האָט יא אזא רעכט.

ע ל ל י ד א: יא, אבער פאקטיש האָב איך עס ניט. דאס איז די זאך. איך אליין לעב אויך אין א וועלט — וועלכע איז פאר זיי פערשלאָסען.

א ר נ ה אָ ל ם: איהר! (רוהיגער) מעג איך דערפון פערשטעהן — אז איהר — איהר — האָט אייגענטליך ניט ליעב אייער מאָן?

ע ל ל י ד א: אה, ניין, ניין. איך האָב איהם ליעב געקראָגען פון גאנצען הארצען. און טאקע דעריבער איז עס אזוי שרעקליך — אזוי אונערקלערליך, אזוי אינגאנצען אונבעגרייפליך — !

א ר נ ה אָ ל ם: אויב אזוי מוזט איהר מיר איצט פערטרויען אלע אייערע זאָרגען און קיין זאך ניט בעהאלטען פון מיר. ווילט איהר עס טהאָן, פרוי וואנגעל?

ע ל ל י ד א: איך קען ניט, ליעבער פריינד. וועניגסטענס איצט ניט. אפשר שפּעטער אמאָל.

(באָלעטע בעווייזט זיך אויף דער ווערא‌נדע און געהט ארונטער אין גארטען.)

ב אָ ל ע ט ע: איצט קומט דער פאפא פון קאבינעט. זאלען מיר אפשר אלע צוזאמען זיך זעצען אין גארטען־צימער?

ע ל ל י ד א: יא, דאס וועלען מיר טהאָן.

(וואנגעל, אין אנאנדער אנצוג, בעווייזט זיך, צוזאמען מיט הילדע'ן, לינקס הינטער'ן הויז.)

װ א נ ג ע ל: אָט אזױ! אָט בין איך — אינגאנצען א פרייער מענש. נו, איצט װעלען מיר קריגען עפּעס א גוטען, קיהד־לען טרונק, אז ס׳זאל האָבען א טעם!

ע ל ל י ד א: װאַרט נור א װײלע. (זי געהט אריין אין זומער־שטיבעל און ברײנגט דעם בוקעט.)

ה י ל ד ע: אַי זעה נור, װאס פאר א װאונדערבארע בלומען! װאו האָסטו זײ געקריגען?

ע ל ל י ד א: איך האָב זײ געקריגען פון דעם סקולפּטאָר לינגסטראנד, מײן ליעבע הילדע.

ה י ל ד ע (איבערראשט): פון לינגסטראנד?

ב אָ ל ע ט ע (אונרוהיג): איז לינגסטראנד שױן װידער דאָ געװעזען?

ע ל י ד א (האלב שמײכלענדיג): יא, ער איז דאָ געװעזען און האָט דאָס געבראכט. א געבורטסטאָג־געשענק, פערשטעהסט?

ב א ל ע ט ע (קוקט אויף הילדע׳ן): אָהאָ—!

ה י ל ד ע (מורמעלט): דער עזעל!

װ א נ ג ע ל (אין א שמערצליכע פערלעגענהײט): ה׳ם — יא, זעה נור — איך מוז דיר זאָגען, מײן ליעבע, גוטע, אײנציגע עללידא —

ע ל ל י ד א (אָבהאקענדיג): נו, קומט קינדער! מיר װעלען מײנע בלומען ארײנשטעלען אין װאסער צוזאמען מיט די אנדערע. (זי געהט ארויף אויף דער װעראַנדע.)

ב א ל ע ט ע (אין דער שטיל צו הילדע׳ן): אין אמת׳ן איז זי דאָך א ליעבליכע.

ה י ל ד ע (ניעדריג, מיט אַ בײזען אויסדרוק): דאָס זײנען נור אָנשטעלען! זי טהוט עס נור כדי פאפא׳ן צו געפעלען.

װ א נ ג ע ל (אויבען אויף דער װעראנדע, דריקט עללידא׳ן די האנד): א דאנק — א דאנק! א הערצליכען דאנק דיר, עללידא!

ע ל ל י ד א (פאָרעט זיך ארום די בלומען): אך וואָס —
פאר וואָס זאָל איך אויך ניט מיטהעלפען ווען מען פייערט —
דער מאמע'ס געבורטסטאָג?

א ר נ ה א ל ם: ה'ם —.

ער געהט ארויף צו וואנגעל און עללידא. באלעטע און הילדע
בלייבען אונטען אין גאָרטען.

צוויטער אַקט.

אויפ'ן „פּראָספּעקט“, א וועלדיל אויף א בארג הינטער'ן שטאָדט. עטוואָס ווייטער פון הינטען שטעהט אַ וואַלד־טורעם און אַ וועטער־פּאָהן. ארום און ארום דעם וואַלד־טורעם ליעגען גרויסע שטיינער אויף צום זיצען. אונטען, טיעף אין הינטערגרונד, זעהט זיך דער אויסערער פּיאָרד מיט אינזלען און ארויסגעשטעקטע שפּיצען לאַנד. דער אָפּענער ים דארף זיך ניט זעהען. עס איז א זומערדיגע נאַכט, האַלבליכטיג. ווייט אַוועק איבער די בארג־שפּיצען שעמערעריט אין דער לופט אַ געלבליך־רויטער שיין. פון פוס פון בארג רעכטס קומט ארויף א דומפּער קלאַנג פון געזאַנג פון אַ קווארטעט.

יונגעלייט פון שטאָדט, דאַמען און העררן, קומען אין פּאָרלעך פון רעכטס, שפּאצירען פארביי דעם וואַלד־טורעם און געהען אוועק לינקס. באלעסטעד קומט אָן אלס פיהרער פון א קאָמפּאַניע אויסלענדישע טוריסטען. ער איז בעלאדען מיט די שאַלען און רייזע טאַשען פון די דאמען.

באלעסטעד (ציִגט ארויף־צו מיט'ן שטאק): וואוי־איע מעסיע ע מאדאם — דאָרטען ע סיטוע אַנקאָר אין אָטר באַרג. סע־לא נו וואולאָן אויך מאָנטע ע ארונטער. — (ווייטער רעדט ער צו זיי אין ענגליש, און פיהרט די קאָמפּאַניע ארוים לינקס.)

הילדע קומט שנעל ארויף־בארג רעכטס, בלייבט שטעהן און קוקט אהינטער. באַלד נאָכדעם קומט באָלעטע ארויף מיט'ן זעלבען וועג.

באָלעטע: אָבער, קינד איינע, פאר וואָס זאָלען מיר אוועקלויפען פון לינגסטראנד?

הילדע: ווייל איך קען עס ניט אויסהאלטען צו געהן אזוי לאנגזאם בארג־ארויף. זעה נור, זעה ווי ער קאראבקעט זיך ארויף.

באָלעטע: דו ווייסט דאָך, אז ער איז אזא שוואכער.

הילדע: דענקסטו אז זיין קראנקהייט איז א געפעהר־ליכע?

באָלעטע: יא, איך בין זיכער אין דעם.

הילדע: ער איז היינט נאכמיטאג געווען ביים פאפא. איך וואלט װעלען וויסען, וואס דער פאפא האלט פון איהם.

באָלעטע: פאפא האָט מיר געזאָגט, אז ער האָט א פערהארטונג פון די לונגען — אדער עפּעס פון דעם סאָרט. ער וועט ניט לאנג ציהען, האָט פאפא געזאגט.

הילדע: האָט ער דאס ווירקליך געזאגט? בערעכען נור — אקוראט דאסזעלבע האָב איך אויך געדענקט.

באָלעטע: אבער אום גאָטעס ווילען, זעה אז ער זאל אויף דיר גאר נישט מערקען.

הילדע: אָך, וואס דיר פאלט איין. (אין א נידריגערן טאָן) זעה נור, האנס איז שוין מיט גליק ארויפגעקלעטערט. האנס — דענקסטו ניט אז מען קען עס איהם אויפ'ן פּנים אנ־זעהן, אז ער הייסט האנס?

באָלעטע (שעפּטשעט): איצט אבער זאלסטו זיין ארטיג, איך ראטה דיר.

לינגסטראנד קומט פון רעכטס מיט א זונענשירם אין דער האנד.

לינגסטראנד: איך מוז בעטען די דאמען אום ענט־שולדיגונג, וואס איך קען ניט געהען אזוי שנעל ווי זיי.

הילדע: א זונענשירם האָט איהר זיך נאָך אויך איינגע־שאפט?

לינגסטראנד: עס איז אייער מוטער'ס. זי האָט גע־זאגט, אז איך קען עס געברויכען פאר א שטעקען, דען איך האָב מיינעם ניט מיטגעבראכט.

באָלעטע: זיינען זיי נאָך אונטען, פאפא און די איבע־ריגע?

לינגסטראנד: יא. אייער פאטער איז אויף א מינוט אריין אין רעסטאָראן, די אנדערע זיצען דרויסען און הערען זיך

צו צו דער מוזיק. שפעטער וועלען זיי אויך ארויפקומען, האט געזאגט אייער מוטער.

ה י ל ד ע (שטעהט און קוקט אויף איהם): איהר מוזט איצט זיין היבש מיעד.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יא. מיר דוכט זיך טאקע, אז איך בין אביסעל מיעד. איך דענק, איך וועל זיך גאר א ביסעל צוזעצען.
(ער זעצט זיך אויף א שטיין פון פארענט רעכטס.)

ה י ל ד ע (שטעהט איהם אנטקעגען): ווייסט איהר אז אונ־טען ביי דער מוזיק־קאפעלע וועט מען שפעטער טאנצען?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יא, איך האב געהערט, ווי מען האט גערעדט דערפון.

ה י ל ד ע: איך האף, אז איהר האט פערגניגען פון טאנצען.

ב א ל ע ט ע (וועלכע איז געגאנגען קלייבען בלומען צווישען די גראז): אך, הילדע — לאז דאך דעם הערר לינגסטראנד א ביסעל אבכאפען דעם אטעם.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד (צו הילדע׳ן) יא, פריילין, איך וואלט גערן געטאנצט — ווען איך וואלט געקענט.

ה י ל ד ע: אה, אזוי. האט איהר זיך קיינמאל ניט גע־לערנט?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: ניין, דאס אויך ניט. אבער ניט דאס האב איך גאר געמיינט. איך האב געמיינט, אז איך קען ניט צו־ליב מיין ברוסט.

ה י ל ד ע: צוליעב אייער „חולאת“, ווי איהר רופט עס?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יא, צוליב דעם.

ה י ל ד ע: זייט איהר זעהר פערזארגט, וואס איהר האט די חולאת?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: אך, ניין, דאס קען איך ניט זאגען, (שמייכעלט) דען גראד צוליב דעם רעכען איך, אז אלע מענשען זייַ־נען אזוי גוט און פריינדליך צו מיר.

ה י ל ד ע: און אויסער דעם, איז עס גאר ניט קיין געפעהר־ליכע קראנקהייט.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: ניין, עס איז א האָר ניט געפעהרליך. אזוי האָב איך אויך פערשטאנען פון אייער פאטער.

ה י ל ד ע: און עס וועט אינגאנצען איבערגעהן, אזוי באלד ווי איהר וועט קענען מאכען די רייזע.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יא, דאן וועט עס איבערגעהן.

ב אָ ל ע ט ע (מיט בלומען) זעהט נור, הערר לינגסטראנד — אט די בלום זאלט איהר אריינשטעקען אין לאָטץ.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: אָך, איך דאנק אייך טויזענד מאָל, פריילין! דאס איז פון אייך שוין צו־גוט.

ה י ל ד ע (קוקט ארונטער רעכטס): אָט קומען זיי ארויף אויף דעם וועג פון אונטען!

ב אָ ל ע ט ע (קוקט אויך ארונטער): ווען זיי וייסען נור וואו זיך צו פערקירעווען. ניין, זיי געהען פאַלש.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד (שטעהט אויף): איך וועל ארונטער געהן דאָ צום ברעג און וועל זיי רופען.

ה י ל ד ע: איהר וועט אבער מוזען גוט שרייען.

ב אָ ל ע ט ע: ניין, דאס טויג ניט. איהר וועט זיך נור וויע־דער איינמאַטערן.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: אָך, אראָב בארג געהט זיך לייכט. (ער געהט אָב רעכטס.)

ה י ל ד ע: בארג אראָב, יא. (קוקט איהם נאָך) איצט שפרינגט ער אפילו אונטער און ער דענקט גאר ניט, דער חכם, אז ער וועט וויעדער מוזען ארויפגעהן.

ב אָ ל ע ט ע: נעבעך — !

ה י ל ד ע: ווען לינגסטראנד וואלט זיך דיר ערקלערט אין ליעבע, וואלסטו איהם אנגענומען?

ב אָ ל ע ט ע: ביסטו משוגע געווארען?

ה י ל ד ע: נו, איך מיין, פערשטעהט זיך, ווען ער וואלט ניט געהאט זיין חולאת, און ווען ער וואלט ניט געמוזט אזוי שנעל שטארבען. וואלסטו איהם דאן גענומען?

באַלעטע: איך רעכען, אז דו דארפסט איהם נעה־
מען.

הילדע: פע, ניט פאר מיר! ער האָט דאָך ניט קיין
יגראָשען ביי דער נשמה, און האָט אליין ניט פון וואס צו לעבען.

באַלעטע: טאָ פאר וואס גיסטו זיך שטענדיג אב מיט
איהם אזוי פיעל?

הילדע: דאָס טהו איך דאָך נור צוליעב זיין חולאת.

באַלעטע: דערוויילע האָב איך נאָך ניט געזעהן דו
זאָלסט מיט איהם אזויפיעל מיטלייד האָבען.

הילדע: דאס האָב איך טאקע ניט. איך געפין אבער א
געוויסען רייץ אין דעם.

באַלעטע: אין וואס?

הילדע: איהם אנצוקוקען און צו הערען איהם דערצעה־
לען, אז זיין חולאת איז ניט געפעהרליך. און דאן אז ער וועט
פאהרען אין אויסלאנד און וועט ווערען א קינסטלער. ער גלויבט
אין דעם אזוי שטארק און פיהלט דערביי אזוי גליקליך. און דאָך
וועט דערפון גארנישט ניט ארויסקומען. קיינמאָל ניט. דען ער
וועט ניט לאנג לעבען. אט דאָס זיך פארצושטעלען געפין איך איז
זעהר שפאנענד.

באַלעטע: שפאנענד?

הילדע: יא, אט דאָס געפין איך איז שפאנענד — איך
נעהם מיר אט די פרייהייט.

באַלעטע: פע, הילדע, דו ביסט גאָר א שלעכטע!

הילדע: יא, אט אזוי וויל איך, — טהו מיר עפּעס!
(קוקט ארונטער) נו, ענדליך! ארנהאָלם האָט אפּנים ניט זעהר
ליעב הויך צו קלעטערן. (דרעהט זיך אוים) אָך, ווייסטו וואס איך
האָב היינט צו מיטאג ביי ארנהאָלם'ען בעמערקט?

באַלעטע: וואָס?

הילדע: דענק נור, דו — עס הויבען אָן ביי איהם אויס־
צוקריכען די האָאר — אָט דאָ אויבען אין מיטען קאָפּ.

באַלעטע: אָך, אונזין! דאָס איז געוויס ניט אמת.

הילדע: עס איז דאך אזוי. און ער האט אויך רונצלען ארוםביידע אויגען. אך גאט, באלעטע, — און דו ביזט געווען אזוי „פערליאבעט“ אין איהם, ווען ער איז נאך געווען דיין לעה־רער!

באלעטע (לאכט): יא, בעגרייפסטו עס? איך געדענק, איך האב אמאל פערגאסען ביטערע טרערען, ווייל ער האט גע־זאגט, אז באלעטע איז ניט קיין שעהנער נאמען.

הילדע: בערעכבען נור! (קוקט ווייעדער ארונטער) דו, דערלאנג נור א קוק דארטען! די „פרוי פון ים“ געהט זיך און רעדט מיט איהם, ניט מיט'ן פאפא. — עס וואלט מיר ניט וואונ־דערן ווען אט די ביידע האבען געווארפען אן אויג איינער אויפ'ן אנדערן.

באלעטע: שעמען זאלסטו זיך, דו! ווי קענסטו זאגען אויף איהר אזא זאך? מיר האבען דאך אנגעהויבען אויסצוקומען מיט איהר אזוי גוט —

הילדע: נו יא, רעד זיך נור עפּעס איין, דו קינד איינע! ניין, די פערהעלטניס צווישען איהר און אונז וועט קיינמאל ניט זיין קיין גוטע. זי פאסט זיך ניט צו אונז, און מיר פאסען זיך ניט צו איהר. גאט ווייס פאר וואס פאפא האט איהר ארייננעשלעפּט צו אונז אין הויז. איך וואלט זיך ניט וואונדערן, ווען זי זאל מיט איין מאל דא ביי אונז אראב פון זינען.

באלעטע: אראב פון זינען! ווי קומט צו דיר אזא געדאנק?

הילדע: זעהסטו, דאס וואלט גאר ניט געווען אזוי מערק־ווירדיג. איהר מוטער איז אויך געווען גערירהרט. זי איז געשטאר־בען א משוגענע, דאס ווייס איך.

באלעטע: יא, גאט ווייס וואו דו שטעקסט דיין נאז ניט אריין אומעטום. דו פלוידער עס נור ניט אויס ווייטער, איך בעט דיך. איצט זיי נור ארטיג — דעם פאפא צוליעב, הערסטו, הילדע?

וואנגעל, עללידא, ארנהאָלם און לינגסטראנד קומען ארויף פון רעכטס.

ע ל ל י ד א (ציינגט מיט'ן האנד אויפ'ן הינטערגרונד) : עס ליעגט אָט דארטן.

א ר נ ה אָ ל ם : יא געוויס, דארטן מוז עס זיין.

ע ל ל י ד א : דארטן ליעגט דער ים.

ב אָ ל ע ט ע (צו ארנהאָלם) : געפינט איהר ניט, אז דאָ אויבען איז זעהר שעהן ?

א ר נ ה אָ ל ם : איך געפין אז דאָ איז גרויסארטיג. א פראכטפולער בליק.

ו ו א נ ג ע ל : איהר זייט געווים דאָ אויבען פריהער קיינמאָל ניט געוועזען ?

א ר נ ה אָ ל ם : ניין, קיינמאָל ניט. אין מיין צייט, גלויב איך ניט, אז מען האָט דאָ געקענט דורכגעהן. עס איז אפילו קיין פוס־שטעג דאָ ניט געווען.

ו ו א נ ג ע ל : און קיין אויסגעלעגטע פלעצער אויך ניט. דאס אלץ האָבען מיר געקריגען די לעצטע פאָר יאהר.

ע ל ל י ד א : דאָרט אריבער אויף די „לאָצענקופע“ איז דער אויסבליק נאָך גרויסארטיגער.

ו ו א נ ג ע ל : זאלען מיר אפשר דארט אריבערגעהן ?

ע ל ל י ד א (זעצט זיך אויף א שטיין רעכטס) : א דאנק. איך ניט. איהר קענט אייך געהן, איך וועל דאָ בלייבען זיצען אוןווארטען אויף אייך.

ו ו א נ ג ע ל : גוט, וועל איך דא בלייבען מיט דיר. די מיידלעך קענען ארומפיהרען דעם הערר ארנהאָלם איהם ווייזען דעם פלאץ.

א ר נ ה אָ ל ם : אה, זעהר גערן. איז דא א וועג וואס פיהרט דאָרטן ארויף ?

ב אָ ל ע ט ע : אָה, יאָ. דארט איז א שעהנער, ברייטער וועג.

ה י ל ד ע : דער וועג איז אזוי ברייט אז צוויי מענשען קענען בעקוועם געהן ארם אין ארם.

א ר נ ה אָ ל ם (שפּאַסענדיג): אזוי גאָר, קליינע פּרייליין, הא? (צו באָלעטע:) לאָמירביידע פּרובירען, צי זי האָט רעכט.

ב אָ ל ע ט ע (אונטערדריקט א שמייכעל): גוט. לאָמיר פּרובירען. (זיי געהען אוועק געארעמט לינקס.)

ה י ל ד ע (צו לינגסטראנד): זאָלען מיר אויך — ?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: געארעמט — ?

ה י ל ד ע: ווארום דען ניט? פון מיינטוועגען, גערן.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד (נעהמט איהר ארעם און לאכט צופריעדען): דאס איז אבער ווירקליך שרעקליך קאָמיש!

ה י ל ד ע: קאָמיש?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יא, עס זעהט דאָך פּונקט אוים ווי מיר וואלטען געווען פערלאָבט.

ה י ל ד ע: איהר האָט אודאי נאָך קיינמאָל ניט געשפּאַצירט מיט א דאמע געארעמט, הערר לינגסטראנד. (זיי געהען אוועק לינקס.)

ו ו א נ ג ע ל (שטעהט הינטען נעבען וואָך־טורעם): ליעבע עללידא, איצט האָבען מיר א ווײַלע צייט פאר אונז אליין —

ע ל ל י ד א: יא, קום און זעץ זיך דאָ נעבען מיר.

ו ו א נ ג ע ל (זעצט זיך): דאָ איז אזוי פריי און שטיל. נו, לאָמיר זיך אביסעל דורכשמועסן.

ע ל ל י ד א: פון וואס?

ו ו א נ ג ע ל: וועגען דיר. און וועגען אונזער פערהעלטניס, עללידא. איך זעה וואויל, אז אזוי קען עס ווייטער ניט געהן.

ע ל ל י ד א: וואס וואלסטו געוואלט עס זאל זיין אנשטאט דעם?

ו ו א נ ג ע ל: פולען צוטרויען, מיין ליעבע, א צוזאמענלעבען — ווי פריהער.

ע ל ל י ד א: אָך, ווען דאס וואלט געקענט זיין! עס איז אבער אינגאנצען אונמעגליך!

ו ו א נ ג ע ל: איך דענק אז איך פערשטעה דיך. פון עטליכע ווערטער וואס דו האָסט געלאָזט פאלען היע און דא.

ע ל ל י ד א (מיט היטץ): ניין, דו פערשטעהסט ניט! זאג ניט אז דו פערשטעהסט מיך — !

ו ו א נ ג ע ל: דאָך. דו ביזט אַן עהרליכע נאטור, עללידא. דו האָסט אַ געטריי הארץ —

ע ל ל י ד א: יא, דאס האָב איך.

ו ו א נ ג ע ל: יעדע פערהעלטנים, אין וועלכער דו זאלסט זיך קענען פיהלען זיכער און גליקליך, מוז זיין אַ גאנצע און אַ פאלקעמענע.

ע ל ל י ד א (קוקט איהם אָן געשפּאַנט): נו, און — ?

ו ו א נ ג ע ל: דו ביזט ניט דערצו געשאפען געווארען צו זיין אַ מאנ'ס צווייטע פרוי.

ע ל ל י ד א: ווי קומסטו עפּעס אויף דעם מיט אַ מאָל ?

ו ו א נ ג ע ל: דער געדאנק איז מיר אָפט דורכגעפלויגען דורכ'ן קאָפּ, נור היינט איז עס מיר איינגאנצען קלאָר געווארען. דער עראינערונגס-יום-טוב פון די קינדער — דו האָסט דעריין גע־קוקט אויף מיר ווי אויף אַ מיטשולדיגען — נו יא, א מאנ'ס ער־אינערונגען קענען ניט ווערען אזוי אויסגעלאָשען. ווענינגסטענס, ניט מיינע עראינערונגען. איך בין ניט אזעלכער.

ע ל ל י ד א: דאָס ווייס איך. אָך, דאס ווייס איך אזוי גוט.

ו ו א נ ג ע ל: פון דעסטוועגען אבער האָסטו א טעות. דיר דוכט זיך כמעט ווי די קינדער'ס מוטער וואלט נאָך געלעבט, ווי זי וואלט אַן אונבעמערקטע געשטאנען צווישען אונז. דו מיינסט, אז מיין הארץ איז צוטיילט גלייך צווישען דיר און איהר. און אָט דער געדאנק עמפּערט דיך. דו זעהסט, אזוי צו זאגען, עטוואס אונמאָראלישעס אין אונזער פערהעלטנים. און טאקע ד ע ר י־ב ע ר קענסטו ניט — אדער ווילסטו ניט מעהר מיט מיר לעבען אלס מיין פרוי.

ע ל ל י ד א (שטעהט אויף): האָסטו דאס אלעס געזעהן, וואנגעל ? ארייגעקוקט אין דאס אלעס ?

וואנגעל: יא, היינט האָב איך ענדליך גאנץ טיעף אריינגעקוקט אין דעם — ביז צום גרונד.

עללידא: ביז צום גרונד, זאגסטו. אַך, גלויב דאס נור ניט.

וואנגעל (שטעהט אויף): איך וויים זעהר וואויל, אז דאס איז נאָך ניט אלעס, ליעבע עללידא.

עללידא (אין אנגסט): דו ווייסט, אז עס איז דאָ נאָך עפּעס מעהר?

וואנגעל: יא, אז דו קענסט ניט פערטראגען די אומ־שטענדען, וואס רינגלען דיך דא ארום. די בערג דריקען דיך און ליעגען ווי א שווערע משא אויף דיין נשמה. דאָ איז ניט גענוג ליכט פאר דיר. דער הימעל איבער דיר איז דאָ ניט ווייט גענוג. די לופט איז דאָ ניט שטארק און ניט ריין גענוג פאר דיר.

עללידא: דעריין האָסטו ווירקליך רעכט. טאג און נאכט, זומער און ווינטער, פיהל איך עס — א בייַנקעניש, וואס ציהט מיך צום ים.

וואנגעל: דאָס וויים איך וואויל, ליעבע עללידא. (לעגט ארויף די האנד אויף איהר קאָפּ) און דעריבער זאָל דאָס אָרימע קראנקע קינד ווידער געהן דאָרטען, וואו עס פיהלט זיך אין דער היים.

עללידא: ווי מיינסטו דאָס?

וואנגעל: גאנץ איינפאך. מיר קלייבען זיך איבער.

עללידא: זיך איבערקלייבען!

וואנגעל: יא. מיר ווען אריבערפאָהרען אין א וועל־כען עס איז פּלאץ ביים אָפענעם ים — אין א פלאץ וואו דו וועסט געפינען פאר זיך א היים, ווי דיין הארץ געלוסט.

עללידא: אַך, מיין ליעבער, גיב אויף דעם געדאנק אויף אייביג! דאָס איז אינגאנצען אונמעגליך. דו קענסט אין ערגעץ אין דער וועלט ניט לעבען אזוי גליקליך ווי דאָ.

וואנגעל: וועגען מיר רעדט מען ניט. און אויסער־דעם, — גלויבסטו אז איך קען דאָ לעבען גליקליך — אָהן דיר?

ע ל י ד א: אָבער איך בין דאָך דאָ; און איך בלייב דאָ. דו האָסט מיך דאָך.

וואַנגעל: האָב איך דיך, עלידא?

ע ל י ד א: אַך, רעד ניט פון יענער זאַך. אַט דאָ האָסטו אַלעס, פון וואָס־וועגען דו לעבסט און שטרעבסט. דאָ ליגט די גאַנצע טהעטיגקייט פון דיין לעבען.

וואַנגעל: וועגען דעם רעדט מען ניט, זאָג איך דיר. מיר וועלען אוועקפאָהרען פון דאַנען. מיר וועלען פאָהרען ערגעץ וואו צום ים. דאָס איז ביי מיר פעסט בעשלאָסען, ליעבע עלידא.

ע ל י ד א: און וואָס רעכענסטו וועלען מיר דערביי געווינען?

וואַנגעל: דו וועסט דאָרט ווידער געווינען דיין געזונד און די בערוהיגונג פון דיין נשמה.

ע ל י ד א: איך גלויב קוים. און דו אַליין? דאַרפסט אויך דענקען וועגען זיך. וואָס וועסט דו דערביי געווינען?

וואַנגעל: איך וועל דיך ווידער געווינען, דו ליעבע.

ע ל י ד א: אָבער דאָס קענסטו ניט! ניין, ניין, דאָס קענסטו ניט, וואַנגעל! אַט דער געדאַנק איז דאָך דאָס שרעקליכע — דאָס, וואָס מאַכט מיר צום פערצווייפלען.

וואַנגעל: אַט דאָס דאַרף מען ערשט פּרובירען. אויב דאָ פערפאָלגען דיר אַזוינע געדאַנקען, דאַן איז פאַר דיר קיין אַנדער רעטונג ניטאָ, ווי צו אַנטלויפען פון דאַנען! און וואָס שנעלער, אַלץ בעסער. דאָס איז אַ פעסט בעשלאָסענע זאַך, הערסטו.

ע ל י ד א: ניין! איך וועל דיר בעסער שוין אַלעס גלייך אַרויסזאָגען! ריכטיג ווי עס איז.

וואַנגעל: יאָ, יאָ — טהו דאָס טאַקע!

ע ל י ד א: דען דו דאַרפסט זיך ניט מאַכען אונגליקליך פון מיינעטוועגען. איבערהויפּט נאָך, אַזוי ווי דאָס וועט אונז קיין נוצען ניט ברייננגען.

וואַנגעל: איך האָב איצט דיין וואָרט, אַז דו וועסט מיר אַלעס דערצעהלען — אַקוראַט ווי די זאַך איז.

עללידא: איך וועל דיר דאָס דערצעהלען אזוי גוט ווי איך קען, און אזוי גענוי ווי איך מיין, אז איך ווייס עס. קום אהער און זעץ זיך צו צו מיר. (זיי זעצען זיך אויף די שטיינער.)

וואנגעל: נו, עללידא? אלזאָ — ?

עללידא: יענעם טאָג, ווען דו ביסט דאָרטן געקומען און מיך געפרעגט צי איך קען און וויל זיין דיינע, האָסטו מיט מיר גערעדט אזוי אָפען און אזוי עהרליך וועגען דיין ערשטער הייראט. דו האָסט געזאָגט, אז זי איז געווען זעהר א גליקליכע.

וואנגעל: און אזוי איז זי טאקע געווען.

עללידא: יא, יא, מיין ליעבער — איך גלויב דיר. ניט צוליעב דעם דערמאָן איך דאָס איצטער. איך וויל דיר נור דערמאָנען, אז איך פון מיין זייט בין אויך אויפריכטיג געווען מיט דיר. דען איך האָב דיר דערצעהלט אָהן א שום אָבהאלט, אז איך האָב אמאָל אין מיין לעבען געהאט געליעבט אן אנדערען. אז עס איז צווישען אונז געקומען אזוי ווייט ווי ביז צו — צו א געוויסען סאָרט פערלאָבונג.

וואנגעל: צו א געוויסען סאָרט — ?

עללידא: יא, עטוואָס דערגלייכען. נו, דאָס האָט אָבער געדויערט גאָר א קורצע צייט. ער איז אָבגעפאָהרען. און שפּעטער האָב איך געמאכט א סוף פון דער גאנצער זאך. איך האָב דאָס דיר אלעס דערצעהלט.

וואנגעל: אָבער, ליעבע עללידא, צו וואָס דען וועקסטו ווידער אויף אָט די אלטע געשיכטען? אין גרונד איז מיר די גאנצע זאך גאָר ניט אָנגעגאנגען. און איך האָב דאָך קיינמאָל אפילו ניט געפרעגט ווער דאָס איז געווען.

עללידא: יא, דו האָסט ניט געפרעגט. דו ביזט אלעמאָל אויסגערעכענט מיך ניט צו פערלעצען.

וואנגעל: (שמייכעלט): נו, אין דעם פאל — איך האָב אליין געקענט אונגעפעהר טרעפען זיין נאָמען.

עללידא: זיין נאָמען!

וואנגעל: אין שאלדוויקען און דעם געגענד ארום זיי־

נען ניט געווען אזויפיעל מען זאָל קענען איבערקלייבען. אָדער, ריכטיגער געזאָגט, עס איז מעהר ניט געווען ווי איין איינציגער —

עלידא: דו מיינסט אוודאי, אז דאָס איז געווען — ארנהאָלם.

וואנגעל: יא, אפשר ניט —?

עלידא: ניין.

וואנגעל: אזוי? ניין? דאן קען איך ניט קלוג ווערען.

עלידא: ערֹאינערסט זיך ס'איז אמאָל געקומען, שפעט אין הערבסט, א גרויסער אמעריקאנער שיף אין שאָלדוויקען פאר רעמאָנט?

וואנגעל: יא, איך ערֹאינער מיך גאנץ גוט. אויף דעם דאָזיגען שיף האָט מען איין פריהמאָרגען געפונען דעם קאפי־טאן אן ערמאָרדעטען אין קאיוטע. איך בין דאָרט אליין געווען און געפאלמעסט דעם קערפּער.

עלידא: יא, דאָס קען זיין.

וואנגעל: מען האָט דאן גערעדט, אז דער צווייטער שטורמאן האָט דאָס איהם ערמאָרדעט.

עלידא: דאָס קען קיינער ניט זאָגען! ווייל עס איז קיינמאָל ניט בעוויזען געוואָרען.

וואנגעל: עס האָט דאָך אין דעם קיין ספק ניט געקענט זיין, וואָרים אז ניט, פארוואָס האָט ער זיך געוואָרפען אין וואסער?

עלידא: ער האָט זיך ניט געוואָרפען אין וואסער. ער איז אנטלאָפען אויף א שיף וואָס איז געגאנגען ארויף אין צפון.

וואנגעל (ערשטוינט): פון וואנען ווייסטו דאָס?

עלידא (מיט אנשטרענגונג): יא, וואנגעל — דער צווייטער שטורמאן: מיט איהם בין איך דאָס געווען—פערלאָבט.

וואנגעל (שפּרינגט אויף): וואָס זאָגסטו? קען דאָס מעגליך זיין!

עלידא: יא, אזוי איז עס. עס איז דאָס געווען.

וואנגעל: אָבער אום גאָטעס ווילען, עלידא —! ווי

האָט עס דיר געקענט אזא זאך איינפאלען — צו פערלאָבען זיך מיט אזעלכען! מיט א ווילד־פרעמדען מענש׳ן! — ווי האָט ער געהייסען?

ע ל ל י ד א: דאמאָלסט האָט ער זיך גערופען פרימאן. שפּעטער, אין זיינע בריעף, האָט ער זיך אונטערגעשריבען אל־פרעד דזשאנסטאן.

ו ו א נ ג ע ל: און פון וואנען האָט ער געשטאמט?

ע ל ל י ד א: פון פינמארק, האָט ער געזאָגט. געבוירען איז ער אייגענטליך אין פינלאנד. אָנגעקומען אהער איז ער אלס קינד — מיט זיין פאָטער, גלויב איך.

ו ו א נ ג ע ל: הייסט עס, ער איז געווען א קוואן.

ע ל ל י ד א: יא, אזוי רופט מען זיי, דאכט זיך.

ו ו א נ ג ע ל: וואָס ווייסטו אויסער דעם וועגען איהם?

ע ל ל י ד א: איך וויים נור, אז ער איז גאנץ יונג געוואָרען א מאטראָז, און אז ער האָט דורכגעמאכט וויטע רייזען.

ו ו א נ ג ע ל: אויסער דעם גאָרנישט?

ע ל ל י ד א: ניין, מיר האָבען קיינמאָל וועגען אזוינע זאַ־כען ניט גערעדט.

ו ו א נ ג ע ל: פון וואָס דען האָט איהר גערעדט?

ע ל ל י ד א: מייסטענס פלעגען מיר רעדען וועגען ים.

ו ו א נ ג ע ל: אה—! פון ים הייסט עס?

ע ל ל י ד א: פון שטורעם און פון רוה. פון פינסטערע נעכט אויף׳ן ים. פון ים אין זון־העלע בליסטשענדיגע טעג פלע־גען מיר אויך רעדען. אָבער מייסטענס האָבען מיר גערעדט פון די וואלפיש און פון די דעלפינען און ים־הינד, וואָס ליגען אויף די ים־פעלזען און וואָרעמען זיך אין זון. און דאן האָבען מיר גע־רעדט פון די אדלערן און די מעווען און אלע אנדערע ים־פויגלען. — און בעטראַכט נור — איז עס ניט זאָנדערבאר — ווען מיר פלע־גען רעדען פון אזעלכע זאכען, פלעגט מיר פאָרקומען אזוי ווי אָט די אלע ים־טירען און ים־פויגלען וואָלטען געווען זיינע קרובים.

ו ו א נ ג ע ל: און דו —?

עללידא: יא, מיר האָט זיך כמעט אויסגעוויזען, ווי איך וואָלט אויך געוואָרען זייער אַלעמענס אַ קרובה.

וואנגעל: יא, יא — און אזוי, הייסט עס, אזוי האָסט זיך מיט איהם פערלאָבט?

עללידא: יא, ער האָט געזאָגט, איך זאָל עס טהון.

וואנגעל: אז דו זאָלסט? האָסט דען ניט געהאט קיין אייגענעם ווילען?

עללידא: ניט ווען ער איז געווען נעבען מיר. אָ, — דערנאָך איז עס מיר פאָרגעקומען גאָר אונבעגרייפליך.

וואנגעל: פלעגסט זיך אָפט טרעפען מיט איהם?

עללידא: ניין, ניט זעהר אָפט. איינמאָל איז ער גע־ וועזען דאָרטען ביי אונז און האָט אָנגעקוקט דעם לייכט־טורעם. דע־ מאָלסט בין איך מיט איהם בעקאנט געוואָרען. שפּעטער פלעגען מיר זיך וועזן ניט־וועזן טרעפען. אָבער דאן האָט פּאסירט די גע־ שיכטע מיט'ן קאפּיטאן. און ער האָט געמוזט אוועק.

וואנגעל: יא, — דערצעהל מיר נאָך וועגען דעם!

עללידא: אין אַ געוויסען פריהמאָרגען קריג איך פון איהם אַ צעטעל, און דאָרט איז געשטאנען איך זאָל ארויסקומען צו איהם אין בראַטהאַמער, — דו ווייסט, דער לאנד־שפּיץ צווישען דעם לייכט־טורעם און שאָלדרוויקען.

וואנגעל: יא געוויס, געוויס — די פלעצער געדענק איך גוט.

עללידא: איך זאָל דאָרט גלייך ארויסקומען, האָט ער געשריבען; ער האָט עפּעס מיט מיר וואָס צו רעדען.

וואנגעל: און דו ביזט געגאנגען?

עללידא: יא, איך האָב געמוזט געהן. נו, דאן האָט ער מיר דערצעהלט, אז אין יענער נאכט האָט ער דעם קאפּיטאן דערשטאָכען.

וואנגעל: דאָס האָט ער אַליין געזאָגט? פּשוט גענו־ מען און זיך מודה געווען!

ע ל י ד א: ער האָט אָבער געזאָגט, אז ער האָט נור גע־טהון וואָס איז געווען גוט און גערעכט.

וואנגעל: גוט און גערעכט! וואָס איז דען געווען זיין גרונד פאר וואָס ער האָט איהם דערשטאָכען?

ע ל י ד א: ער האָט מיר ניט געוואָלט זאָגען דעם גרונד. ער האָט געזאָגט, אז ס'איז ניט פאר מיינע אויערן אזא זאך צו הערען.

וואנגעל: און דו האָסט איהם געגלויבט אויפ'ן וואָרט?

ע ל י ד א: יא, עס איז מיר גאָר אויפ'ן זינען ניט געקו־מען איהם ניט צו גלויבען. נו, עוקר זיין האָט ער דאָך געמוזט. אָבער, ווען עס איז געקומען צום געזעגענען זיך. — ניין, דו קענסט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, וואָס איהם איז איינגעפאלען צו טהון.

וואנגעל: נו, לאָמיך הערען!

ע ל י ד א: ער האָט ארויסגענומען א בונד שליסלען פון קעשענע, האָט ארונטערגענומען א רינג פון זיין פינגער, וועלכען ער האָט געוועהנליך געטראָגען, און האָט אויך אראָבגענומען א קליינעם רינג ביי מיר פון פינגער. דיביידע רינגען האָט ער אָנ־געהאנגען צוזאמען מיט די שליסלען, און דאן האָט ער געזאָגט, אז מיר ביידע מוזען זיך פער'קנס'ן צום ים.

וואנגעל: פער'קנס'ן זיך!

ע ל י ד א: יא, אזוי האָט ער געזאָגט. און דאן האָט ער מיט אַלע כחות אריינגעוואָרפען די ביידע רינגען מיט'ן בונד שליס־לען ווייט אוועק אין ים.

וואנגעל: און דו, עלידא? דו האָסט איינגעשטימט דערצו?

ע ל י ד א: יא, שטעל זיך נור פאָר — עס איז מיר דער־מאָלסט פאָרגעקומען, אז דאָס אַלעס האָט אזוי געמוזט זיין און ניט אנדערש. — אָבער, א דאנק גאָט, — דאן איז ער אוועקגע־פאָהרען!

וואנגעל: און ווען ער איז אוועקגעפאָהרען — ?

ע ל י ד א: נו, דו קענסט דאָך פערשטעהן, אז איך בין

באלד געקומען צום שכל און האָב איינגעזעהן ווי נאריש און זינלאָז די גאנצע זאך איז געווען.

װ ו א נ ג ע ל: דו האָסט פריהער געדערט וועגן בריעף. האָסטו געהערט פון איהם, הייסט עס, דערנאָך אויך?

ע ל ל י ד א: יא, איך האָב געהערט פון איהם. צוערשט האָב איך בעקומען פון איהם א פּאָר קורצע צייל֞ען פון ארכאנגעל. ער האָט נור געשריבען, אז ער האָט בדעה צו פאָהרען נאָך אמע־ריקא, און האָט מיר אָנגעגעבען די אדרעסע וואו איהם צו שיקען מיין ענטפער.

װ ו א נ ג ע ל: און דו האָסט עס געטאָן?

ע ל ל י ד א: גלייך. איך האָב, פערשטעהט זיך, געשרי־בען, אז צווישען אונז איז אלעס אויס, און אז ער זאָל מעהר ניט דענקען וועגען מיר, אזוי ווי איך וויל מעהר קיינמאָל ניט דענקען וועגען איהם.

װ ו א נ ג ע ל: און טראָץ דעם האָט ער פונדעסטוועגען דיר ווידער געשריבען?

ע ל ל י ד א: יא, ער האָט ווידער געשריבען.

װ ו א נ ג ע ל: און וואָס האָט ער געענטפערט אויף דאָס, וואָס דו האָסט איהם געגעבען צו פערשטעהן?

ע ל ל י ד א: אויף דאָס האָט ער קיין וואָרט ניט געענט־פערט. עס איז אויסגעקומען ווי איך וואָלט איבערהויפּט איהם גאָרנישט אָבגעזאָגט. ער האָט געשריבען גאנץ רוהיג, איך זאָל נור אויף איהם ווארטען. אזוי באלד ווי ער וועט קענען מיך נעה־מען צו זיך, וועט ער מיר לאָזען וויסען, און דאן זאָל איך גלייך קומען.

װ ו א נ ג ע ל: ער האָט, הייסט עס, דיך ניט געוואָלט פריי לאָזען?

ע ל ל י ד א: ניין. דאן האָב איך ווידער געשריבען. כמעט וואָרט פאר וואָרט ווי דאָס ערשטע מאָל. אפשר נאָך אבי־סעל הארטער.

װ ו א נ ג ע ל: נו, און דאן האָט ער נאָכגעגעבען?

ע ל ל י ד א: אַך ניין. ער האָט געשריבען ווידער אזוי רו־היג ווי פריהער. קיין וואָרט ניט פון דעם וואָס איך האָב אָבגעשני־טען מיט איהם. דאן האָב איך איינגעזעהן, אז ס'איז ארויסגעוואָר־פען און האָב שוין מעהר קיינמאָל צו איהם ניט געשריבען.

וו א נ ג ע ל: און דו האָסט פון איהם שוין מעהר גאָרנישט געהערט?

ע ל ל י ד א: יא, איך האָב דערנאָך געקריגען פון איהם נאָך דריי בריעף. איינמאָל האָט ער מיר געשריבען פון קאַליפאָרניע, און נאָך אמאָל פון כינא. דער לעצטער בריעף, וואָס איך האָב פון איהם בעקומען, איז געוועזן פון אויסטראַליען. פון דאָרט האָט ער געשרי־בען אז ער וויל געהן אין די גאָלד־מינען. זייט דאן אָבער האָט ער שוין מעהר פון זיך ניט געלאָזט הערען.

וו א נ ג ע ל: דער מענש האָט געהאַט איבער דיר אַן אונגע־וועהנליכע מאַכט, עללידא.

ע ל ל י ד א: אַך יא, יא. דער שרעקליכער מענש!

וו א נ ג ע ל: אָבער דו טאָרסט מעהר וועגען דעם ניט דענ־קען. מעהר קיינמאָל ניט! דו מוזט עס מיר פערשפּרעכען, מיין ליעבע, טייערע עללידא! איצט וועל איך פּרובירען פאַר דיר אַנ־אַנדער הייל־מיטעל. א פרישערע לופט איידער דאָ אין די פיאָרדען. די זאַלציגע, שטאַרקענדע ים־לופט! נו, וואָס זאָגסטו דערצו?

ע ל ל י ד א: אַך, רעד ניט דערפון! דענק ניט וועגען אזא זאַך! דערמיט וועט מיר ניט זיין געהאָלפען, איך פיהל עס גאַנץ גוט. איך וועל פון דער לאַסט דאָרטן אויך ניט לויז ווערען.

וו א נ ג ע ל: וואָס פאַר א לאַסט, מיין ליעבע — וואָס מיינ־סטו אייגענטליך דערמיט?

ע ל ל י ד א: דאָס שרעקליכע, מיין איך. אָט די אונבע־גרייפליכע מאַכט איבער מיין געמיטה —

וו א נ ג ע ל: אָבער פון דער מאַכט ביזטו דאָך שוין לויז געוואָרען, שוין לאַנג, זינט דו האָסט מיט איהם אָבגעשניטען. דאָס איז דאָך שוין לאַנג פאַראיבער!

ע ל י ד א (שפרינגט אויף): ניין, די צרה איז, וואָס ס׳איז נאָך ניט פאַראיבער!

וו א נ ג ע ל: נאָך ניט פאַראיבער, זאָגסטו?

ע ל י ד א: ניין, וואנגעל — עס איז ניט פאַראיבער! און איך האָב מורא אז עס וועט קיינמאָל ניט זיין פאַראיבער. קיינמאָל אין לעבען ניט!

וו א נ ג ע ל (מיט אַ פערשטיקטער שטים): ווילסטו דערמיט זאָגען, אז טיעף אין דיין הארצען האָסטו קיינמאָל דעם פרעמדען ניט געקענט פערגעסען?

ע ל י ד א: איך האָב איהם געהאט פערגעסען. אָבער דאן, מיט איין מאָל, איז מיר פאַרגעקומען ווי ער איז ווידער דאָ.

וו א נ ג ע ל: ווי לאנג איז שוין דאָס?

ע ל י ד א: עס איז איצט אן ערך דריי יאָהר — אָדער עפּעס מעהרער. עס איז געווען אין דער צייט ווען איך האָב ערוואַר־טעט דאָס קינד.

וו א נ ג ע ל: אה! אין יענער צייט, הייסט עס? יא, עלידא — איצט הויבט מיר אָן אלעס קלאָר צו ווערען.

ע ל י ד א: דו האָסט א טעות, מיין ליעבער! וואָס אויף מיר איז דאן אָנגעקומען, דאָס — אָ, איך גלויב, מען קען אין דעם קיינמאָל ניט קלאָר ווערען.

וו א נ ג ע ל (קוקט אויף איהר פול מיט שמערץ): זיך דאָס פאַרצושטעלען — דריי גאנצע יאָהר ביזטו דאָ ארומגעגאנגען — מיט ליעבע אין הארצען פאר אן אנדערן. פאר אן אנדערן! ניט פאר מיר — ניין, פאר אן אנדערן!

ע ל י ד א: אָ, דו האָסט אינגאנצען א טעות. איך פיהל ניט קיין ליעבע פאר קיין אנדערן אויסער פאר דיר.

וו א נ ג ע ל (מיט אַ געדריקטער שטים): פאר וואָס ־ען האָסטו אָט די גאנצע צייט ניט געוואָלט מיט מיר לעבען אלס מיין פרוי?

ע ל י ד א: צוליעב דעם שרעק, וואָס עס קומט פון דעם פרעמדען מענשען.

ו ו א נ ג ע ל: דעם שרעק?

ע ל ל י ד א: יא, שרעק. א שרעק, וואָס איז אזוי גרויליך, ווי דער ים אליין קען נור געבען. דען איצטער, וואנגעל, זאָלסטו הערען —

די יונגע לייט פון שטאָדט קומען צוריק פון לינקס, פערנייגען זיך און געהען אוועק רעכטס. מיט זיי צוזאמען קומען אַרנהאָלם, באָלעטע, הילדע און לינגסטראנד.

ב אָ ל ע ט ע (פערבייגעהענדיג): וואָס, איהר געהט נאָך אליץ דאָ ארום שפּאצירען?

ע ל ל י ד א: יא, עס איז אזוי שעהן און קיהל דאָ אין דער הויף.

א ר נ ה אָ ל ם: מיר פון אונזער זייט וועלען איצט ארונטער געהן און טאנצען.

ו ו א נ ג ע ל: גוט, גוט. מיר קומען אויך באלד ארונטער.

ה י ל ד ע: אדיע, דערווייל!

ע ל ל י ד א: הערר לינגסטראנד — אָך, ווארט נור אן אוי־געגבליק.

לינגסטראנד בלייבט שטעהן. אַרנהאָלם, באָלעטע און הילדע געהען אַוועק רעכטס.

ע ל ל י ד א (צו לאנגסטראנד): ווילט איהר אויך טאנצען?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: ניין, מאַדאַם, איך גלויב אז איך טאָר ניט.

ע ל ל י ד א: יא, עס איז בעסער איהר זאָלט זיך אָבהיטען. די דאָזיגע ברוסט־קראנקהייט — איהר זייט דאָס נאָך ניט איבער־געקומען?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: ניין, נאָך ניט אינגאנצען.

ע ל ל י ד א (זיך עטוואָס צוריקהאלטענדיג): ווי לאנג אן ערך איז עס שוין זינט איהר האָט די רייזע געמאכט?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: ווען איך האָב בעקומען די חולאת?

ע ל ל י ד א: יא, די רייזע, פון וועלכער איהר האָט היינט אין דער פריה דערצעהלט.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: אַך, דאָס איז שוין אזוי גוט ווי — ווארט נור, דאָס איז שוין אזוי לאַנג און אזוי ברייט ווי ריכטיג גור־טע דריי יאָהר.

ע ל ל י ד א: דריי יאָהר, הייסט עס.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: אָדער אַ ביסעל לענגער. מיר האָבען פערלאָזען אמעריקא אין פעברואר. אין מערץ האָבען מיר געהאט דעם שיפברוך. מיר זיינען אריין אין די שטורם־ווינדען פון די טאָג־און־נאכט גלייכער תקופה.

ע ל ל י ד א: (קוקט אויף וואנגעל'ען) : הייסט עס, אום יע־נער צייט איז עס געוועזען —

וו א נ ג ע ל: אָבער, ליעבע עללידא — ?

ע ל ל י ד א (צו לינגסטראנד) : מיר וועלען אייך מעהר ניט אויפהאלטען, געהט זיך אייך. אָבער ניט טאַנצען!

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: ניין, נור צוקוקען. (ער געהט אוועק רעכטס.)

וו א נ ג ע ל: ליעבע עללידא — פאַר וואָס האָסטו איהם אויסגעפרעגט וועגען דער רייזע?

ע ל ל י ד א: דזשאהנסטאן איז געוועזען מיט איהם אויפ'ן שיף. איך בין איבערצייגט דעריין.

וו א נ ג ע ל: פון וואַנען דרינגסטו דאָס?

ע ל ל י ד א (ניט ענטפערענדיג) : ער האָט זיך אויפ'ן שיף דערוואוסט, אז איך בין פערהייראט מיט אַן אנדערן, אונטער דער צייט וואָס ער איז געוועזען אוועק. און דאַן — אין דערזעלבער שעה איז דאָס אויף מיר אָנגעקומען!

וו א נ ג ע ל: דער שרעק?

ע ל ל י ד א: יאָ. מיט איינמאָל האָב איך איהם דאַן פּלוצלונג דערזעהן שטעהענדיג אַ לעבעדיגער פאַר מיינע אויגען. אָדער ריכ־טיגער, שטעהענדיג אַ ביסעל אָהן אַ זייט. ער קוקט ניט אויף מיר, נור ער שטעהט דאָרטען.

וו א נ ג ע ל: ווי האָט ער דיר אויסגעזעהן?

ע ל ל י ד א: אָט אזוי ווי איך האָב איהם געזעהן דאָס לעצטע מאָל.

ו ו א נ ג ע ל: פאר צעהן יאָהרען?

ע ל ל י ד א: יא, דאָרטען אין בראטהאמער. דייטליכער ווי אלץ זעה איך זיין האלזטוך־שפילקע מיט׳ן גרויסען בלוי־ווייסען פערל. דער פערל איז עהנליך צו דעם אויג פון א טויטען פיש. און עס קוקט אויף מיר אזוי שטאר.

ו ו א נ ג ע ל: אום גאָטעס ווילען — דו ביזט מעהר קראנק ווי איך האָב געמיינט. קראנקער איידער דו דענקסט אליין, עללידא.

ע ל ל י ד א: יא, יא — העלף מיר אויב דו קענסט! דען איך פיהל ווי דאָס דריקט מיר אלץ מעהר און מעהר צוזאמען.

ו ו א נ ג ע ל: און אין אזא צושטאנד געהסטו דאָ ארום שוין גאנצע דריי יאָהר. דו טראָגסט אין זיך אָט דעם בעהאלטענעם פיין און האָסט מיר גאָרניט געזאָגט.

ע ל ל י ד א: אָבער איך האָב דאָך דאָס דיר ניט געקענט זאָגען! ביז אָט דעם אויגענבליק — ווען איך האָב עס געמוזט זאָגען פון דיינטוועגען אליין. ווען איך וואָלט דיר דאָס אלעס פערטרויט, וואָלט איך דיר אויך געמוזט פערטרויען — דאָס וואָס מען קען פאר׳ן מויל ניט ארויס ברייננגען.

ו ו א נ ג ע ל: וואָס מען קען פאר׳ן מויל ניט ארויס בריינגען — ?

ע ל ל י ד א (אויסמיידענדיג): ניין, ניין ניין! פרעג ניט! נאָך איין זאך נור, דאן נישט מעהר. — וואנגעל, — ווי זאָלען מיר זיך דאָס ערקלערען—, דאָס רעטעניש מיט דעם קינד׳ס אויגען — ?

ו ו א נ ג ע ל: ליעבסטע, בעסטע עללידא, איך פערזיכער דיר, אז דאָס איז נור געווען איין איינבילדונג פון דיין זייט. דאָס קינד האָט געהאט פונקט אזעלכע אויגען ווי אנדערע נאָרמאלע קינדער.

ע ל ל י ד א: ניין, דאָס האָט עס ניט געהאט! אז דו זאָלסט עס ניט האָבען געקענט זעהען! דעם קינד׳ס אויגען האָבען געביטען די פארב אקוראט ווי דער ים. איז דער פיאָרד געלעגען רוהיג אין דעם ליכט פון דער זון, זיינען דעם קינד׳ס אויגען אויך אזוי געווען.

אין שטורם־וועטער, דאָס גלייכען. אָך, איך האָב עס שוין גוט גע־זעהן, אפילו אויב דו האָסט עס ניט געזעהן.

וואנגעל (נאָכגעבענדיג): ה'ם — זאָל זיין אזוי. אָבער אפילו ווען עס איז געווען אזוי, איז וואָס דערפון?

עלידא (אין דער שטיל, זיך צורוקענדיג נעהענטער צו איהם): אזעלכע אויגען האָב איך שוין אמאָל פריהער געזעהען.

וואנגעל: ווען? און וואו —?

עלידא: דאָרט, אין בראטהאמער. פאר צעהן יאהרען.

וואנגעל (שפרינגט אויף א טריט צוריק): וואָס זאָל דאָס —?

עלידא (שעפּצעט ציטערענדיג): דאָס קינד האָט געהאט דעם פרעמדען'ס אויגען.

וואנגעל (טהוט ניט ווילענדיג א געשריי): עלידא —!

עלידא (כאפּט זיך פאר'ן קאָפּ אין פערצווייפלונג): איצט וועסטו פערשטעהן פארוואָס איך וויל מעהר מיט דיר ניט לעבען ווי דיין פרוי, — פארוואָס איך טאָר מיט דיר ניט לעבען. (זי קעהרט זיך שנעל אָב און לויפט אראָב פון בארג רעכטס.)

וואנגעל (לויפט איהר נאָך און רופט): עלידא, — עלידא! מיין אָרעמע, אומגליקליכע עלידא!

דריטער אקט.

אַ זייטיגער ווינקעל אין וואַנגעל'ס גאָרטען. דער אָרט איז פייכט, זומפּיג און פערשטעלט פון גרויסע אלטע בוימער. רעכטס זעהט זיך דער ראַנד פון אַ פערפליעסנעטען טייך. אַ נידעריגער, אָפענער צוים טיילט אָב דעם גאָרטען פון דעם פוס־וועג און דעם פיאָרד אין הינטערגרונד. גאנץ הינטען זעהט זיך א קייט פון בערג און פעלזען־שפּיצען הינטער'ן פיאָרד. שפּעט נאכמיטאג, געגען אבענד. באַלעטע זיצט און נעהט אויף אַ שטיינערנע באַנק לינקס. אויף דער באַנק ליעגען אַ פּאָר ביכער און אַ נעה־קאָרב. הילדע און לינגסטראנד, ביידע מיט פישער־געצייג, שטעהען ביי'ם ראַנד פון טייך.

הילדע (מאַכט א צייכען צו לינגסטראנד): שטעהט רוהיג: איך זעה דאָרטען א גרויסען.

לינגסטראנד (קוקט אַהינצו): וואו איז ער?

הילדע (צייגט מיט'ן האַנד): זעהט איהר ניט — דאָרט אונטען איז ער. און קוקט נור דאָ! אַט איז דאָך נאָך איינער! (קוקט דורך צווישען די בוימער): אוה — אַט קומט ער און דער־שרעקט זיי!

באַלעטע (הויבט אויף דעם קאָפּ): ווער קומט?

הילדע: דיין פּראָפעסאָר, מאַדאַם!

באַלעטע: וואָס עפּעס מיינער?

הילדע: מיינער איז ער אַ דאנק גאָט קיינמאָל ניט גע־וועזען.

אַרנהאָלם זעהט זיך רעכטס צווישען די בוימער.

אַרנהאָלם: זיינען איצט דאָ פיש אין אָט דעם טייך?

הילדע: יא, עס שווימען דאָ ארום א פּאָר בעיאָהרענטע קאַראַשען.

א ר נ ה א ָ ל ם: קוקט זיך נור איין, די אלטע קאראשען לע־בען נאָך?

ה י ל ד ע: זיי זיינען הארטע יונגען. נו וועלען מיר זעהען צי מיר קענען ניט אָב'פּטר'ן א פּאָריל אזוינע.

א ר נ ה א ָ ל ם: מיר דאכט איהר האָט עס בעסער געדארפט פּרובירען דאָרטן אויפ'ן פּיאָרד.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: ניין, דער טייך—ער איז אזוי צו זאגען עפּעס מעהר געהיימניספול.

ה י ל ד ע: יא, דאָ איז עס מעהר שפּאנענד. קומט איהר דאָס איצטער פון באָדען זיך?

א ר נ ה א ָ ל ם: טאקע גלייך. איך קום דירעקט פון די בע־דער.

ה י ל ד ע: איהר זייט מסתמא ניט געגאנגען וויטער ווי ביז די שטריק?

א ר נ ה א ָ ל ם: יא, איך בין ניט קיין בריה א שווימער.

ה י ל ד ע: קענט איהר שווימען אויפ'ן רוקען?

א ר נ ה א ָ ל ם: ניין.

ה י ל ד ע: איך קען. (צו לינגסטראנד:) לאָמיר פּרובירען דאָרטן אויף דער אנדער זייט.

זיי געהען ארום דעם טייך רעכטס.

א ר נ ה א ָ ל ם (געהט צו נעהענטער צו באָלעטע'ן): איהר זיצט זיך אליין, באָלעטע?

ב א ָ ל ע ט ע: אָך יא, געוועהנליך זיץ איך מיר אליין.

א ר נ ה א ָ ל ם: איז ניטאָ אייער מוטער דאָ אונטען אין גאָר־טען?

ב א ָ ל ע ט ע: ניין, איך גלויב, זי איז אוועק שפּאצירען מיט'ן פּאפּא.

א ר נ ה א ָ ל ם: ווי פּיהלט זי זיך היינט?

ב א ָ ל ע ט ע: איך ווייס ווירקליך ניט. איך האָב פערגעסען צו פרעגען.

א ר נ ה א ָ ל ם: וואָס פאר'ע ביכער האָט איהר דאָ?

ב אָ ל ע ט ע: אָה, איינס איז א באָטאנישעס בוך און דאָס אנדערע איז א געאָגראַפיע.

א ר נ ה אָ ל ם: לעזט איהר גערן אזעלכע ביכער?

ב אָ ל ע ט ע: יא, ווען איך האָב נור צייט דערצו. עס פערשטעהט זיך, די ערשטע זאך אָבער מוז איך בעזאָרגען די הויז ווירטשאפט.

א ר נ ה אָ ל ם: אָבער העלפט דען איך ניט אייער מוטער — אייער שטיעפמוטער —?

ב אָ ל ע ט ע: ניין, די ווירטשאפט איז מיין זאך. איך האָב דאָס געמוזט בעזאָרגען די צוויי יאָהר וואָס דער פאָטער איז געווען אליין. און דאַן איז דאָס שוין דערנאָך אויך אזוי געבליבען.

א ר נ ה אָ ל ם: אבער איהר האָט נאָך אלץ אזוי ווי פריהער א גרויסע לוסט צום לעזען?

ב אָ ל ע ט ע: יא, איך לעז אלע ניצליכע ביכער, וואָס איך קען נור קריגען. עס ווילט זיך דאָך עפּעס וויסען וועגען דער וועלט. דאָ לעבען מיר דאָך אזוי אינגאנצען אָן א זייט פון אלץ וואָס קומט פאָר, — אָדער אזוי גוט ווי אינגאנצען.

א ר נ ה אָ ל ם: אָבער, ליעבע באָלעטע, דאָס דאַרפט איהר ניט זאָגען.

ב אָ ל ע ט ע: עס איז אָבער אזוי. איך געפין אז מיר לעבען ניט פיעל אנדערש איידער די קאַראַשען דאָרט אונטען אין טייך. זיי האָבען דירעקט נעבען זיך דעם פיאָרד, וואו די גרויסע פרייע פיש-מחנות שווימען אריין און ארויס; אָבער די ארימע צאַהמע הויז-פיש ווייסען פון דעם גאָר ניט, און קענען מיט זיי קיינמאָל ניט מיט-שווימען.

א ר נ ה אָ ל ם: איך מיין, אז עס וואָלט זיי גאָר ניט אזוי וואויל בעקומען, ווען זיי וואָלטען ארויסגעשוואומען אין פיאָרד.

ב אָ ל ע ט ע: אָה, מיר דאכט, אז זיי האָבען אלץ איינס געמעגט ריזיקירען.

א ר נ ה אָ ל ם: איבעריגענס קענט איהר דאָך ניט זאָגען, אז דאָ זיצט מען שוין גאָר אָן א זייט פון לעבען. יעדענפאלס ניט אין

זומער. איצטער איז דאָך דאָ גראָד א מין פערזאמלונגס־פּלאַץ פון וועלט־לעבען. כמעט א צענטער פון פערביינעהענדיגע שטראָמען.

באָלעטע (שמייכעלט): יא, איהר אליין געהט דאָ איצט פערביי אין שטראם — אייך איז גרינג צו מאכען שפּאס פון אונז.

ארנהאָלם: איך מאכען שפּאס פון אייך —? ווי קומט עס אייך ארויף אויפ׳ן זינען?

באָלעטע: נו, אַט די אַלע רייד וועגען א פערזאמלונגס־פּלאַץ און א צענטער פון וועלט־לעבען, דאָס האָט איהר דאָך נור גע־הערט זאָגען פון די לייט דאָ אין שטאָדט. זיי רעדען נאָכאנאנד אזוי.

ארנהאָלם: יא, דעם אמת געזאָגט, האָב איך עס טאקע בעמערקט.

באָלעטע: אין גרונד גענומען איז קיין וואָהר וואָרט אין דעם ניטאָ. ניט פאר אונז, וועלכע לעבען דאָ שטענדיג. וואָס האָ־בען מיר דערפון, וואָס די גרויסע, פרעמדע וועלט געהט דאָ פערביי אויפ׳ן וועג צו דער מיטען־נאכט־זון דאָרטען ווייטער? מיר אליין טאָרען דאָך ניט מיטגעהן. פאר אונז איז ניט קיין מיטען־נאכט־זון. אָך ניין — מיר מוזען זיך צופריעדענשטעלען צו פערברייענגען רוהיג אונזער לעבען דאָ אין אונזער קאראשען־טייך.

ארנהאָלם (זעצט זיך נעבען איהר): זאָגט מיר נור, ליע־בע באָלעטע — האָט איהר עפּעס־וואָס — איך מיין עפּעס בעשטימ־טעס, צו וואָס איך ציהט דאָס הארץ אָט דאָ אין דער היים?

באָלעטע: אָך יא, אפשר איז דאָ עפּעס.

ארנהאָלם: און וואָס אייגענטליך איז עס? צו וואָס ציהט אייך אזוי דאָס הארץ?

באָלעטע: אוועקצוגעהן — דאָס איז די ערשטע זאַך.

ארנהאָלם: דאָס איז, הייסט עס, ערשטענס?

באָלעטע: יא. און דאַן וואָלט איך געוואָלט עפּעס מעהר לערנען. עפּעס א ריכטיגע ידיעה האָבען וועגען אלערליי זאכען.

ארנהאָלם: דאמאלסט, ווען איך האָב מיט אייך גע־

לערנט, האָט אייער פּאַטער אָפּט געזאָגט, אז ער וואָלט אייך ערלויבט צו שטודירען.

באָלעטע: אך יא, דער אָרעמער פּאפּא — ער זאָגט א סך זאכען. אָבער ווען עס קומט צום פּונקט, דאן — ניטאָ קיין ריכטיגע ענערגיע ביי'ם פּאפּא.

ארנהאָלם: יא, דעריין זייט איהר לײדער געראָטען. דאָס פעהלט איהם א היבש ביסעל. האָט איהר אָבער ווען עס איז גערעדט מיט איהם דערפון? איך מיין, ערנסט אריינגע'טענה'ט מיט איהם?

באָלעטע: ניין, דאָס האָב איך אייגענטליך טאקע ניט געטהון.

ארנהאָלם: ווייסט איהר, דאָס האָט איהר ווירקליך יא געדארפט טהון. איידער עס וועט ווערען צו שפּעט, באָלעטע. וואָרום טהוט איהר דאָס ניט?

באָלעטע: אָה, מסתמא ווייל אין מיר איז אויך ניטאָ קיין ריכטיגע ענערגיע. דעריין בין איך א פּנים געראָטען אין טאטען.

ארנהאָלם: ה'ם, איך האָב מורא, אז דעריין זייט איהר אונגערעכט צו זיך אליין.

באָלעטע: אַך, לײדער ניין. דערצו האָט פּאפּא אזוי וועניג צייט צו דענקען וועגען מיר און מיין צוקונפט — און האָט אויך קנאפּוואָס לוסט דערצו. אזוינע זאכען לעגט ער אָב אָן א זייט, ווען ער קען נור. וואָרים ער איז דאָך אזויפיעל פערנומען מיט עללידא'ן —

ארנהאָלם: מיט וועמען —? ווי מיינט איהר —?

באָלעטע: איך מיין, ער און מיין שטיעפמוטער — (האַקט זיך אָב) פּאפּא און מאמא האָבען גענוג צו טהון מיט זיך אליין, ווי איהר זעהט.

ארנהאָלם: נו, אויב אזוי האָט איהר דאָך נאָך מעהר גרונד צו זוכען אוועקצוגעהן פון די היגע פערהעלטניסען.

באָלעטע: יא, אָבער איך גלויב, אז איך האָב ניט קיין רעכט אוועקצוגעהן — פערלאָזען דעם פּאפּא.

ארנהאָלם: אָבער, ליעבע באָלעטע, ווען־עס־איז וועט

איהר עס דאָך מוזען טהון. דעריבער מיין איך, אז וואָס גיכער איהר וועט עס טהון, אלץ בעסער.

ב אָ ל ע ט ע: יא, עס בלייבט טאקע ניט קיין אנדער זאך וואָס צו טהון. איך מוז דאָך אמאָל דענקען וועגען זיך אליין אויך; איך מוז אמאָל פּרובירען זיך אליין ווי עס איז בעזאָרגען. ווען דער פאָטער וועט מעהר ניט זיין, האָב איך דאן קיינעם ניט, אויך וועמען זיך צו פערלאָזען. — און דאָך — איך שרעק זיך פאר'ן געדאנק צו פערלאָזען מיין אָרעמען פאטער.

א ר נ ה אָ ל ם: אייך שרעקט דאָס — ?

ב אָ ל ע ט ע: יא, צוליעב דעם פאטער אליין.

א ר נ ה אָ ל ם: אָבער, מיין גאָט — און וואָס איז דער מעהר מיט אייער שטיעפמוטער? זי בלייבט דאָך ביי איהם.

ב אָ ל ע ט ע: דאָס איז ריכטיג. אָבער זי טויג זיך גאָר ניט צו די אלע זאכען, אין וועלכע מיין מוטער איז געווען אזוי געשיקט. עס זיינען פאראן אזויפיעל זאכען וואָס זי זעהט ניט, — אָדער וואָס זי וויל אפשר ניט זעהן, וואָס עס אהרט איהר ניט — איך ווייס ניט ווי דאָס צו זאָגען.

א ר נ ה אָ ל ם: ה'ם — איך גלויב, איך פערשטעה שוין, וואָס איהר ווילט דערמיט זאָגען.

ב אָ ל ע ט ע: דער אָרעמער פּאפּא — ער איז א שוואכער מענש אין געוויסע פּרטים. איך רעכען, אז איהר האָט דאָס שוין אליין בעמערקט. גענוג צו טהאָן האָט ער אויך ניט, אויסצופילען זיין גאנצע צייט. נו, און זי אליין איז גאָר ניט אימשטאנד צו זיין א שטיצע פאר איהם. איבעריגענס, אין דעריין איז ער טיילווייז טאקע אליין שולדיג.

א ר נ ה אָ ל ם: ווי אזוי מיינט איהר?

ב אָ ל ע ט ע: אה, פּאפּא וואָלט שטענדיג וועלען זעהען ארום זיך פרעהליכע פּנים'ער. אין הויז, זאָגט ער מוז זיין זונענשיין און לוסטיגקייט. איז דעריבער האָב איך מורא, אז ער לאָזט איהר צו אָפט נעהמען אזא מעדיצין, וועלכע טהוט איהר קיין גוטס ניט אם ענדע.

א ר נ ה אָ ל ם: גלויבט איהר דאָס אויף אַן אמת?

ב אָ ל ע ט ע: יא, איך קען ניט לויז ווערען פון דעם געדאנק. דען זי איז אָפּטמאָל אזוי זאָנדערבאר. (מיט היטץ): אָבער איז עס גוט און גערעכט אזוי, איך זאָל מוזען בלייבען שטעקען דאָ צו הויז? אין גרונד גענומען האָט דאָך פּאפּא קיין ברעקעל נוצען ניט דערפון. און איך פיהל, אז איך האָב דאָך פליכטען צו זיך אליין אויך.

א ר נ ה אָ ל ם: איהר ווייסט, ליעבע באָלעטע, אָט די זאכען האָבען מיר געדארפט א ביסעל גענויער בעשפּרעכען.

ב אָ ל ע ט ע: אָך, וויפיעל דאָס קען שוין העלפען! איך דענק, אז מיר איז שוין בעשערט דאָ צו בלייבען אין דעם קאראשען־טייך.

א ר נ ה אָ ל ם: גאָר ניט געזאָגט. דאָס הענגט נור אָב פון איך אליין.

ב אָ ל ע ט ע (מונטער): מיינט איהר אזוי?

א ר נ ה אָ ל ם: יא, גלויבט מיר — דאָס ליעגט אינגאנצען אין אייערע הענד.

ב אָ ל ע ט ע: ווען דאָס וואָלט נור אזוי זיין —! וואָלט איהר אפשר וועלען רעדען א גוט וואָרט פאר מיר צום פּאפּא?

א ר נ ה אָ ל ם: פאר וואָס ניט? אָבער פריהער פאר אלין וואָלט איך געוואָלט אָפענהערציג און גאנץ פריי מיט אייך אליין רעדען, ליעבע באָלעטע. (קוקט זיך ארום לינקס) שטיל! איך וויל ניט זיי זאָלען עפּעס בעמערקען. מיר וועלען נאָך רעדען דערפון שפּעטער.

עללידא קומט פון לינקס. זי איז אָהן א הוט, נור זי האָט א גרויסע שאל אריבערגעוואָרפען איבער'ן קאָפּ און די שולטערן.

ע ל ל י ד א (מיט אַן אונרוהיגער מונטערקייט): אָט דאָ איז גוט! דאָ איז פּראַכטפול!

א ר נ ה אָ ל ם (שטעהט אויף): האָט איהר געמאכט א שפּאציער?

ע ל ל י ד א: יא, יא, א לאנגען, לאנגען, וואונדערפולען שפּא־

ציער אויף די בערג — מיט וואנגעל'ען און איצט וועלען מיר זיך א ביסעל שיפען אויפ'ן וואסער.

ב אָ ל ע ט ע: ווילסטו זיך ניט צוזעצען?

ע ל ל י ד א: ניין, א דאנק. ניט זיצען.

ב אָ ל ע ט ע (רוקט זיך אָב אן א זייט אויפ'ן באַנק): דאָ איז דאָ גענוג פּלאַץ.

ע ל ל י ד א (געהט ארום): ניין, ניין, ניין. ניט זיצען. ניט זיצען.

א ר נ ה אָ ל ם: דער שפּאציער האָט אייך זיכער גוט געטאָן. איהר זעהט אוים אזוי דערפרישט.

ע ל ל י ד א: אה, איך פיהל מיך אזוי גוט, אזוי גוט! איך פיהל מיך גליקליך אונבעשרייבליך! אזוי זיכער! אזוי זיכער — (קוקט ארוים לינקס) וואָס איז דאָס פאר א גרויסער דאמפּפער, וואָס קומט דאָרטען אָן?

ב אָ ל ע ט ע (שטעהט אויף און קוקט ארוים): דאָס מוז זיין דער גרויסער ענגלישער דאמפּפער.

א ר נ ה אָ ל ם: ער שטעלט זיך אָב ביים אנקער־צייכען. שטעלט ער זיך דאָ אלעמאָל אָב?

ב אָ ל ע ט ע: נור אויף א האלבע שטונדע אונגעפעהר. ער געהט ווייטער ארויף דעם פיאָרד.

ע ל ל י ד א: און דאן ווידער ארוים — מאָרגען. ארוים אויפ'ן גרויסען, אָפענעם ים, און ווייט אוועק איבער'ן ים. דער גע־דאנק — דאָרטען צו זיין! ווען מען קען דאָס! ווען מען קען נור!

א ר נ ה אָ ל ם: האָט איהר קיינמאָל ניט מיטגעמאכט א ווייטע ים־רייזע, פרוי וואנגעל?

ע ל ל י ד א: קיינמאָל אין לעבען ניט. אזוי נור קליינע ריי־זען, דאָ ארום אין די פיאָרדען.

ב אָ ל ע ט ע (מיט א זיפץ): אך יא, מיר מוזען זיך א פּיים בענוגענען מיט דער יבשה.

א ר נ ה אָ ל ם: נו, אייגענטליך פיהלען מיר זיך אויף דער יבשה, ווי אין דער היים.

ע ל י ד א: ניין, אָט דאָס גלויב איך גראָד ניט.

א ר נ ה אָ ל ם: ניט אויף דער יבשה?

ע ל י ד א: ניין, איך גלויב דאָס ניט. איך גלויב, אז ווען די מענשען וואָלטען פון אָנהויב אָן זיך צוגעוועהנט צו פערברייננגען זייער לעבען אויפ'ן ים — אָדער אפשער א י ן ים — וואָלטען מיר געווען פיעל פאָלקאָמענער איידער מיר זיינען איצטער. ניט נור בע־סער ,נור אויך גליקליכער.

א ר נ ה אָ ל ם: גלויבט איהר דאָס ווירקליך?

ע ל י ד א: יא, דאָס איז מיין אידעע. איך האָב שוין אָפט גערעדט וועגען דעם מיט וואנגעל'ן.

א ר נ ה אָ ל ם: נו, און וואָס דענקט ער?

ע ל י ד א: אָה, ער מיינט אז ס'איז ניט אונמעגליך.

א ר נ ה אָ ל ם (שפאסענד): יא, ווער קען וויסען? אָבער וואָס געשעהען איז געשעהען. איין מאָל זיינען מיר אוועק אויף א פאלשען וועג, זיינען מיר געוואָרען לאנד־טירען אנשטאָט ים־טירען. אלענפאלס מוז שוין איצט זיין צו שפעט דעם פעלער צו פערריכ־טען.

ע ל י ד א: יא, איהר האָט דערמיט ארויסגעזאָגט א טרוי־עריגע וואַרהייט. און איך גלויב, אז די מענשען פיהלען עס אינ־סטינקטיוו אליין — זיי טראָגען זיך ארום דערמיט ווי מיט א בע־האלטענעם טרויער און פערדרוס. גלויבט מיר — אין דעם טאקע ליעגט דער גרונד פון מענשען'ס שווערען געמיטה. יא, איך בין זי־כער דעריין.

א ר נ ה אָ ל ם: אָבער, בעסטע פרוי וואנגעל — איך האָב גאָר ניט בעמערקט, אז די מענשען האָבען איבערהויפּט אזא שווערען געמיטה. אין געגענטהייל, איך געפין, אז די מעהרצאָהל קוקט אויפ'ן לעבען לייכט און לוסטיג — מיט א גרויסער, שטילער, אונבעוואוס־טער פרייד.

ע ל י ד א: אָך ניין, דאָס איז גאָר ניט אזוי. אָט די פרייד — דאָס איז אזוי ווי אונזער פרייד פון דעם לאנגען, ליכטיגען זומער־טאָג. איבער איהר הענגט אָבער דער געפיהל פון דער קומענדער

צייט פון טונקעלקייט. און אַט דער געפיהל וואַרפט אַ שאָטען אויף די פרייד פון דעם מענשען — ווי דער טרייבענדער וואָלקען וואַרפט זיין שאָטען איבער'ן פיאָרד. אַט ליעגט ער אַזוי בלאַנק און בלוי, און מיט איין מאָל —

באָלעטע: דו האָסט ניט געדאַרפט פערנעהמען זיך איצטער מיט אַזוינע טרויעריגע געדאַנקען. אַ ווײַלע פריהער ביזטו געוועזען אַזוי פרעהליך און פריש —

עלידא: יא, יא, געוויס בין איך געוועזען. אַך דאָס אַלעס — דאָס איז פון מיר אַזוי נאַריש. (קוקט זיך אַרום אונרוהיג) ווען וואַנגעל וואָלט נור איצטער געקומען. ער האָט מיר צוגעזאָגט אַזוי שטאַרק. און דאָך קומט ער ניט. ער האָט געוויס געמוזט פערגעסען. אַך, ליעבער העררר אַרנהאָלם, דערלאַנגט נור אַ קוק און זעהט צי איהר קענט איהם ניט געפינען.

אַרנהאָלם: זעהר גערן.

עלידא: זאָגט איהם ער זאָל גלייך קומען. דען איצט קען איך איהם ניט זעהן —

אַרנהאָלם: איהם ניט זעהן — ?

עלידא: אַך, איהר פערשטעהט מיך ניט. ווען ער איז ניטאָ, קען איך אָפטמאָל זיך ניט דערמאָנען ווי ער זעהט אויס. און דאַן פיהל איך, ווי איך וואָלט איהם אינגאַנצען פערלאָרען. — דאָס איז, אַך! אַזוי פּיינליך. אָבער געהט שוין! (זי געהט אום אַרום דעם טייך.)

באָלעטע (צו אַרנהאָלם): איך געה מיט אייך. איהר ווייסט דאָך דאָ ניט —

אַרנהאָלם: נו, איך וועל שוין —

באָלעטע (אין דער שטיל): ניין, ניין, איך בין אונרוהיג. איך האָב מורא ער מוז זיין אויפ'ן דאַמפּער.

אַרנהאָלם: מורא?

באָלעטע: ער געהט געוועהנליך זעהען צי עס זיינען ניט געקומען קיין בעקאַנטע. אָבער אויפ'ן שיף איז דאָך דאָ אַ בופעט—

אַרנהאָלם: אַך, אַזוי! דאַן קומט נור.

ער און באַלעטע געהען אוועק לינקס. עללידא שטעהט א ווײלע און קוקט אין טייך. פון צײט צו צײט רעדט זי שטיל צו זיך אליין אין אָבגעהאַקטע קלאנגען.

דרויסען אויפ'ן פוס-וועג הינטערן גאָרטען-צוים קומט פון לינקס אַ פ ר ע מ ד ע ר מ אַ ן אין א רײזע-אנצוג. זײנע האאר און די באָרד זײנען פון א רויטליכער פארב און געדיכט געוואקסען. ער טראָגט א שאָטלענדער היטעל אויפ'ן קאָפּ און א רײזע-טאַש אויף א רימען איבער'ן שולטער.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר (געהט לאנגזאם ביי דעם צוים און קוקט אריין אין גאָרטען. ווי ער דערזעהט עללידא'ן בלייבט ער שטעהן, קוקט אויף איהר מיט א פאַרשענדען און דרינגענדען בליק און זאָגט מיט א ווייכער שטים) : גוטען אָבענד, עללידא!

ע ל ל י ד א (קעהרט זיך אום און שרייט ארויס) : אַך, מיין ליעבער, ביזטו ענדליך דאָ!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר : ענדליך, יא.

ע ל ל י ד א (קוקט אויף איהם איבערראשט און אנגסטליך) : ווער זײט איהר? זוכט איהר וועמען?

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר : דו ווייסט וועמען איך זוך.

ע ל ל י ד א (דערשראָקען) : וואָס איז ד אָ ס? ווי רעדט איהר צו מיר? וועמען ווילט איהר?

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר : דו ווייסט דאָך, איך וויל דיך.

ע ל ל י ד א (ציטערט) : אה—! (קוקט איהם שטאַר אָן, טרעט צוריק מיט א האלב-פערשטיקטען אויסגעשריי) : די אויגען —! די אויגען!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר : נו, ענדליך קום איך דיר דאָך פאַר בעקאנט? איך — איך האָב דיך גלייך דערקענט, עללידא.

ע ל ל י ד א : די אויגען! קוקט אויף מיר ניט אזוי! איך וועל רופען נאָך הילף!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר : שש, שש! האָב קיין מורא ניט. איך טהו דאָך דיר גאָרנישט.

ע ל י ד א (האלט די הענד פאר די אויגען): קוקט אויף מיר ניט אזוי, זאָג איך!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר (שפארט זיך אָן מיט די ארעמס אויפ'ן גאָרטען־צוים): איך בין געקומען מיט דעם ענגלישען דאמפער.

ע ל י ד א (קוקט צוריקגעצויגען אויף איהם): וואָס ווילט איהר פון מיר?

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: איך האָב דאָך דיר פערשפראָכען צוריקצוקומען, אזוי שנעל ווי איך וועל קענען —

ע ל י ד א: פאָהרט אוועק! פאָהרט צוריק אוועק! קומט ניט מעהר — קיינמאָל ניט! איך האָב דאָך אייך געשריבען, אז אלעס צווישען אונז מוז נעהמען אן ענד! אלעס, אלעס! איהר ווייסט דאָס דאָך!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר (ניט געריהרט, ניט ענטפערענדיג אויף דעם): איך וואָלט גערן געקומען צו דיר פריהער. איך האָב אָבער ניט געקענט. ענדליך האָב איך איצט געקענט, און אָט בין איך, עלידא.

ע ל י ד א: וואָס פאָרט ווילט איהר פון מיר האָבען? וואָס טראכט איהר זיך? נאָך וואָס זייט איהר געקומען?

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: דו קענסט עס דאָך פערשטעהן, אז איך בין געקומען דיך אוועקצונעהמען.

ע ל י ד א (טרעט מיט שרעק צוריק): מיך אוועקצונעהמען! אָט דאָס ווילט איהר?

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: יא, פערשטעהט זיך.

ע ל י ד א: איהר ווייסט דאָך אָבער מסתמא, אז איך בין פערהייראטעט!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: יא, דאָס ווייס איך.

ע ל י ד א: און טראָץ דעם —! טראָץ דעם קומט איהר, כדי — כדי — מיך אוועקצונעהמען!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: אָט דאָס וויל איך גאנץ געוויס.

ע ל י ד א (כאַפּט זיך אָן מיט ביידע הענד פאר'ן קאָפּ): אָה, דאָס שרעקליכע —! אה, דאָס גרוילזאמע, גרוילזאמע —!

דער פרעמדער: ווילסט אפשר ניט?

עללידא (אויסער זיך): קוקט אויף מיר ניט אזוי!

דער פרעמדער: איך פרעג, צי דו ווילסט ניט?

עללידא: ניין, ניין, ניין! איך וויל ניט! אין מיין גאנ־צען לעבען ניט! איך וויל ניט, זאג איך! איך קאן ניט און וויל ניט! (שטילערהייד) איך טאר אויך ניט.

דער פרעמדער (קריכט אריבער דעם צוים און קומט אריין אין גארטען): נו, אויב אזוי, עללידא — לאז מיך דיר נור איין זאך זאגען, איידער איך געה אוועק.

עללידא (וויל אנטלויפען, קען אבער ניט. זי שטעהט ווי געלעהמט פון שרעק און שפארט זיך אן אויף א בוים ביים טייך): ריהרט מיך ניט אן, זאג איך!

דער פרעמדער (פארזיכטיג, א פאר טריט נעהענטער): דו דארפסט זיך פאר מיר אזוי ניט שרעקען, עללידא.

עללידא (פערדעקט די אויגען מיט די הענד): קוקט אזוי ניט אויף מיר!

דער פרעמדער: נור ניט געשראקען זיך, ניט געשרא־קען זיך.

וואנגעל קומט דורכ'ן גארטען פון לינקס.

וואנגעל (נאך פון ווייטען צווישען די בוימער): נא, דו האסט טאקע גאנץ לאנג אויף מיר געווארט.

עללידא (לויפט איהם אנטקעגען, קלאמערט זיך שטארק אן זיין ארעם און שרייט אויס): אך, וואנגעל — ראטעווע מיך! רא־טעווע מיך — אויב דו קאנסט!

וואנגעל: עללידא — אום גאטעס ווילען, וואס איז — ?

עללידא: ראטעווע מיך, וואנגעל! זעהסט איהם דען ניט? אט שטעהט ער דאך פון הינטען!

וואנגעל (קוקט אהינצו): דער מאן דא? (טרעט צו נע־הענטער) מעג איך פרעגען — ווער זיינט איהר? און וואס האט איהר דא צו זוכען אין גארטען?

ד ע ר   פ ר ע מ ד ע ר (ציינט אָן אויף עללידא מיט אַ בויג פון קאָפּ): איך האָב עפּעס צו רעדען מיט אָט דער פרוי, אָט דאָ.

וו א נ ג ע ל: אַך, אזוי. דאן זיינט איהר מסתמא געוועזען, וועלכער — ? (צו עללידא:) איך הער אז אויפ'ן הויף איז געווען א פרעמדער וואָס האָט געפרעגט אויף דיר.

ד ע ר   פ ר ע מ ד ע ר: יא, דאָס בין איך געווען.

וו א נ ג ע ל: און וואָס ווילט איהר פון מיין פרוי? (דרעהט זיך אום) קאָנסטו דעם מאן, עללידא?

ע ל ל י ד א (אין דער שטיל, ברעכט די הענד): אויב איך קאָן איהם! יא, יא, יא!

וו א נ ג ע ל (שנעל): נו — ?

ע ל ל י ד א: אַך, וואנגעל! דאָס איז ער. דאָס איז ער אליין. דו ווייסט דאָך —

וו א נ ג ע ל: וואָס? וואָס זאָגסטו דאָ? (דרעהט זיך אום) זייט איהר דער דזשאהנסטאן, וואָס האָט אמאָל — ?

ד ע ר   פ ר ע מ ד ע ר: נו, איהר קענט מיך אנרופען דזשאהנסטאן. פון מיינעטוועגען. איבעריגענס, הייס איך ניט אזוי.

וו א נ ג ע ל: ניט?

ד ע ר   פ ר ע מ ד ע ר: ניט מעהר, ניין.

וו א נ ג ע ל: און וואָס ווילט איהר אייגענטליך פון מיין פרוי? עס איז דאָך אייך גוט בעקאנט, אז די טאָכטער פון דעם לייכט-טורעם היטער איז שוין לאנג פערהייראטעט. און מיט וועמען זי איז פערהייראטעט מוזט איהר אויך וויסען.

ד ע ר   פ ר ע מ ד ע ר: דאָס ווייס איך שוין עפּעס לענגער ווי דריי יאָהר.

ע ל ל י ד א (געשפּאַנט): ווי אזוי האָט איהר זיך דער־וואוסט?

ד ע ר   פ ר ע מ ד ע ר: איך בין געפאָהרען אהיים צו דיר, איז מיר אריינגעפאלען אין האנד אן אלטע צייטונג. עס איז געווען

א בלאט פון אַט דעם געגענד. און דאָרט איז געשטאַנען דער פאקט פון דער פער׳קנס׳ונג.

עללידא (קוקט גלייך פאַר זיך): פון דער פער׳קנס׳ונג—. אלזאָ, דאָס איז עס געווען —

דער פרעמדער: עס האָט מיך אזוי מאָדנע געטראָפען. ווארים די מעשה מיט די רינגען — דאָס איז דאָך אויך געווען א פער׳קנס׳ונג, עללידא.

עללידא (בעהאלט דאָס געזיכט אין די הענד): אָ — !

וואנגעל: ווי קענט איהר זיך דערוועגען — !

דער פרעמדער: האָסטו דאָס פערגעסען ?

עללידא (פיהלט זיין בליק, שרייט): קוקט אויף מיר ניט אזוי !

וואנגעל (שטעלט זיך איהם אַנטקעגען): איהר קענט זיך ווענדען צו מיר און ניט צו איהר. אלזאָ, קורץ און גוט — איצט אז איהר ווייסט די פערהעלטניסען, איז וואס האָט איהר דאָ נאָך צו זוכען ? ווארום קומט איהר אהער צו בעלעסטיגען מיין פרוי ?

דער פרעמדער: איך האָב עללידא׳ן פערשפּראָכען צו קומען צו איהר אזוי שנעל ווי איך וועל קענען.

וואנגעל: עללידא — ! שוין ווידער !

דער פרעמדער: און עללידא האָט מיר גאנץ פעסט פערשפּראָכען צו וואַרטען אויף מיר ביז איך וועל קומען.

וואנגעל: איך הער, אז איהר רופט מיין פרוי ביי איהר ערשטען נאָמען. אזא סאָרט פאמיליאַריטעט איז ביי אונז ניט דער שטייגער צו געברויכען.

דער פרעמדער: איך ווייס עס וואויל. אבער אזוי ווי זי געהערט מיר פריהער פאר אלעמען —

וואנגעל: אייך ? נאָך אלץ — !

עללידא (בעהאלט זיך הינטער וואנגעל׳ן) אָה, ער לאָזט מיך קיינמאָל ניט אָב !

וואנגעל: אייך ? איהר זאגט, אז זי געהערט אייך ?

דער פרעמדער: האָט זי אייך ניט דערצעהלט וועגען די צוויי רינגען? וועגען מיין רינג און עללידא'ס?

וואַנגעל: יא, געוויס. אבער איז וואס? זי האָט עס דאָך שפּעטער געבראכען. איהר האָט דאָך בעקומען איהרע בריעף. איהר ווייסט עס דאָך אליין.

דער פרעמדער: עללידא און איך האָבען צווישען זיך איינגעשטימט, אז דאס צוזאמענשליסען פון די רינגען זאל האָבען דיזעלביגע גילטיגקייט ווי א פאָרמאלע הייראַט.

עללידא: אבער איך וויל ניט, הערט איהר! אויף מיין גאַנצען לעבען וויל איך פון אייך מעהר ניט וויסען! קוקט ניט אויף מיר! איך וויל ניט, זאג איך!

וואַנגעל: איהר מוזט ניט זיין ביים זינען, מענש, אויב איהר גלויבט, אז איהר קענט בויען אייער רעכט אויפ'ן גרונד פון אזעלכע קינדערייען.

דער פרעמדער: דאס איז אמת. א רעכט — אין דעם זין ווי איהר ווילט עס אויפפאסען — האָב איך גאַנץ געוויס ניט.

וואַנגעל: אבער וואס ווילט איהר דען נאָך? איהר קענט זיך דאָך ניט איינבילדען, אז איהר וועט זי ביי מיר צונעהמען מיט געוואלט — אנטקעגען איהר אייגענעם ווילען?

דער פרעמדער: ניין. וואס פאר א נוצען וואלט דאס געהאט? אויב עללידא וויל מיט מיר געהן, מוז עס געשעהן פריי־וויליג.

עללידא (ציטערט אויף און שרייט אויס): פרייוויליג — !

וואַנגעל: און איהר מיינט טאקע — !

עללידא (צו זיך אליין): פרייוויליג — !

וואַנגעל: איהר מוזט זיין פון זינען געריהרט. געהט זיך אייך אייער וועג! מיר האָבען מעהר גאר ניט מיט אייך צו טהאָן.

דער פרעמדער (קוקט אויף זיין זייגער): באלד איז פאר מיר צייט צו געהן אויפ'ן שיף. (א טריט נעהענטער) נו גוט,

עללידאַ — איך האָב מיין שולד געטאָן. (ווידער נעהענטער) איך האָב געהאַלטען מיין וואָרט, וואס איך האָב דיר געגעבען.

ע ל ל י ד אַ (בעטענדיג זיך, וויכט איהם אויס): אָ, ריהרט מיך ניט אָן!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: איבערלעג זיך דאָס ביז מאָרגען נאכט —

ו ו אַ נ ג ע ל: דאָ איז ניטא וואס צו איבערלעגען זיך. געהט אייך געזונדערהייט!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר (נאָך אלץ צו עללידא׳ן): איצט געה איך מיט׳ן דאמפער ארויף אויפ׳ן פיאָרד. מארגען ביי נאכט קום איך אַלזאָ ווידער. און דאן וועל איך דיך אויפזוכען. דו קענסט ווארטען אויף מיר דאָ אין גארטען. ווארים איך וואלט אם ליעב־סטען אבמאכען די זאך מיט דיר אליין, פערשטעהסטו.

ע ל ל י ד אַ (שטיל און ציטערענדיג): אָ, הערסטו דאָס, וואנ־געל?

ו ו אַ נ ג ע ל: זיי נור רוהיג. מיר וועלען שוין וויסען, ווי צו שטערן דעם בעזוך.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: דערוויל זיי געזונד, עללידא. מאָר־גען ביי נאכט, הייסט עס.

ע ל ל י ד אַ (בעטענדיג זיך): אָך ניין, ניין — קומט ניט! קומט קיינמאָל ניט ווידער!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: און אויב דו ועסט דאן וועלען נאכ־געהן נאָך מיר איבער׳ן ים —

ע ל ל י ד אַ: אָך, קוקט דאָך ניט אזוי אויף מיר!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: איך מיין נור, דאן מוזטו זיין גרייט צו דער רייזע.

ו ו אַ נ ג ע ל: געה אריין אין שטוב, עללידא.

ע ל ל י ד אַ: איך קען ניט. אָך, העלף מיר! ראטעווע מיך, וואנגעל.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: בעדענק זיך גוט אָט ד אָ ס: אויב דו געהסט ניט מארגען מיט מיר, דאן איז אלץ אויס.

ע ל ל י ד א (קוקט איהם אָן מיט ציטערניש): איז אלזאָ אלץ אוים? אויף אייביג?

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר (שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ): דאָן, קען מען עס מעהר ניט ענדערן, עללידא. איך וועל קיינמאָל ניט קומען מעהר אין די לענדער. דו וועסט מיך מעהר קיינמאָל שוין ניט זעהען, און אויך קיינמאָל פון מיר ניט הערען. דאָן בין איך פאר דיר טויט און געשטארבען אויף אייביג.

ע ל ל י ד א (אטהעמט אונרוהיג): אָ — !

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: איבערלעג זיך, אלזאָ, ריכטיג וואס דו טהוסט. זיי געזונד. (געהט און קריכט אריבער דעם צוים, בלייבט שטעהן און זאָגט:) אלזאָ, עללידא, האלט זיך רייזע־פערטיג מאָר־גען ביי נאכט. איך וועל קומען און דיך מיטנעהמען. (ער געהט אוועק לאנגזאם און רוהיג אויפ'ן פוס־וועג רעכטס.)

ע ל ל י ד א (קוקט איהם א ווײַלע נאָך): פ ר י י ו ו י ל י ג האָט ער געזאגט! בעטראכט נור — ער האָט געזאגט איך זאל פ ר י י ו ו י ל י ג מיט איהם געהן.

ו ו א נ ג ע ל: שטארק זיך נור. ער איז דאָך איצט אוועק, און דו וועסט איהם שוין קיינמאָל ניט זעהען.

ע ל ל י ד א: אַך, ווי קענסטו דען דאס זאגען? מארגען קומט ער דאָך ווידער.

ו ו א נ ג ע ל: זאָל ער נור קומען. יעדענפאלס וועט ער דיך ניט מעהר געפינען.

ע ל ל י ד א (שאקעלט מיט'ן קאָפּ): אַך וואנגעל, גלויב נור ניט, אז דו וועסט איהם קענען שטערען.

ו ו א נ ג ע ל: דאָך, מיין ליעבע — פערלאָז זיך נור אויף מיר.

ע ל ל י ד א (פערטראכט, הערט איהם ניט): ווען ער וועט שוין דאָ זיין — מארגען —? און ווען ער וועט שוין זיין אוועקגעפאה־רען מיט'ן דאמפער איבער'ן ים —?

ו ו א נ ג ע ל: יא, איז וואס דען?

ע ל ל י ד א: איך וואלט וועלען וויסען, צי וועט ער דאן שוין מעהר קיינמאָל — קיינמאָל ניט צוריקקומען?

ו ו א נ ג ע ל: נו, ליעבע עללידא — וועגען דעם קענסטו גאנץ זיכער זיין. וואס וועט ער קומען דא ווידער זוכען? איצט האט ער זיך דערוואוסט פון דיין אייגענעם מויל, אז דו ווילסט פון איהם גאר נישט וויסען. דערמיט איז די זאך געענדיגט.

ע ל ל י ד א (צו זיך אליין): מארגען, הייסט עס, אדער קיינמאל ניט.

ו ו א נ ג ע ל: און אפילו אויב עס זאל איהם איינפאלען ווידער צו קומען אהער —

ע ל ל י ד א (געשפאנט): איז וואס דאן — ?

ו ו א נ ג ע ל: דאן האבען מיר דאך די מאכט צו מאכען איהם אונשעדליך.

ע ל ל י ד א: אך, גלויב דאס ניט.

ו ו א נ ג ע ל: מיר האבען אט די מאכט, זאג איך דיר! אויב דו וועסט אויף קיין אנדער אופן ניט קענען האבען קיין רוה פון איהם, דאן וועט ער מוזען ענטפערן פאר די ערמארדונג פון קאפי־טאן.

ע ל ל י ד א (מיט הארץ): ניין, ניין, ניין! נור דאס ניט! מיר וויסען גארנישט פון די ערמארדונג פון קאפיטאן! גאר גארנישט!

ו ו א נ ג ע ל: מיר וויסען ניט?! ער האט דאך דיר אליין מודה געווען!

ע ל ל י ד א: ניין, גארנישט ד ע ר פ ו ן! אויב דו וועסט עפעס זאגען, וועל איך עס אבלייקענען. מען טאר איהם ניט ארע־טירען! זיין ארט איז דרויסען אויפ'ן אפענעם ים. דארטן גע־הערט ער!

ו ו א נ ג ע ל (קוקט זי אן און זאגט לאנגזאם): אה, עללידא — עללידא!

ע ל ל י ד א (קלאמערט זיך אן אן איהם ליידענשאפטליך): אך, דו ליעבער, טרייער — ראטעווע מיך פון אט דעם מענשען!

ו ו א נ ג ע ל (בעפרייט זיך זאכט): קום! קום מיט מיר!

לינגסטראנד און הילדע, ביידע מיט זייערע פישער־געצייג, זעהען זיך ביים טייך רעכטס.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד (געהט צו שנעל צו עללידא'ן): גנעדיגע פרוי, אָה, איך האָב איך צו דערצעהלען עטוואָס וואונדערליכעס!

ו ו א נ ג ע ל: וואס איז דען?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: בעדענקט זיך נור — מיר האָבען גע־זעהן דעם אמעריקאנער!

ו ו א נ ג ע ל: דעם אמעריקאנער?

ה י ל ד ע: יא, איך האָב איהם אויך געזעהן.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: ער איז ארומגעגאנגען אויבען ארום גארטען און דאַן אויפ'ן דעק פון גרויסען ענגלישען דאמפער.

ו ו א נ ג ע ל: פון וואנען קענט איהר דעם מאן?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: איך בין איינמאָל מיט איהם געפאהרען אויפ'ן ים. איך האָב פעסט געגלויבט, אז ער איז דערטרונקען גע־ווארען, און איצט האָב איך איהם געזעהען אַ לעבעדיגען.

ו ו א נ ג ע ל: ווייסט איהר וועגען איהם עטוואס מעהר גע־נויערעס?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: ניין. אבער ער איז זיכער געקומען נקמה צו נעהמען פון אַן אונגעטרייער מאטראזען־פרוי.

ו ו א נ ג ע ל: וואס זאגט איהר?

ה י ל ד ע: לינגסטראנד וויל איהם בענוצען פאר אַ קונסט־ווערק, וואָס ער קלערט צו שאפען.

ו ו א נ ג ע ל: איך פערשטעה א וואָרט ניט —

ע ל ל י ד א: דו ועסט עס שפעטער אויסגעפינען.

אַרנהאָלם און באָלעטע קומען אהער אויפ'ן פוס־וועג פון יענער זייט פון גארטען־צוים לינקס.

ב אָ ל ע ט ע (צו די וואָס שטעהען אין גארטען): קומט אהער און זעהט! דער ענגלישער דאמפער געהט איצט ארויף אויפ'ן פיאָרד.

א גרויסע דאמף־שיף גליטשט זיך לאנגזאם פארביי פון ווייטען.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד (צו הילדע׳ן): היינט ביי נאכט וועט ער געוויס קומען צו איהר.

ה י ל ד ע (שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ): צו דער געטריי־לאָזער מאטראזען־פרוי — יא.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: שטעלט זיך פאָר — פּונקט אום צוועלף ביי נאכט.

ה י ל ד ע: איך גלויב דאס מוז זיין שפּאַנענד.

ע ל ל י ד א (קוקט נאָך די שיף): מארגען, אלזאָ —

ו ו א נ ג ע ל: און דערנאָך מעהר קיינמאָל ניט.

ע ל ל י ד א (שטיל, ציטערענדיג): אָה, וואנגעל — ראטעווע מיך פון זיך אליין!

ו ו א נ ג ע ל (קוקט אויף איהר בעזארגט): עללידא! איך פיהל, אז הינטער דעם שטעקט עפּעס.

ע ל ל י ד א: הינטער דעם איז עטוואס, וואס ציהט און רופט.

ו ו א נ ג ע ל: וואס ציהט און רופט?

ע ל ל י ד א: דער מאַן איז אזוי ווי דער ים.

זי געהט ארויס לאנגזאם און פערטראכט לינקס. וואנגעל געהט רוהיג נעבען איהר און בעטראכט זי פאָרשענדיג.

פיערטער אקט.

א גאָרטען־צימער ביי וואַנגעל. טירען רעכטס און לינקס. אין הינטערגרונד, צווישעןביידע פענסטער, אַן אָפענע גלעזערנע טיר וואס געהט ארויס צו דער וועראַנדע. אונטער איהר דרויסען זעהט זיך א שטיק גארטען. לינקס א סאָפע מיט א טיש. רעכטס, א פּיאַנאָ און הינטען ווייטער א גרויסער בלומען־טיש. אין מיטען צימער א רונדער טיש מיט שטוהלען. אויפ'ן טיש א בליהענדער ראָזען־שטאָק, אומגערינגעלט פון אנדערע טעפּ־פלאַנצען. — עס איז פארמיטאג.

באָלעטע זיצט אויפ'ן סאָפע נעבען טיש לינקס און שטריקט. לינגסטראנד זיצט אויף א שטוהל ביים אויבערשטען ברעג פון טיש. אונטען אין גארטען זיצט באלעסטעד און מאָלט. הילדע שטעהט דערביי און קוקט זיך צו.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד (אנגעשפּארט אויפ'ן טיש זיצט א ווײַלע שווייגענדיג און קוקט זיך צו ווא באָלעטע ארבייט): עס מוז זעהר שווער זיין אויסצונעהען אזא ראַנד, פריילין וואַנגעל.

ב אָ ל ע ט ע: אַך, ניין. דאס איז ניט אזוי שווער. ווען מען פּאַסט נור ריכטיג אויף צעהלענדיג —

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: צעהלענדיג? מוז מען דען צעהלען?

ב אָ ל ע ט ע: יא, די שטעך. קוקט אהער.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: ריכטיג, יא! שטעלט זיך פאַר! דאס איז דאָך כמעט א סאָרט קונסט. קענט איהר אויך צייכענען?

ב אָ ל ע ט ע: אה, יא, ווען איך האָב נור א מוסטער פאר מיר.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: און אזוי ניט?

ב אָ ל ע ט ע: ניין, אזוי ניט.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: דאן איז עס אבער ניט קיין ריכטיגע קונסט.

ב אָ ל ע ט ע: ניין, צום גרעסטען טייל איז עס נישט מעהר ווי — א געשיקטקייט פון האנד.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: איך גלויב אבער, אז איהר וואלט אפשר געקענט ל ע ר נ ע ן קונסט.

ב אָ ל ע ט ע: אפילו ווען איך האָב ניט קיין מיטגעבארענעם טאלאנט?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: דאס מאכט נישט. ווען איהר וואלט שטענדיג זיין צוזאמען מיט א ריכטיגען עכטען קינסטלער —

ב אָ ל ע ט ע: גלויבט איהר, אז איך וואלט פון איהם געקענט לערנען?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: איך מיין ניט, לערנען אזוי אויף א געוועהנליכען אופן. איך גלויב אבער, אז עס וואָלט זיך אייך געגעבען ביסלעכווייז — דורך א מין וואונדער, פריילין וואנגעל.

ב אָ ל ע ט ע: דאס איז א זאנדערבארער געדאנק.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד (נאָך א קליינער פויזע): האָט איהר אמאָל נאָכגעדענקט — ? איך מיין — צי איהר האָט אמאָל נאָכגעדענקט גרינדליך און ערנסט וועגען הייראט, פריילין?

ב אָ ל ע ט ע (קוקט אויף איהם שנעל): וועגען — ? ניין.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: אבער איך האָב נאכגעדענקט.

ב אָ ל ע ט ע: אזוי? איהר האָט געדענקט?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יאָ. איך דענק זעהר אפט נאָך וועגען אזוינע זאכען, און ספּעציעל וועגען הייראט. אויסערדעם האָב איך פערשיעדענע ביכער געלעזען איבער דעם ענין. איך גלויב, אז די הייראט מוז מען בעטראכטען ווי א מין וואונדער — וואס די פרוי פערוואנדעלט זיך ביסלעכווייז און ווערט עהנליך צו איהר מאַן.

ב אָ ל ע ט ע: איהר מיינט, זי טיילט זיינע אינטערעסען?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יאָ, טאקע דאָס מיין איך!

ב אָ ל ע ט ע: נו, און זיינע טאלאנטען? זיינע מיטגעבארענע פעהיגקייטען און קענשאפטען?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: הם, יאָ — איך קלער מיר צי דאָס אַלעס ווערט אויך —

ב אָ ל ע ט ע: אפשר גלויבט איהר אויך, אַז וואָס אַ מאַן לערנט זיך אויס דורך ביכער — אָדער דורך זיין אייגענעם דענ־קען — אַז דאָס קען אויך אַריבערגעהן אויף זיין פרוי?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: דאָס אויך, געוויס. מיט דער צייט. ווי דורך אַ וואונדער. אָבער איך ווייס, נאַטירליך, אַז אַזעלכעס קען נור פּאַרקומען אין אַ הייראַט, וועלכע איז אַ געטרייע, פול מיט ליעבע און אין אמת גליקליכע.

ב א ל ע ט ע: איז איך קיינמאָל ניט געקומען אויפ'ן גע־דאַנק, אַז אַ מאַן קען אפשר אויך אַריבערגעצויגען ווערען צו זיין פרוי און איינוואַקסען זיך מיט איהר? ווערען ענליך צו איהר, מיין איך.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: אַ מאַן? ניין. דער געדאַנק איז מיר קיינמאָל ניט אַרויפגעקומען.

ב אָ ל ע ט ע: אָבער פאַר וואָס קען איין זאַך ניט טרעפען, אַזוי גוט ווי די אַנדערע?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: ווייל אַ מאַן האָט דאָך אַ ב ע ר ו ף, פאַר וועלכען ער לעבט. אט ד אָ ס, פרייליין וואַנגעל, מאַכט אַ מאַן אַזוי שטאַרק און פעסט. אַ מאַן האָט אַ לעבענס־בערוף.

ב אָ ל ע ט ע: יעדערער אָהן אויסנאַהמע?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: אָ ניין. איך דענק דערהויפּט נור פון קינסטלער.

ב אָ ל ע ט ע: מיינט איהר, אַז אַ קינסטלער טהוט רעכט ווען ער הייראַטעט?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: אודאי מיין איך דאָס. ווען ער קען נור געפינען איינע, וועמען ער האָט פון גאַנצען האַרצען ליעב, דאַן —

ב אָ ל ע ט ע: און דאָך, איך דענק, אַז ער דאַרף בעסער לע־בען נור פאַר זיין קונסט אַליין.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: דאָס געוויס. אָבער ער קען עס גאַנץ גוט טהאָן אפילו ווען ער איז פערהייראַטעט.

באָלעטע: יא, אבער זי?

לינגסטראנד: זי? וואס הייסט —?

באָלעטע: די פרוי, וועלכע ער הייראטעט? פאר וואס דארף זי לעבען?

לינגסטראנד: זי דארף אויך לעבען פאר זיין קונסט. איך געפין, אז א פרוי מוז זיך דערביי פיהלען גליקליך פון גאנצען הארצען.

באָלעטע: ה'ם — איך בין ניט אזוי זיכער.

לינגסטראנד: יא, פרייליין, איהר קענט דאס גלויבען. עס איז ניט נור דער כבוד און דאס אָנזעהען, וואס זי געניסט דורך איהם; דאס, רעכען איך, איז די קלענסטע זאך. פיעל מעהר ווערטה איז דאָס, וואס זי קען איהם בעהילפיג זיין ביים שאפען — וואס זי קען איהם פערלייכטערן זיין ארבייט, דערמיט וואס זי איז שטענדיג ביי זיין זייט, פאסט איהם אויף און מאכט איהם דאס לעבען זיס. דאס, מיין איך, מוז זיין די גרעסטע פרייד פאר א פרוי.

באָלעטע: אָך, איהר ווייסט אליין ניט ווי עגאָאיסטיש איהר זייט!

לינגסטראנד: איך עגאָאיסטיש! דו ליעבער גאָט —! אך, ווען איהר וואלט מיך א ביסעל בעסער געקענט איידער — (בויגט זיך צו נעהענטער צו איהר) פרייליין וואנגעל — ווען איך וועל שוין מעהר ניט זיין — און דאס וועט דאך ניט לאנג דויערן —

באָלעטע (קוקט אויף איהם סימפאטיש): איהר פאנגט שוין ווידער אָן? נעהמט זיך ניט אריין אזעלכע טרויעריגע געדאנקען אין קאָפּ.

לינגסטראנד: איך געפין, אז אין גרונד איז עס דאך גאָר ניט אזוי טרויעריג.

באָלעטע: ווי מיינט איהר דאָס?

לינגסטראנד: איך פאהר דאָך אוועק אין א מאָנאט ארום. צוערשט א היים, און דערנאָך אין די דרום-לענדער.

באָלעטע: אָך אזוי. נו געווים.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: ווען איהר דענסטמאל ווען עס איז דענקען וועגען מיר, פריילין?

ב אָ ל ע ט ע: יא, דאָס וועל איך גערן טהאָן.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: (פרעהליך): דאס מוזט איהר מיר פערשפּרעכען!

ב אָ ל ע ט ע: יא, דאס פערשפּרעך איך.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: הייליג, פריילין באָלעטע?

ב אָ ל ע ט ע: הייליג. (בייט איבער דעם טאָן) אבער וואס פאר א צוועק האָט דאָס אייגענטליך? עס וועט קיינמאָל דערפון גארנישט ניט ארויסקומען.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: ווי קענט איהר דאס גאר זאגען? פאר מיר וועט עס זיין אזא פרייד ווען איך וויים, אז איהר דאָ צו הויז געהט ארום און דענקט וועגען מיר.

ב אָ ל ע ט ע: נו, און וואס וועט זיין ווייטער?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: וואס? — ווייטער וויים איך אייגענטליך ניט —

ב אָ ל ע ט ע: איך אויך ניט. אזויפיעל זאכען שטעהען אין וועג. א ל ץ, דוכט זיך מיר, שטעהט אין וועג.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: עס קען דאך טרעפען עפּעס א וואונדער. א גליקליכע ווענדונג פון מזל — אדער אזוי עפּעס. ווארים איך גלויב ווירקליך, אז איך האָב מזל.

ב אָ ל ע ט ע (מונטער): יא, אמת! איהר גלויבט דאך דעריין!

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יא, איך גלויב אין דעם פעסט און זיכער. און דאן, אין עטליכע יאהר ארום, ווען איך וועל קומען צוריק אלס בעריהמטער סקולפּטאָר, אין די בעסטע אומשטענדען און פאלקאם געזונד —

ב אָ ל ע ט ע: יא, יא, געווים. לאמיר האָפען.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: איהר קענט שוין זיכער זיין. אויב איהר וועט נור געטריי און ווארעם דענקען וועגען מיר ,בעת איך וועל

זיין אין די דרום-לענדער. און אויף דעם האָב איך דאך איצט אייער וואָרט.

באָלעטע: איהר האָט מיין וואָרט. (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) אבער עס וועט געווים דערפון גארנישט ניט ארויסקומען.

לינגסטראנד: דאך, פריילין באָלעטע—און ווען אפילו עס זאָל נור דאָס ארויסקומען, וואָס איך וועל לייכטער און שנעלער קענען ארבייטען אויף מיין ווערק.

באָלעטע: איהר דענקט אזוי?

לינגסטראנד: יא, איך פיהל דאס אין מיר. און דאַן, מיין איך, אז פאר אייך וועט דאָס אויך זיין א דערקוויקונג — אָט דאָ אין דעם פערוואָרפענעם ווינקעל — צו האָבען דאָס בעוואוסטזיין אז איהר זייט מיר אזוי צו זאגען בעהילפיג געווען אין מיין שאפען.

באָלעטע (קוקט איהם אָן): נו, און איהר פון אייער זייט?

לינגסטראנד: איך — ?

באָלעטע (קוקט ארויס אין גארטען): שטיל! לאָמיר רעדען פון עפּעס אנדערס. דאָ קומט הערר ארנהאָלם.

ארנהאָלם זעהט זיך קומענדיג לינקס אין גארטען. ער שטעלט זיך אב און רעדט מיט באלעסטעד און הילדא.

לינגסטראנד: האָט איהר גערן אייער אלטען לעה־רער, פריילין באָלעטע?

באָלעטע: צי איך האָב איהם גערן?

לינגסטראנד: יא, איך מיין, צי איהר האָט איהם ליעב?

באָלעטע: אָ, געווים. ער איז א גרויסער פריינד און א גוטער ראטהגעבער. און ער איז אימער גרייט צו טהאן א טובה ווען ער קען נור.

לינגסטראנד: אבער איז עס ניט מערקווירדיג, וואס ער האָט ניט געהייראטעט?

באָלעטע: דאס דענקט איהר איז אזוי מערקווירדיג?

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: יא, דען ער איז דאָך געווים א וואהל־האָבענדער מענש.

ב אָ ל ע ט ע: איך רעכען אז ער איז. אבער עס איז איהם געווים ניט געוועז אזוי לייכט צו געפינען איינע, וואס זאל איהם וועלען, דענק איך.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: פאר וואס עפּעס?

ב אָ ל ע ט ע: ווייל ער איז געוועז דער לעהרער פון כמעט אלע יונגע מיידלעך, וועלכע ער קען. ער זאָגט עס אליין.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: נו, איז דעריבער וואס?

ב אָ ל ע ט ע: מיין גאָט, מען קען דאך ניט הייראטען איי־נעם, וואס איז געוועזן אונזער לעהרער!

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: גלויבט איהר ניט, אז א מיידעל קען ליעבען איהר לעהרער?

ב אָ ל ע ט ע: ווען זי ווערט א דערוואקסענע — ניין.

ל י נ ג ס ט ר א נ ד: ניין — א מאָדנע זאך!

ב אָ ל ע ט ע (וואָרענט איהם): שא, שטיל!

באלעסטעד האָט דערווייילע צוזאמענגעפּאקט זיינע זאכען און טראָגט זיי ארויס פון גאָרטען רעכטס. הילדע העלפט איהם: אַרנהאָלם געהט ארויף אויף דער ווערטאנדע און קומט אריין אין שטוב.

א ר נ ה אָ ל ם: גוט מארגען, מיין ליעבע באָלעטע. גוט מארגען הערר — הערר — ה'ם! (ער קוקט אונצופריעדען, פער־נייגט זיך קאלט צו לינגסטראנד, וועלכער שטעהט אויף און פערבויגט זיך.)

ב אָ ל ע ט ע (שטעהט אויף און געהט צו צו אַרנהאָלם) גוט מאר־גען, הערר פּראָפעסאָר!

א ר נ ה אָ ל ם: וואס הערט זיך עפּעס היינט?

ב אָ ל ע ט ע: א דאנק. גאנץ גוט.

א ר נ ה אָ ל ם: איז אייער שטיעפמוטער היינט אויך זיך געגאנגען באדען?

ב אָ ל ע ט ע: ניין, זי איז אויבען אין איהר צימער.

א ר נ ה אָ ל ם: עפּעס ניט מיט אלעמען?

באַלעטע: איך ווייס ניט. זי האָט זיך פערשלאָסען ביי זיך.

ארנהאָלם: ה׳ם — אזוי?

לינגסטראנד: פרוי וואנגעל איז געסטערן זעהר אויפגערודערט געווארען וועגען דעם אמעריקאנער.

ארנהאָלם: וואס ווייסט איהר וועגען דעם?

לינגסטראנד: איך האָב איהר דערצעהלט, אז איך האָב איהם געזעהען א לעבעדיגען ארומגעהענדיג הינטערן גארטען.

ארנהאָלם: אַך, אזוי.

באַלעטע: (צו ארנהאָלם): איהר און דער פאפא זיינען זעהר שפעט געזעסען די פאריגע נאכט?

ארנהאָלם: יא, שפעטליך. מיר האָבען גערעדט וועגען גאנץ ערנסטע זאכען.

באַלעטע: האָט איהר אפשר אויך גערעדט מיט איהם אביסעל וועגען מיר און מיינע אנגעלעגענהייטען?

ארנהאָלם: ניין, ליעבע באַלעטע. עס איז מיר ניט אויסגעקומען דערפון צו רעדען, ווארים ער איז געווען פערטראגען מיט אנדערע זאכען.

באַלעטע (זיפצט) אַך, יא — ער איז אלעמאָל אזוי.

ארנהאָלם (קוקט אויף איהר בעדייטונגספול): אבער מיר וועלען שפעטער ביידע נאָך רעדען אביסעל טיעפער וועגען דעם. — וואו איז איצט אייער פאטער? איז ער ניט צו הויז?

באַלעטע: ער איז געווים אונטען אין קאבינעט. איך וועל געהן איהם גלייך רופען.

ארנהאָלם: ניין, איך דאנק. טהוט דאס ניט. איך וועל ליעבערשט ארונטערגעהן צו איהם.

באַלעטע (האָרכט צו לינקס): ווארט א ווייל‍ע, הערר פראפעסאר. איך גלויב אז פאפא קומט אויף די טרעפ. יא, ער האָט געמוזט זיין אויבען ביי איהר.

וואַנגעל קומט אריין דורך די טיר לינקס.

וואנגעל (דערלאנגט ארנהאָלם די האנד): אט אזוי, ליע־

בער פריינד — איהר זייט שוין דא? עס איז שעהן פון אייך, וואס איהר זייט אזוי צייטליך געקומען. איך וואלט נאך וועלען מיט אייך רעדען.

באלעטע (צו לינגסטראנד): מיר וועלען אפשר אויף א מינוט ארונטערגעהן אין גארטען צו הילדע'ן?

לינגסטראנד: מיט'ן גרעסטען פערגעניגען, פרייליין.

ער און באלעטע געהען ארונטער אין גארטען, צווישען די בוימער אין הינטערגרונד.

ארנהאלם (וועלכער האט די גאנצע צייט געקוקט אויף זיי, ווענדעט זיך צו וואנגעל): קענט איהר דעם יונגען מאן אביסעל נעהענטער?

וואנגעל: ניין, איך קען איהם גארניט.

ארנהאלם: האלט איהר עס פאר רעכט, ער זאל ארומגעהן מיט די מיידלעך אזוי פיעל?

וואנגעל: געהט ער ארום מיט זיי? איך האב עס גאר נישט בעמערקט.

ארנהאלם: איך מיין, אז איהר האט געדארפט אויף אזעלכע זאכען א ביסעל מעהר אכטונג געבען.

וואנגעל: יא, איהר זייט גאנץ גערעכט. אבער, ליעבער גאט, וואס זאל איך ארימער מענש טהאן? די קינדער האבען זיך שוין צוגעוועהנט צו זיין זייערע אייגענע בעלי־בתים. זיי לאזען זיך קיין זאך ניט זאגען, ניט פון מיר, ניט פון עללידא'ן.

ארנהאלם: פון איהר אויך ניט?

וואנגעל: ניין. און אין גרונד גענומען קען איך דאך גאר ניט פערלאנגען פון איהר, זי זאל זיך אריינמישען אין אזעלכע זאכען. דאס איז ניט פאר איהר אן עסק. (האקט זיך אב) אבער ניט וועגען דעם האבען מיר געוואלט רעדען. נו, זאגט־זשע מיר, האט איהר נאכגעדענקט וועגען דער זאך? וועגען אלץ וואס איך האב אייך דערצעהלט?

ארנהאלם: איך האב ניט געטראכט וועגען קיין אנדער זאך, זינט איך האב אייך פערלאזען די פאריגע נאכט.

ו י א נ ג ע ל: איז וואס דענקט איהר, אלזא, קען מען דא טהאָן?

א ר נ ה אָ ל ם: ליעבער דאקטאר, איך מיין אז איהר אלס ארצט דארפט עס בעסער וויסען איידער איך.

ו ו א נ ג ע ל: אַך, ווען איהר וואלט וויסען, ווי שווער עס איז פאר אן ארצט צו געפינען א ריכטיגען אורטייל איבער א קראנקען, וועלכער שטעהט צו איהם אזוי נאָהענט! און דאס איז דאָך אויך ניט קיין געוועהנליכע קראנקהייט. דאָ קען ניט העלפען קיין געוועהנליכער ארצט — און ניט קיינע געוועהנליכע מיטלען.

א ר נ ה אָ ל ם: ווי פיהלט זי זיך היינט?

ו ו א נ ג ע ל: איך בין אקאָרשט איצט געווען ביי איהר, און זי איז מיר פארגעקומען גאנץ רוהיג. אבער הינטער אלע שטימונגען איהרע ליעגט עטוואס פערבאָרגען, וועגען וואס איך קען גאר־נישט קלוג ווערען. און אויסער דעם איז זי אזוי ניט בעשטענדיג — אזוי ניט צום בערעכענען — אזוי מיט איין מאָל פערענדערליך.

א ר נ ה אָ ל ם: דאס איז געווים א פאָלגע פון איהר קריינקליכען געמיטה־צושטאנד.

ו ו א נ ג ע ל: ניט גאר אין גאנצען. אין לעצטען גרונד איז דאס ביי איהר א מיטגעבארענע זאך. עללידא געהערט צום ים־פאָלק. דאס איז די זאך.

א ר נ ה אָ ל ם: ווי מיינט איהר דאס אייגענטליך, ליעבער דאקטאר?

ו ו א נ ג ע ל: האָט איהר ניט בעמערקט, אז די מענשען דארטען ביים אָפענעם ים זיינען אין א געוויסען זין א פאָלק פאר זיך? עס קומט כמעט אוים ווי זיי וואלטען דורכגעלעבט דעם ים'ס אייגענעם לעבען. כוואליעס שלאָגען — און ס'איז אויך דא אן עבבע און א פלוט — אין זייער דענקען, אזוי גוט ווי אין זייערע געפיהלען. און זיי לאָזען זיך קיינמאָל ניט איבערפלאנצען. אַך, איך האָב דאס געזאלט פריהער בעדענקען. עס איז איינפאך געווען א זינד געגען עללידא'ן צו נעהמען און ברייננגען זי אהער.

אַ ר נ ה אָ ל ם: זיינט איהר איצט געקומען צו אַט אזא מיי־נונג?

ו ו אַ נ ג ע ל: יא, איך דענק אזוי אַלץ מעהר און מעהר. אבער איך האָב דאס געדארפט פריהער וויסען. אַך, אין אמת'ן האָב איך עס טאקי געוואוסט, נאר איך האָב עס ניט געוואָלט צו־געבען. איך האָב איהר אזוי שטארק געליעבט, פערשטעהט איהר. דעריבער האָב איך די ערשטע זאַך געדענקט וועגען זיך. אזוי אונ־פעראנטווארטליך עגאָאיסטיש בין איך דאמאָלסט געווען.

אַ ר נ ה אָ ל ם: ה'ם — יעדער מאן איז זיכער א ביסעל עגאָ־איסטיש אונטער אזעלכע אומשטענדען. אבער ביי אייך האָב איך אַט דעם פעהלער קיינמאָל ניט בעמערקט, דאקטאר.

ו ו אַ נ ג ע ל (שפּאַצירט אונרוהיג ארום אין צימער): אָט זעהט איהר דאָך! און איך בין עס געווען דערנאָך אויך. איך בין דאך אזויפיעל עלטער פאַר איהר. איך האָב צו איהר געדארפט זיין א פאטער, אַ פיהרער. איך האָב געדארפט זעהען וויפיעל מעג־ליך צו ענטוויקלען און אויפקלערען איהר געדאנקען־לעבען. לײדער האָב איך דאָס אַלעס ניט אָנגעהויבען צו טהאָן. איך האָב ניט גע־האַט די ריכטיגע ענערגיע דערצו, פערשטעהט איהר. אין אמת'ן האָב איך גאָר בעסער זי געוואָלט האָבען אזעלכע ווי זי איז געווען. זי האָט אבער אנגעהויבען צו ווערען אַלץ ערגער און ערגער, און איך בין דאָ ארומגעגאנגען און ניט געוואוסט וואס צו טהאָן. (שטילער) דעריבער האָב איך אין מיין נויט צו אייך געשריעבען און אייך גע־בעטען אהער צו קומען.

אַ ר נ ה אָ ל ם (קוקט איהם אָן פערוואונדערט): וואָס הייסט? דעריבער האָט איהר צו מיר געשריבען?

ו ו אַ נ ג ע ל: יא, אבער זעהט, אז זי זאָל דאס ניט מערקען.

אַ ר נ ה אָ ל ם: אבער אום הימעל'ס ווילען, ליעבער דאָק־טאר — וואס פאַר אַ הילף האָט איהר דען געקענט דערוואַרטען פון מיר? דאס פערשטעה איך ניט.

ו ו אַ נ ג ע ל: נו, וואס איז דא ניטא צו פערשטעהן? איך האָב פשוט א טעות געהאט. איך האָב געמיינט, אז עללידא האָט

איך אמאָל ליעב געהאַט, און אז זי האָט טיעף אין הארצען נאָך איצט אויך אַ געפיהל פאר אייך. האָב איך גערעכענט, אז עס וועט איהר טהאָן גוטס זיך צו זעהען מיט אייך און זיך דורכרעדען אביסעל וועגען דער היים און די אלטע צייטען.

ארנהאָלם: הייסט עס, אז איהר האָט געמיינט אייער פרוי, ווען איהר האָט געשריעבען אז דאָ איז פאראן אימיצער, וועלכער ווארט אויף מיר און בענקט אפשר אויך נאָך מיר!

וואנגעל: יא, וועמען דען האָב איך געקענט מיינען?

ארנהאָלם (שנעל): יא, יא, איהר האָט רעכט. — נאָר איך האָב עס ניט פערשטאנען.

וואנגעל: זעהר נאטירליך, ווי געזאגט; דען איך בין דאך געווען אויף אַ פאלשען סליאַד.

ארנהאָלם: און איהר קענט נאָך אויף זיך זאגען, אז איהר זייט עגאָאיסטיש!

וואנגעל: אך, איך האָב דאך געהאַט אבצוצאָהלען אזא גרויסען חוב. איך האָב געמיינט אז איך טאָר ניט פערפעהלען קיין איין מיטעל, וואס וואָלט אפשר קענען גרינגער מאכען איהר געמיטה.

ארנהאָלם: ווי ערקלערט איהר זיך אייגענטליך די מאכט, וואס אָט דער פרעמדער האָט אויף אייער פרוי?

וואנגעל: ה'ם, ליעבער פריינד — אין דער זאך זיינען פאראן פונקטען, וועלכע לאָזען זיך ניט ערקלערן.

ארנהאָלם: איהר מיינט אז עס שטעקט אין דעם עפּעס, וואס איז אַן און פאר זיך ניט ערקלערליך? וואס איז אינגאנצען אונערקלערליך?

וואנגעל: ווענינגסטענס פארלויפיג איז עס אונערקלערליך.

ארנהאָלם: גלויבט איהר דען אין אזוינע זאכען?

וואנגעל: איך גלויב ניט. פשוט איך ווייס ניט. דעריבער גיב איך ניט אָב קיין אורטייל.

אַרנהאָלם: זאָגט מיר אָבער נור איינס: אַט די זאַנ־דערבאַרע, שווידערהאַפטע בעהויפּטונג, אַז דעם קינד'ס אויגען — ?

וואַנגעל ((היציג): די מעשה מיט די אויגען גלויב איך גאָר איינגאַנצען ניט! איך וויל אַזאַ זאַך ניט גלויבען! דאָס מוז זיין אַ ריינע איינבילדונג איהרע, מעהר גאָרנישט.

אַרנהאָלם: האָט איהר זיך צוגעקוקט צו דעם מאַנ'ס אויגען, ווען איהר האָט איהם געסטערן געזעהן?

וואַנגעל: יאָ, געוויס האָב איך זיך צוגעקוקט.

אַרנהאָלם: און איהר האָט קיין עהנליכקייט ניט גע־פונען?

וואַנגעל (אויסווייכענדיג): ה'ם — מיין גאָט, וואָס קען איך אייך ענטפערן? עס איז דאָך שוין געווען פינסטערליך, ווען איך האָב איהם געזעהן. און אויסערדעם האָט עללידא פריהער אַזויפיעל גערעדט וועגען אַט דער עהנליכקייט. — איך וויים ניט צי איך וואָלט גאָר געווען אימשטאַנד איהם צו בעטראַכטען אָהן פאָר־אורטיילען.

אַרנהאָלם: יאָ, יאָ, דאָס קען זיין. נו, אָבער די אַנדער זאַך? וואָס אַט די אַנגסט און אונרוה איז אויף איהר אַנגעקומען אַקוראַט בעת דער דאָזיגער פרעמדער איז, ווי עס שיינט, געווען אויף זיין רייזע אַהער צו?

וואַנגעל: יאָ, זעהט איהר — דאָס איז אויך עטוואָס, אין וואָס זי האָט זיך זינט פאָרגעסטערן געמוזט אריינפאַנטאַזירען און אריינ'חלומ'ען. עס איז גאָר ניט אַנגעקומען אויף איהר אַזוי פּלוצלונג, אַזוי מיט איין מאָל, ווי זי בעהויפּטעט דאָס איצטער. נור זינט זי האָט געהערט פון דעם יונגען לינגסטראַנד, אַז דזשאָהנ־סטאָן אָדער פרימאַן, — אָדער ווי ער הייסט דאָרטען — איז פאַר דריי יאָהרען, אין מערץ, געוועזען אויף דער רייזע אַהיים — גלויבט זי שוין איצטער גאַנץ קלאָר, אַז די אונרוה האָט אַנגעגריפען איהר געמיטה פּונקט דאַמאָלסט אין דעמזעלבען מאָנאַט.

אַרנהאָלם: און אין אמת'ן איז דאָס ניט אַזוי געווען?

וואַנגעל: עס הויבט זיך גאָר ניט אָן! שפּורען און

סמנים פון איהר אונרוהע האָבען זיך בעוויזען א סך פריהער פאַר יענער צייט. — אמת, צופעליגערווייז, פאַר דריי יאָהרען אין מערץ, איז אויך איהר אָנגעקומען א גאַנץ שטאַרקער אויסברוך —

א ר נ ה אָ ל ם: הייסט עס דאָך — !

ו ו א נ ג ע ל: אבער דאס לאָזט זיך ערקלערען גאַנץ איינ־פאַך, צוליב דעם צושטאַנד — די אומשטענדען — אין וועלכע זי האָט זיך דאמאָלסט גראָד געפונען.

א ר נ ה אָ ל ם: הייסט עס, אז מען קען ערקלערען די צייכענס אי אזוי, אי אזוי.

ו ו א נ ג ע ל (ברעכט זיך די הענד): אַך, ניט צו קענען איהר העלפען! זיך גאָר קיין עצה ניט קענען געבען! קיין מיטעל ניט צו האָבען — !

א ר נ ה אָ ל ם: וואס דענקט איהר א שטייגער, ווען איהר זאָלט זיך קענען בעשליסען אוועקצופאָהרען פון דאַנען? אריבער־ציהען אין אנאנדער געגענד? זי זאָל קענען לעבען אין אזוינע פערהעלטניסען וואו זי וועט זיך פיהלען היימישער?

ו ו א נ ג ע ל: אַך, מיין ליעבער — רעכענט איהר אז איך האָב איהר שוין דאס ניט פארגעשלאָגען! איך האָב איהר געמאַכט א פּלאַן מיר זאָלען ארויסציהען קיין שאלדוויקען, אבער זי וויל ניט.

א ר נ ה אָ ל ם: דאס אויך ניט?

ו ו א נ ג ע ל: ניין. זי מיינט אז ס'וועט קיין פּעולה ניט זיין. דעריין אפשר איז זי ניט אומגערעכט.

א ר נ ה אָ ל ם: ה'ם — דענקט איהר אזוי?

ו ו א נ ג ע ל: יאָ; און אויסער דעם, איבערטראַכטענדיג די זאַך גענויער, ווייס איך טאַקע ניט ווי איך וואָלט דאס געקענט דורכפיהרען. איך דענק, אז איך האָב קיין רעכט ניט, צוליעב די מיידלעך, צו פערקלייבען זיך אין אזא פערוואָרפען ווינקעל. ווי די מעשה איז, מוזען זיי דאָך וואוינען אין א פּלאַץ וואו זיי זאָלען האָבען די מעגליכקייט כאָטש ווען עס איז צו הייראַטען.

א ר נ ה אָ ל ם: הייראַטען? זאָרגט איהר שוין אזוי וועגען דעם?

ווַאנגעל: יאָ, געוויס; איך מוז דאָך וועגען דעם אויך דענקען. אבער דאָן, — פון דער אנדער זייט ווידער — דער געדאנק וועגען מיין אָרעמער ליידענדער עללידא — ! אָך, מיין טייערע ארנהאָלם, וואו איך זאָל זיך ניט א קעהר טהאָן — שטעה איך צווישען צוויי פייערן.

ארנהאָלם: וועגען באָלעטע'ן דארפט איהר אפשר גאר ניט אזוי פיעל זאָרגען — (האקט זיך אָב) איך וואָלט נור וועלען וויסען וואו זי איז — וואו זי איז אהין געגאנגען?

ער געהט צו צו דער אפענער טיר און קוקט ארויס.

ווַאנגעל (געהט צו צו דער פּיאַנאָ): אָך, איך וואָלט גערן געבראכט יעדען אָפּפער — פאר זיי אלע דרייען — ווען איך וואָלט נור געוואוסט ווי.

עללידא קומט אריין דורך די טיר לינקס.

עללידא (זאגט שנעל צו וואנגעל): געה היינט אין ערגעץ ניט ארויס!

ווַאנגעל: ניין, געוויס ניט. איך בלייב צו הויז מיט דיר. (צייגט אָן אויף ארנהאָלם, וועלכער קומט צו נעהענטער) ווילסטו זיך גאר ניט גריסען מיט אונזער פריינד?

עללידא (קעהרט זיך אום): אה, איהר זיינט דאָ, הערר ארנהאָלם! (גיט איהם די האַנד) גוט מאָרגען!

ארנהאָלם: א גוטען מאָרגען, מאדאם! נאָ, היינט אָבער האָט איהר זיך ניט געבאָדען, ווי אלעמאָל?

עללידא: ניין, ניין, ניין! דערפון קען גאר היינט קיין רייד ניט זיין. ווילט איהר ניט זיך זעצען א ווייַלע?

ארנהאָלם: ניין, איך דאנק אייך זעהר — ניט איצטער. (קוקט צו וואנגעל'ן צו) איך האָב די מיידלעך פערשפּראָכען ארונטערצוקומען צו זיי אין גארטען.

עללידא: ווייס גאָט וואו זיי זיינען דארט אין גארטען. איך ווייס קיינמאָל ניט וואו זיי געהען דארט ארום.

ווַאנגעל: אָה, יאָ — זיי זיינען אודאי דארטן ביים טייך.

ארנהאָלם: נו, איך רעכען אז איך וועל זיי שוין אויפזור-

בען. (ער פערנייגט זיך און געהט רעכטס איבער דער וועראנדע ארוים אין גארטען.)

עלידא: וויפיעל א זייגער איז עס, וואנגעל?

וואנגעל (קוקט אויף זיין זייגער) עס איז נאך עלף.

עלידא: שוין נאך עלף. און אום עלף — האלב צוועלף היינט אבענד קומט אן דער דאמפער. אך, ווען איך וואלט שוין דאס איבערגעקומען!

וואנגעל (געהט צו צו איהר נעהענטער) ליעבע עלידא — נאך איין זאך וואלט איך דיר געוואלט פרעגען.

עלידא: וואס?

וואנגעל: פארגעסטערן אבענד — דארטן אויבען אויפ'ן „פראספעקט" — האסטו געזאגט, אז פאר די לעצטע דריי יאהר פלעגסטו איהם אפט זעהען א לעבעדיגען פאר די אויגען.

עלידא: יא, איך פלעג איהם זעהען. דו מוזט עס מיר גלויבען.

וואנגעל: נו, איז ווי האסטו איהם געזעהען?

עלידא: ווי איך האב איהם געזעהען?

וואנגעל: איך מיין — ווי האט ער אויסגעזעהען, ווען דיר פלעגט זיך אויסדוכטען אז דו זעהסט איהם?

עלידא: אבער, ליעבער וואנגעל — דו ווייסט דאך שוין איצט אליין, ווי ער זעהט אוים.

וואנגעל: האט ער אזוי אויסגעזעהען אויך אין דיינע פארשטעלונגען?

עלידא: יא, אודאי.

וואנגעל: פונקט אזוי ווי דו האסט איהם געסטערן אבענד געזעהען אין דער ווירקליכקייט?

עלידא: יא, פונקט אזוי.

וואנגעל: איז פאר וואס האסטו איהם גלייך ניט דער־קענט?

עלידא (ציטערט אויף): האב איך איהם דען ניט דער־קענט?

ו ו א נ ג ע ל: ניין. דו האָסט אליין נאכהער געזאגט, אז אין אנהויב האָסטו גאר אינגאנצען ניט געוואוסט ווער דער פרעמדער איז געווען.

ע ל ל י ד א (ווי עס וואָלט געמאַכט אויף איהר אַן איינדרוק): יא, איך גלויב ווירקליך, דו ביזט גערעכט. דענקסטו ניט אז דאָס איז מאָדנע, וואנגעל? בערעכען נור — איך האָב איהם ניט דער־קענט גלייך!

ו ו א נ ג ע ל: נור נאך די אויגען, האָסטו געזאגט —

ע ל ל י ד א: אך יא — די אויגען! די אויגען!

ו ו א נ ג ע ל: אבער דארט אויבען אויפ'ן „פראספעקט" האָסטו געזאגט, אז ער זעהט דיר אלע מאָל אויס אזוי ווי ער איז געוועזן מיט צעהן יאהר צוריק, ווען איהר האָט זיך צושיידט.

ע ל ל י ד א: האָב איך דאס געזאגט?

ו ו א נ ג ע ל: יא.

ע ל ל י ד א: דאן האָט ער מסתמא דאמאָלסט אויסגעזעהן אונגעפעהר אזוי ווי איצטער.

ו ו א נ ג ע ל: ניין, פארגעסטערן, געהענדיג אהיים, האָסטו געגעבען א גאנץ אנדער שילדערונג פון איהם. פאר צעהן יאהרען האָט ער ניט געטראגען קיין באָרד, האָסטו געזאגט. ער איז אויך געגאנגען גאנץ אנדערש געקליידעט. און דאן די האלזטוך־שפּילקע מיט'ן פערל —! דאָס האָט דער מאן געסטערן דאך גאר ניט גע־האט.

ע ל ל י ד א: ניין, ער האָט עס ניט געהאט.

ו ו א נ ג ע ל (קוקט אויף איהר פארשענדיג): טראכט זיך איבער א ביסעל, ליעבע עללידא. אדער — קענסטו אפשר זיך שוין ניט מעהר דערמאָנען, ווי ער האָט אויסגעזעהן, ווען ער איז געשטאַ־נען מיט דיר אין בראטהאמער?

ע ל ל י ד א (נאכדענקענדיג, פערמאכט א ווייילע די אויגען) ניט גאנץ דייטליך. ניין — היינט קען איך זיך גארניט דערמאָנען. איז דאָס ניט מאָדנע?

ו ו א נ ג ע ל: עס איז גאר ניט אזוי מאָדנע. עס האָט זיך

דיר איצטער אנטקעגען געשטעלט א ניי בילד פון דער ווירקליכקייט, און דאס האָט דאס אלטע בילד פערשטעלט אין שאטען, אזוי אז דו קענסט עס שוין מעהר ניט זעהען.

עללידא: דענקסטו אזוי, וואנגעל?

וואנגעל: און עס פערשטעלט אויך דיינע קראנקע פאר־שטעלונגען אין שאָטען. עס איז דעריבער גוט, וואס די ווירקליכ־קייט איז געקומען.

עללידא: גוט! אט דאס רופסטו אָן גוט?

וואנגעל: יא. וואס זי איז געקומען — דאס קען זיין דיין רפואה.

עללידא (זעצט זיך אויפ'ן סאָפע) וואנגעל, — קום און זעץ זיך דא נעבען מיר. איך מוז דיר ארויסזאגען אלע מיינע געדאנקען.

וואנגעל: יא, טהו דאס, ליעבע עללידא. (ער זעצט זיך אויף א שטוהל פון דער אנדער זייט טיש.)

עללידא: אייגענטליך איז עס געווען א גרויס אומגליק פאר אונז ביידען — וואָס גראָד מיר ביידע האָבען געמוזט זיך צו־זאמענקומען.

וואנגעל: (ציטערט אויף) וואָס זאגסטו?!

עללידא: אך, יא. דאס איז עס געווען — און עס איז טאקע גאנץ נאטירליך. דאס אונגליק האָט **געמוזט** קומען — איבערהויפט אז מען בעטראכט, ווי אזוי מיר זיינען זיך צוזאמענ־געקומען!

וואנגעל: וואס האָט דען ניט געטויגט אין דעם אופן ווי אזוי מיר ביידע — ?

עללידא: הער זיך צו, וואנגעל — וואָס נוצט עס נאכ־אנאנד ליגען זאגען זיך אליין און איינער דעם אנדערן?

וואנגעל: טהוען מיר דאס דען? מיר זאגען זיך ליגענס, זאגסטו!

עללידא: יא, דורכאוים. אדער — וועניגסטענס פערבע־האלטען מיר די ווארהייט. וואָרים די ווארהייט — די ריינע, נא־

קעטע ווארהייט — איז דאָך — אז דו ביזט געקומען צו אונז און — און האָסט מיך געקויפט.

וואַנגעל: געקויפט — ! „געקויפט“, זאָגסטו ?

עללידא: אָה, איך בין אויך ניט געווען א האָר בעסער ווי דו. איך האָב צוגעשטימט. בין געגאנגען און זיך פערקויפט צו דיר.

וואַנגעל (קוקט אויף איהר פול מיט שמערץ): עללידא — קענסטו ווירקליך ביי זיך פועל'ן דאס אזוי אָנצורופען ?

עללידא: איז דען דאָ אנאנדער נאָמען דערפאר ? דו האָסט מעהר ניט געקענט אריבערטראגען די פוסטקייט אין דיין הויז. האָסטו זיך ארומגעקוקט צו געפינען א נייע ווייב —

וואַנגעל: און א נייע מוטער פאר די קינדער, עללידא.

עללידא: אפשר דאָס אויך — פערבייגעהענדיג. כאָטש דו האָסט גאר ניט געוואוסט, צי איך וועל זיך טויגען צו זיין א מוטער פאר זיי. דו האָסט דאָך מיך געזעהן, און גערעדט מיט מיר אויבערפלעכליך נור א פּאָר מאָל. דו האָסט געקריגען א לוסט צו מיר און דאן —

וואַנגעל: נו, רוף דאָס אָן ווי דיר געפעלט.

עללידא: און איך פון מיין זייט — . איך בין געווען אזוי הילפלאָז, האָב זיך קיין עצה ניט געקענט געבען, און בין געשטאנען גאנץ אליין. וואָס דען האָב איך געקענט טהאָן ווי צושטימען — ווען דו ביזט געקומען און האָסט זיך אנגעבאטען צו פערזארגען מיך אויפ'ן גאנצען לעבען.

וואַנגעל: פון מיין זייט איז דאס זיכער ניט געווען געמיינט אלס א „פערזארגונג“, ליעבע עללידא. איך האָב דיך עהרליך געפרעגט, צי דו ווילסט זיך טיילען מיט מיר און די קינדער דאס ביסעל, וואס איך האָב געקענט אנרופען מיין אייגענס.

עללידא: יא, דאס האָסטו געטהאָן. אבער איך האָב עס דאָך ניט געדארפט אננעהמען ! אום קיין פּרייז אויף דער וועלט האָב איך עס ניט געטאָרט אננעהמען ! איך האָב זיך ניט געדארפט פערקויפען ! בעסער די געמיינסטע ארבייט — בעסער די נידע־

ריגסטע ארעמקייט — אבער אין פרייוויליגקייט און לויט דעם אייגענעם אויסוואהל!

וואנגעל (שטעהט אויף): די פינף אדער זעקס יאהר, וואס מיר האבען צוזאמען אבגעלעבט, האבען, הייסט עס, פאר דיר גאר קיין ווערטה ניט?

עללידא: אך, גלויב דאס ניט, וואנגעל! מיר איז געווען ביי דיר אזוי גוט, ווי א מענש קען זיך נור ווינשען. אבער איך בין ניט אין פרייוויליגקייט געקומען צו דיר אין הויז. דאס איז די זאך.

וואנגעל (קוקט זי אן): ניט אין — פרייוויליגקייט!

עללידא: ניין. ניט פרייווילי̈ג בין איך געגאנגען צו דיר.

וואנגעל (מיט א געדריקטער שטים): אך — איך דערמאן זיך — דאס ווארט, וואס ער האט געזאגט געסטערן.

עללידא: אין דעם ווארט ליעגט אלעס. דאס האט מיר די אויגען געעפענט און דעריבער זעה איך עס איצטער.

וואנגעל: וואס זעהסטו?

עללידא: איך זעה, אז דאס לעבען, וואס מיר פיהרען ביידע צוזאמען, איז אין גרונד ניט קיין הייראט.

וואנגעל (ביטער): דאס האסטו געזאגט אן אמת. דאס לעבען וואס מיר פיהרען איצטער, דאס איז ניט קיין הייראט.

עללידא: פריהער אויך ניט. פון אנהויב אן ניט. (קוקט שטאר) די ערשטע — אט די האט געקענט ווערען א גאנצע און ריינע הייראט.

וואנגעל: די ערשטע? וועלכע ערשטע מיינסטו?

עללידא: מיינע — מיט איהם.

וואנגעל (קוקט זי אן פערוואונדערט): איך פערשטעה קיין ווארט ניט!

עללידא: אך, ליעבער וואנגעל — לאמיר קיין ליגען ניט זאגען איינער דעם אנדערן. אין זיך אליין אויך ניט.

וואנגעל: נו, יא. אבער וואס ווייטער?

עללידא: יא, דו זעהסט — מיר קענען פון דעם פונקט

ניט אוועקגעהן, אז א פרייוויליגער צוזאג איז אקוראט אזוי בינדענד ווי א פער'קנס'ונג.

וואנגעל: אבער, איז וואס — !

עללידא (הויבט זיך אויף האסטיג): וויליג איין איך זאל דיך פערלאזען, וואנגעל!

וואנגעל: עללידא — ! עללידא — !

עללידא: יא, יא — דו מוזט איינוויליגען! דו קענסט מיר גלויבען, אז אם ענדע וועט דאך קומען דערצו — איינמאל זיי־נען מירביידע אויף אזא אופן זיך צוזאמענגעקומען.

וואנגעל (בעהערשענדיג זיין שמערץ): אזוי וויים, הייסט עס, האט עס געגרייכט צווישען אונז.

עללידא: עס האט געמוזט קומען דערצו. עס האט ניט געקענט אנדערש קומען.

וואנגעל (קוקט אויף איהר מיט א שווערען געמיטה): הייסט עס, אז איך האב דיך אפילו מיט אונזער צוזאמענלעבען אויך ניט געוואונען. דו ביסט קיינמאל ניט — קיינמאל ניט געווען אין גאנצען מיינע.

עללידא: אך, וואנגעל — ווען איך וואלט נור געקענט דיך אזוי ליעב האבען, ווי איך וואלט גערן וועלען! אזוי ריכטיג פון הארצען, ווי דו פערדיענסט! אבער איך פיהל עס — דאס וועט קיינמאל ניט זיין.

וואנגעל: הייסט עס, א שיידונג? וואס דו פערלאנגסט איז א גט — א ריכטיגען, געזעצליכען גט?

עללידא: מיין ליעבער! דו פערשטעהסט מיך אזוי וועניג. די פארמען — דאס האט ביי מיר קיין בעטרעף ניט. דא האנדעלט זיך דאך ניט וועגען די אויסערליכקייטען. איך וויל נור, אז מיר ביידע זאלען פרייוויליג איינשטימען זיך פונאנדערצוגעהן.

וואנגעל (ביטער, שאקעלט לאנגזאם מיט'ן קאפ): מאכען אוים מסחר — יא.

עללידא (היציג): יא, ריכטיג! מאכען אוים מסחר!

וואנגעל: און דאן וואס, עללידא? נאכהער? האסטו

איבערגעקלערט וואס וועט זיין מיט אונזביידען דערנאָך? וואס פאר א פנים דאס לעבען וועט האָבען פאר דיר און פאר מיר?

ע ל י ד א: דאָס איז ניט וויכטיג. זאָל עס האָבען דערנאָך וואס פאר א פנים עס וויל זיך. דאס וואס איך וויל זיך ביי דיר דערבעטען, וואנגעל — דאס איז דאָך דאס וויכטיגסטע! לאָז מיר נור פריי! גיב מיר צוריק מיין פולע פרייהייט!

ו ו א נ ג ע ל: עלידא, — דו שטעלט מיר א שרעקליכע פאָדערונג. גיב מיר דאך וועניגסטענס צייט צו קומען צו א בעשלום. לאמיר דאס גרינדליכער בעשפרעכען. און דו אליין האָסט זיך אויך געדארפט נעהמען מעהר צייט צו איבערלעגען וואס דו טהוסט!

ע ל י ד א: אבער מיר האָבען דאָך קיין צייט ניט צו פערלירען אויף אזוינע זאכען! איך מוז דאך נאָך היינט צוריק האָבען מיין פרייהייט!

ו ו א נ ג ע ל: פאר וואס עפעס היינט?

ע ל י ד א: ער קומט דאָך היינט ביינאכט.

ו ו א נ ג ע ל (ציטערט אויף): קומט! ער! וואס האָט דער פרעמדער מיט דער זאך צו טהאָן?

ע ל י ד א: איך וויל איהם בעגעגענען אלס א פאָלקאָם פרייע.

ו ו א נ ג ע ל: און וואס — וואס דענקסטו דערנאָך צו טהאָן?

ע ל י ד א: איך וויל זיך ניט בענוצען מיט דעם אויסרייד, אז איך בין אנאנדער מאַן'ס פרוי. איך וויל ניט געברויכען דעם אויסרייד, אז איך האָב ניט קיין ברירה. ווארים דאַן וואלט מיין בעשלום קיין בעשלום ניט געוועזען.

ו ו א נ ג ע ל: דו רעדסט וועגען ברירה! די ב ר י ר ה, ע ל י ד א! אין אזא זאך א ברירה!

ע ל י ד א: יא, איך מוז האָבען די ברירה. די ברירה אויסצוקלייבען זיך אזוי אדער אזוי. איך מוז האָבען די מעגליכקייט איהם לאָזען אליין פאהרען, אדער — מיט איהם מיטפאהרען.

װ א נ ג ע ל: װײסטו אַלײן װאָס דו רעדסט? פֿאַהרען מיט איהם! דײן גאַנצען שיקזאַל איבערגעבען אין זײנע הענד!

ע ל ל י ד א: האָב איך דען ניט מײן גאַנצען שיקזאַל איבער־געגעבען אין ד י י נ ע הענד! און אפילו — גאַר ניט איבער־קלערענדיג.

װ א נ ג ע ל: דאָס קען זײן. אָבער ער! ער! א װילד פֿרעמדער! א מענש װעלכען דו קענסט קוים!

ע ל ל י ד א: אבער דיך האָב איך דאָך אפשר נאָך װעניגער געקענט. און פֿונדעסטװעגען בין איך געגאַנגען צו דיר.

װ א נ ג ע ל: דאַמאָלסט האָסטו דאָך װעניגסטענס געװאוסט װאָס פֿאַר א לעבען דו קענסט דערװאַרטען. אבער דאַ? דאָ? אי־בערלעג זיך! װאָס װײסטו דאָ? גאָרנישט װײסטו. ניט א מאָל װער ער איז — װאָס ער איז.

ע ל ל י ד א (קוקט שטאַר פֿאַר זיך): דאָס איז אמת. אבער דאָס איז דאָך דעריבער דאָס שרעקליכע.

װ א נ ג ע ל: ס'איז באמת שרעקליך, יאָ —

ע ל ל י ד א: דערפֿאַר פֿיהל איך, װי איך װאָלט מ ו ז ע ן זיך אַרײנלאָזען אין דעם.

װ א נ ג ע ל (קוקט זי אָן): װײל עס שטעהט דיר פֿאַר די אױגען אַלס עטװאָס שרעקליכעס?

ע ל ל י ד א: יאָ. טאַקע נור דערפֿאַר.

װ א נ ג ע ל (נעהענטער): הער נור צו, עללידא — װאָס פֿערשטעהסטו אײגענטליך אונטער דאָס „שרעקליכע“?

ע ל ל י ד א (דענקט נאָך): דאָס „שרעקליכע“ איז דאָס, װאָס שרעקט אָב און ציהט דאָך.

װ א נ ג ע ל: װאָס צ י ה ט אױך?

ע ל ל י ד א: פֿריהער פֿאַר אַלץ — װאָס ציהט צו, גלױב איך.

װ א נ ג ע ל (לאַנגזאַם): דו ביזט א קרובה פֿון ים.

ע ל ל י ד א: דאָס איז אױך דאָס שרעקליכע.

װ א נ ג ע ל: און דו ביזט א קרובה אױך פֿון דאָס שרעק־ליכע. דו שרעקסט אָב און ציהסט צו.

ע ל י ד א: מיינסטו אזוי, וואנגעל?

וו א נ ג ע ל: איך האב דאך דיך באמת נאך קיינמאל ניט גוט געקאנט. קיינמאל ניט איינגאנצען ביז׳ן גרונד. איצט ווערט עס מיר ביסלעכווייז קלאר.

ע ל י ד א: דערפאר טאקע מוזטו מיך פריילאזען! מוזט מיך אבבינדען פון יעדער שיכות צו דיר און דיין הויז. איך בין ניט די, פאר וועלכער דו האסט מיך געהאלטען. איצט זעהסט עס דאך אליין. איצט קענען מיר זיך צושיידען אין איינינקייט — און אין פרייוויליגקייט.

וו א נ ג ע ל (אומעטיג): עס וואלט אפשר געווען דאס בעסטע פאר אונז ביידען — ווען מיר זאלען זיך צושיידען. — און דעננאך — איך קען ניט! דו ביזט פאר מיר דאס שרעקליכע, על־לידא. אבער שטארקער איז אין דיר — וואס עס ציהט צו.

ע ל י ד א: רעכענסטו?

וו א נ ג ע ל: לאמיר זעהען אריבערצוקומען דעם טאג מיט איבערלעגונג, מיט א פאלקאמען רוהיגען געמיטה. איך טאר דיך היינט ניט פריילאזען און ניט אבלאזען. איך האב אויף דעם קיין רעכט ניט — קיין רעכט ניט פון דיינטוועגען אליין, עללידא. איך נעהם מיר דאס רעכט און האלט עס פאר מיין פליכט דיך צו בע־שיצען.

ע ל י ד א: בעשיצען? אנטקעגען וואס דארף מען דא בע־שיצען? מיר דראהעט דאך ניט קיין גראבע געוואלט פון דרויסען. דאס שרעקליכע ליעגט טיעפער, וואנגעל! דאס שרעקליכע — דאס איז דאס דאזיגע ציהען און צויבערן אין מיין אייגענעם געמיטה. און וואס קענסטו ווירקליך טהאן געגען דעם?

וו א נ ג ע ל: איך קען דיר שטארקען און העלפען זיך שטע־לען אנטקעגען.

ע ל י ד א: יא — אין דעם פאל, ווען איך זאל וו ע ל ע ן זיך שטעלען אנטקעגען.

וו א נ ג ע ל: ווילסטו דען דאס ניט?

ע ל י ד א: אך, גראד דאס ווייס איך דאך אליין ניט!

װ א נ ג ע ל: הײנט װעט אלעס ענטשײדעט װערן, ליעבע עללידא —

ע ל ל י ד א (אױפגערעגט): יא, בעדענק נור! די ענטשײדונג איז אזױ נאָהענט! די ענטשײדונג פאר'ן גאנצען לעבען!

װ א נ ג ע ל: — און מארגען —

ע ל ל י ד א: יא, מאָרגען! איך װעל דאן אפשר האָבען פערלארען מײן ריכטיגע צוקונפט!

װ א נ ג ע ל: דײן ריכטיגע — ?

ע ל ל י ד א: א לעבען אין פרײהײט, א פאלקאם, גאנצעס לעבען פערלארען — פערלארען פאר מיר! און אפשר אויך פאר איהם.

װ א נ ג ע ל (שטיל, נעהמט זי פאר'ן האנד) עללידא — ליעבסטו אט דעם פרעמדען?

ע ל ל י ד א: אויב איך ליעב איהם — ? אך, װאס װײס א י ך? איך װײס נור, אז ער איז פאר מיר פול מיט דאס שרעקליכע, און אז —

װ א נ ג ע ל: — און אז — ?

ע ל ל י ד א (רײסט זיך לויז): — און אז איך פיהל, װי איך װאלט געהערען צו איהם.

װ א נ ג ע ל (לאָזט אראָב דעם קאָפּ): איצט פאנג איך אָן מעהר און מעהר צו פערשטעהן.

ע ל ל י ד א: און װאָס פאר א מיטעל האָסטו געגען דעם? און קענסטו מיר אָן עצה געבען?

װ א נ ג ע ל (קוקט זי אָן מיט א שװערען געמיטה): מאָרגען — װעט ער זײן אװעקגעפאהרען. דאן װעט דאס אומגליק זײן אויסגעמיטען. דאן בין איך בערײט דיך פרײ צו מאכען און לאָזען געהן. מיר װעלען מאכען אוים מסחר, עללידא.

ע ל ל י ד א: אך, װאנגעל — ! מארגען — װעט דאך שוין זײן צו שפּעט — !

װ א נ ג ע ל (קוקט ארײן אין גארטען): די קינדער! די

קינדער — ! לאָמיר זיי וועניגסטענס שאַנעווען — פאַר אַ ווײַלע נאָך.

עס זעהען זיך אין גאָרטען אַרנהאָלם, הילדע און לינגסטראַנד. לינג־סטראַנד נעהמט אבשייד אונטען און געהט אוועק לינקס. די איבריגע גע־הען אין שטוב.

אַ ר נ ה אָ ל ם : נו, איך זאָג אייך, מיר האָבען דאָ אויסגע־קלערט גרויסע פּלענער —

ה י ל ד ע : מיר ווילען היינט אבענד ארוים אויפ׳ן פיאָרד און —

ב אָ ל ע ט ע : ניין, ניט אויסזאגען !

וו א נ ג ע ל : מירביידע האָבען דאָ אויך אויסגעקלערט פּלענער.

אַ ר נ ה אָ ל ם : אַה — ווירקליך ?

וו א נ ג ע ל : מאָרגען וועט עלידאַ פאָהרען קיין שאָלדוויקען פאַר אַ געוויסער צייט.

ב אָ ל ע ט ע : אוועקפאָהרען — ?

אַ ר נ ה אָ ל ם : זעהט איהר, דאס איז זעהר קלוג, פרוי וואַנ־געל.

וו א נ ג ע ל : עלידאַ וויל צוריק אהיים. אהיים צום ים.

ה י ל ד ע (שפּרינגט צו צו עלידאַ) : געהסט אוועק ! געהסט פון אונז אוועק ?

ע ל י ד א (דערשראָקען) : וואס איז, הילדע ! וואס איז דער מעהר ?

ה י ל ד ע (בעהערשט זיך) אַך, גאָרנישט. (אין דער שטיל, קעהרט זיך אב פון איהר) נור געגאַנגען !

ב אָ ל ע ט ע (אנגסטיג) : פּאַפּאַ — איך זעה אויף דיר — דו געהסט מיט — אין שאָלדוויקען !

וו א נ ג ע ל : ניין, געוויס ניט ! איך וועל אפשר פערברייננ־גען דאָרטען ווען עס איז אַמאָל —

ב אָ ל ע ט ע : און דאָ ביי אונז — ?

וו א נ ג ע ל : דאָ וועל איך אויך פערברייננגען —

באַלעטע: ווען עס איז אמאָל, יאָ!

וואַנגעל: מיין ליעב קינד, עס מוז אזוי זיין. (ער געהט ארויס פון צימער.)

אַרנהאָלם (זאגט צו איהר אין דער שטיל): מיר וועלען נאָך רעדען שפעטער, באָלעטע.

ער געהט צו וואנגעל'ן. זיי רעדען אין דער שטיל צוזאמען הינטען ביי דער טיר.

עללידא (ניט הויך, צו באָלעטע'ן): וואס איז דאס גע־ווען מיט הילדען? זי האָט אויסגעזעהן אזוי צורודערט.

באַלעטע: האָסטו ניט געמערקט נאָך וואס הילדע האָט טאג איין טאָג אוים געדורשט?

עללידא: געדורשט?

באָלעטע: פון דער מינוט אָן, וואס דו ביזט געקומען דאָ אין הויז.

עללידא: ניין, ניין — נאָך וואס דען?

באָלעטע: נאָך איין איינציגען צערטליכען וואָרט פון דיר.

עללידא: אה — ! אפשר קען איך דאָ געפינען פאר מיר אן אויפגאבע?

זי כאַפּט זיך פאר'ן קאָפּ מיט די הענד און קוקט אונבעוועגליך פאַר זיך, אזוי ווי עס וואָלטען אין איהר דורכגעלאָפען שטרייטענדע געדאנ־קען און שטימונגען.

וואנגעל און ארנהאָלם קומען דורכ'ן צימער דורך פאָרינט רעדענדיג שטיל. באָלעטע געהט נאָך רעכטס און קוקט אריין אין צימער אָן א זייט. דאן מאכט זי אויף די טיר.

באָלעטע: ליעבער פאפא — עס איז געגרייט — אויב דו —

וואַנגעל (צווינגט זיך צו בעהערשען): אזוי, מיין קינד? דאָס איז רעכט. קומט, ארנהאָלם, לאמיר אריין און נעהמען אן אב־שיידס־טרונק מיט — מיט דער „פרוי פון ים". (זיי געהען צו דער טיר רעכטס.)

פינפטער אקט.

דער אבגעלעגענער טייל פון וואנגעל'ס גארטען ביים קאראשען־טייך. עס ווערט טונקעלער אין אבענד.

ארנהאלם, באלעטע, לינגסטראנד און הילדע אין א שיפעל; שיפען זיך מיט'ן רודער ארויף, פערביי דעם ברעג לינקס.

הילדע: זעהט, מיר קענען דא גאנץ בעקוועם ארויסשפרינגען אויפ'ן ברעג!

ארנהאלם: ניין, ניין טהוט דאס ניט!

לינגסטראנד: איך קען ניט שפרינגען, פרייליין.

הילדע: איהר, ארנהאלם, קענט אויך ניט שפרינגען?

ארנהאלם: איך וואלט בעסער ניט געשפרונגען.

באלעטע: דאן לאמיר זיך אבשטעלען דא הינטען ביי דער טרעפ פון באד־הויז. (זיי שיפען זיך ארויס מיט'ן רודער נאך רעכטס.)

אין דערזעלבער צייט זעהט זיך באלעסטעד רעכטס אויפ'ן פוס־וועג. ער טראגט נאטען־ביכער און א וואלד־הארן. ער גריסט די וואס זיצען אין שיפעל, דרעהט זיך אום און רעדט מיט זיי. מען הערט די ענטפערן ווי זיי קומען אלץ מעהר פון ווייטען.

באלעסטעד: וואס זאגט איהר? — יא, געוויס איז דאס פון וועגען דעם ענגלישען דאמפער; דען היינטיגס יאהר איז עס דאס לעצטע מאל וואס ער קומט. — אבער אויב איהר ווילט נאך עפעס פערכאפען פון דער מוזיק, מוזט איהר זיך ניט לאנג זאמען. (שרייט:) וואס? (שאקעלט מיט'ן קאפ) פערשטעה ניט, וואס איהר זאגט!

עללידא טרעט אויף, בעגלייט פון וואנגעל, מיט איהר שאל אויפ'ן קאפ.

וואנגעל: אבער ליעבע עללידא — איך פערזיכער דיר, עס איז נאָך דאָ גענוג צייט.

עללידא: ניין. ניין — ס'איז ניטא קיין צייט! ער קען קומען יעדען אויגענבליק.

באלעסטעד (דרויסען ביים גאָרטען־צוים): אָה, גוטען אבענד, הערר דאקטאר! גוטען אבענד, מאדאם!

וואנגעל (דערזעהט איהם): אָך, דאָס זייט איהר? וועט מען געבען מוזיק היינט אבענד?

באלסטעד: יא. די מוזיקאלישע געזעלשאפט וויל עפּעס געבען רעכטס. איצט אין סיזאָן פעהלען ניט קיין פייערליכע געלע־גענהייטען. היינט וועט עס זיין לכבוד דעם ענגלענדער.

עללידא: דעם ענגלענדער? זעהט זיך שוין ווי ער קומט?

באלעסטעד: נאָך ניט. אבער ער קומט דאָך אריין פון לאנד דורכגעהענדיג צווישען די אינזלען. ער קומט אָן מיט איין מאָל איידער מען האָט צייט זיך ארומצוקוקען.

עללידא: יא, דאס איז ריכטיג אזוי.

וואנגעל (האלב געווענדט צו עללידא): היינט איז זיין לעצטע רייזע. דאן קומט ער שוין ניט מעהר.

באלעסטעד: א טרויעריגער געדאנק, הערר דאקטאר. אבער דערפאר ווילען מיר טאקע, ווי געזאגט, איהם אָנטהאָן דעם כבוד. אך יא, אך יא! די פרעהליכע זומער צייט געהט שוין באלד אוועק. „פערפראָרען זיינען באלד די וואסער־זונדען אלע", ווי עס שטעהט אין דער טראגעדיע.

עללידא: פערפראָרען זיינען זיי, די וואסער־זונדען אלע — יא.

באלעסטעד: אָן אומעטיגער געדאנק. אט זיינען מיר געוועזען פאר וואָכען און מאָנאטען דעם זומער'ס פרייע קינדער. עס איז שווער זיך צו צוגעוועהנען צו די טונקעלע טעג. צום ווענינגסטען אין אָנפאנג. דען די מענשען קענען זיך אלקי — א — אקלימאטי־

זירעַן, פרוי וואנגעל. יא, דאס קענען זיי. (ער פערנייגט זיך און געהט ארויס לינקס.)

ע ל י ד א (קוקט ארויס אויפ׳ן פיאַרד): אך, אט די שרעק־ליכע שפאַנונג! אט די קלעמענדע לעצטע האלב שטונדע פאר דער ענטשיידונג.

וו א נ ג ע ל: איז עס בעשלאסען, אז דו ווילסט אליין מיט איהם רעדען?

ע ל י ד א: איך מ ו ז אליין מיט איהם רעדען. ווארים איך מוז זיך דאך אויסקלייבען מיט מיין אייגענעם פרייען ווילען.

וו א נ ג ע ל: דו קענסט זיך ניט אויסקלייבען, עלידא. דו ט אַ ר ס ט ניט אויסקלייבען. דו טאַרסט ניט — צוליעב מיר.

ע ל י ד א: דו קענסט מיין אויסקלייבען שוין קיינמאָל ניט פערהינדערן. ניט דו, ניט ווער עס איז אנאנדערער. דו קענסט מיר פערבאָטען צו געהן מיט איהם — לעבען מיט איהם — אין פאַל אויב איך וועהל אזוי אוים. דו קענסט מיך דא האלטען מיט גע־וואלט, אנטקעגען מיין ווילען. — דאס קענסטו. אבער מיין וועה־לען — מיין וועהלען אין די טיעפעניששען פון מיין הארצען — מיין וועהלען איהם און ניט דיך — אויב איך זאל אזוי וועלען און מוזען וועהלען — דאס קענסטו ניט פערהינדערן.

וו א נ ג ע ל: ניין, דא ביזטו גערעכט. דאס קען איך ניט פערהינדערן.

ע ל י ד א: און דאן, וואו זאל איך נעהמען די קראפט זיך אנטקעגען צו שטעלען? דאַ אין הויז איז ניטא דאס מינדעסטע, וואס זאל מיך צוציהען און האלטען. איך האָב דאך ניט אנגעהויבען זיך איינצו־וואקסען אין דיין הויז, וואנגעל. די קינדער זיינען ניט מיינע. איך מיין, זייערע הערצער געהערן ניט צו מיר. זיי האָבען קיינמאָל ניט געהערט צו מיר. — ווען איך געה אוועק—דאס הייסט, אין פאל אויב איך זאל אוועקגעהן — ענטוועדער היינט מיט איהם, אדער מארגען נאָך שאָלדוויקען — האָב איך אפילו ניט קיין שליסעל אבצוגעבען, קיין נויטיגע זאך אנצוזאגען, קיין האָר ניט. אט אזוי לגמרי גאר קיין ווארצעל ניט געלאזען אין דיין הויז. אט אזוי גאר

אָהן אַ צוזאַמענהאַנג מיט די איבעריגע בין איך געווען פון דער ערשטער מינוט אָן.

וואַנגעל: דו האָסט אַליין אַזוי געוואָלט.

עלידא: ניין, דאָס איז ניט אַזוי. ניט איך האָב דאָס געוואָלט, און ניט איך האָב דאָס ניט געוואָלט. איך האָב נור גאַנץ איינפאַך אַלץ אַזוי געלאָזען, ווי איך האָב עס געפונען דעם טאָג, וואָס איך בין געקומען. דו, ניט קיין אַנדערער, האָסט אַזוי געוואָלט.

וואַנגעל: איך האָב געדענקט, אַז אַזוי וועט פאַר דיר בעסער זיין.

עלידא: אַך יאָ, וואַנגעל, דאָס ווייס איך גאַנץ גוט. אָבער איצט מוזען מיר בעצאָהלען דערפאַר; עס איז זיך נוקם אָן אונז. וואָרים איצט קוק איך זיך אַרום אומזיסט צו געפינען אַ קראַפט וואָס זאָל מיך דאָ האַלטען — אַ שטיצע, אַ הילף, אַ געפיהל, וואָס זאָל מיך צוציהען צו דעם אַלעם, וואָס האָט געזאָלט זיין אונזערביידענס טייערסטער אוצר.

וואַנגעל: דאָס זעה איך טאַקע איצט איין, עלידא. און דעריבער זאָלסטו פון מאָרגען אָן צוריק האָבען דיין פרייהייט. פון דאַן אָן זאָלסטו מעגען פיהרען דיין אייגענעם לעבען.

עלידא: אַט דאָס רופסטו מיין אייגען לעבען! אַך ניין, מיין אייגען, ריכטיג לעבען איז אַוועק אויף אַ פאַלשען וועג, זינט איך האָב עס פעראייניגט מיט דיינעם. (דריקט די פויסטען אין אַנגסט און אונרוה.) און איצט — היינט ביי נאַכט — אין אַ האַלבע שטונדע — קומט ער, וועמען איך האָב אין שטיך געלאָזען — דער מאַן, אָן וועמען איך האָב געדאַרפט געטריי זיך פעסטהאַלטען, אַזוי ווי ער האָט זיך אָן מיר פעסט געהאַלטען! איצט קומט ער און בעט מיר אָן — צום איינציגען און לעצטען מאָל — די געלעגענ־הייט אנצוהויבען דאָס לעבען פון דאָס ניי — מיין אייגען, ריכטיג לעבען — דאָס לעבען וואָס שרעקט אָב און ציהט אויך צו — פון וועלכען איך קען זיך ניט ענטזאָגען. ניט מיט מיין אייגענעם פריי־ען ווילען!

װאַנגעל: דעריבער טאקע איז עס נויטיג, אז דיין מאַן, װעלכער איז צו דערזעלבער צייט אַ דאקטאר — זאָל דיר ניט לאָזען ענטשיידען, און זאָל האַנדלען פאַר דיר.

עללידאַ: יאַ, װאַנגעל, איך פערשטעה דאָס גאַנץ גוט. אָה, גלויב מיר, עס גיט אָפט אַזױנע מאָמענטען װען איך פיהל, אַז איך װאָלט געװיס געהאַט פריעדען און רעטונג, װען איך װאָלט געקענט זיך בעהאַלטען אינעװעניג ביי דיר אין דיין נשמה — װען איך װאָלט געקענט זיך אַנטקעגען שטעלען די מעכטער, װאָס ציהען צו און שרעקען אָב. אָבער איך קען דאָס ניט. ניין, ניין — איך קען ניט!

װאַנגעל: קום, עללידאַ — לאָמיר אַביסעל אַרומשפּאַצירען צוזאַמען.

עללידאַ: איך װאָלט עס זעהר גערן װעלען. אָבער איך געטרוי זיך ניט. װאָרים ער האָט דאָן געזאָגט, איך זאָל דאָ אויף איהם װאַרטען.

װאַנגעל: קום נור. דו האָסט נאָך גענוג צייט.

עללידאַ: דענקסטו אַזוי?

װאַנגעל: נאָך מעהר װי גענוג, זאָג איך דיר.

עללידאַ: נו, דאַן לאָמיר געהן אַביסעל.

זיי געהען אַרויס אין פאָדערגרונד רעכטס. אין דעמזעלבען אויגענבליק דערזעהט מען אַרנהאָלם און באָלעטע ביים אויבערשטען ברעג פון טייך.

באָלעטע (בעמערקט װי זיי געהען אַװעק): זעהט נור—!

אַרנהאָלם (אין דער שטיל): פּסט, — לאָזט זיי נור געהן.

באָלעטע: קענט איהר בעגרייפען, װאָס עס קומט פאָר צװישען זיי פאַר די לעצטע עטליכע טעג?

אַרנהאָלם: האָט איהר עפּעס בעמערקט?

באָלעטע: נאַ, צי איך האָב בעמערקט!

אַרנהאָלם: װאָס, עפּעס אויסערגעװעהנליכעס?

באָלעטע: אָה, יאַ, אייניגעס. און איהר ניט?

אַרנהאָלם: יאַ, איך װייס ניט װי איך צו זאָגען —

באַלעטע: נו, נו! איהר ווילט נור ניט ארויסגעהן מיט דער שפּראַך.

ארנהאָלם: איך גלויב, אז די קליינע רייזע, וואס אייער שטיפמוטער מאכט, ועט איהר גוטס טהאָן.

באַלעטע: איהר מיינט אזוי?

ארנהאָלם: יא, מיר דאכט אז עס וואלט פאר אייך אלע־מען געוועזן גוט, ווען זי פאהרט אוועק אויף א ווילע פון צייט צו צייט.

באַלעטע: אויב זי וועט אוועקפאהרען מארגען צו איהר אלטער היים אין שאַלדוויקען, וועט זי אודאי שוין קיינמאָל זיך ניט אומקעהרען צוריק צו אונז.

ארנהאָלם: אבער, ליעבע באלעטע, פאר וואס דענקט איהר עפּעס אזוי?

באַלעטע: איך בין פעסט איבערצייגט דעריין. איהר ווארט נור! איהר וועט זעהען — זי קומט ניט צוריק. ווענינגס־טענס, ניט אזוי לאנג ווי איך און הילדע זיינען אין הויז.

ארנהאָלם: אויך הילדע?

באלעטע: נו, מיט הילדע'ן וואלט עס אפשר נאך מיטגע־גאנגען; זי איז דאָך נאָך א קינד, און איך גלויב, אז אין גרונד הארצען פערגעטערט זי עללידא'ן. אבער מיט מיר, זעהט איהר, איז עפּעס אנדערש. א שטיעפמוטער וואס איז ניט פיעל עלטער פאר דער שטיעפטאכטער —

ארנהאָלם: ליעבע באַלעטע — וואָס אייך בעטרעפט, איז די צייט שוין מעהר ניט ווייט, ווען איהר וועט מוזען פערלאזען דאס הויז.

באַלעטע (לעבהאפטיג): אזוי? דענקט איהר! איהר האָט אלזא שוין גערעדט מיט פּאפּא וועגען דעם?

ארנהאָלם: דאס האָב איך אויך געטאָן, יא.

באַלעטע: נו, און וואס האָט ער געזאגט?

ארנהאָלם: ה'ם, אייער פאטער איז די טעג געווען שטארק בעשעפטיגט מיט אנדערע געדאנקען.

באַלעטע: יאַ, יאַ, דאָס האָב איך דאָך שוין פריהער געזאָגט.

ארנהאָלם: דאָך האָב איך פון איהם אַזויפיעל ארויסגעקריגען, אַז אויף שטיצע פון זיין זייט וועט איהר קוים קענען רעכנען.

באַלעטע: ניט קענען —?

ארנהאָלם: ער האָט מיר גאַנץ דייטליך ערקלערט זיינע פערהעלטניסען, און מיינט אַז אַזאַ פאַרערונג איז פאַר איהם איצט אַ זאַך פון אונמעגליכקייט.

באַלעטע (מיט פארוואורף): און איהר האָט נאָך געקענט האָבען אַ האַרץ צו מאַכען שפּאַס פון מיר און זאָגען, אַז איך וועל דאָ לאַנג ניט פערבלייבען.

ארנהאָלם: דאָס האָב איך גאַנץ געוויס ניט געטאָן, ליעבע באַלעטע. עס הענגט אינגאַנצען אָב פון איך אליין — צי איהר ווילט פון דאַנען אַוועקגעהן, צי ניין.

באַלעטע: וואָס הענגט אָב, זאָגט איהר, פון מיר אליין?

ארנהאָלם: צי איהר ווילט אַרויסגעהן אין דער וועלט און לערנען אַלץ וואָס אייער האַרץ גלוסט. צי איהר ווילט נעהמען אַ טייל אין דאָס, נאָך וואָס איהר בענקט אַזוי זיצענדיג דאָ. צי איהר ווילט לעבען אונטער פריינדליכערע בעדינגונגען, באַלעטע. וואָס דענקט איהר פון דעם?

באַלעטע (קלאַפּט צונויף די הענד): אַך, דו גרויסער גאָט —! דאָס איז דאָך אבער גאַר אינגאַנצען אונמעגליך. ווייבאַלד פּאַפּאַ וויל ניט און קען ניט, איז — . ווארים איך קאָן דאָך זאָנסט קיין איינציגען לעבעדיגען מענשען, צו וועמען איך זאָל זיך קענען ווענדען.

ארנהאָלם: און ווי איז אויב אייער אַלט — אייער פריהערדיגער לעהרער וואָלט אייך אַנגעבאָטען הילף — וואָלט איהר זיך קענען בעשליסען דאָס אַנצונעהמען?

באַלעטע: איהר, הערר אַרנהאָלם! איהר וואָלט —?

ארנהאָלם: אייך העלפען? יאַ, פון גאַנצען האַרצען.

מיט ראטה און טהאט. איהר קענט עס מיר גלויבען. — איהר נעהמט עס אָן? הא? איהר געהט איין דערויף?

ב אָ ל ע ט ע: א פראגע צי איך געה איין דערויף? אוועק־געהן פון דער היים — זעהן א וועלט — לערנען עטוואָס רעכטס! אלץ וואָס איז גרויס און שעהן און וואָס עס האָט מיר אויסגעוויזען אזוי אונמעגליך צו פערווירקליכען — !

א ר נ ה אָ ל ם: יא, דאָס אלעס קען איצט ווערען פאר אייך א ווירקליכקייט. ווען א י ה ר זאָלט נור וועלען.

ב אָ ל ע ט ע: און צו אָט דעם אונערהערטען גליק ווילט איהר מיר פערהעלפען! אך, — אָבער זאָגט מיר נור — קען איך אָננעה־מען אזא אָפּפער פון א פרעמדען מענשען?

א ר נ ה אָ ל ם: פון מיר קענט איהר דאָס שוין אָננעהמען, באָלעטע. פון מיר קענט איהר אלעס אָננעהמען.

ב אָ ל ע ט ע (כאַפּט אָן זיינע הענד): יא, מיר ווילט זיך כמעט גלויבען אז איך קען עס! איך וויים ניט ווי אזוי, אָבער — (אימפּולסיוו) אָה, איך וואָלט געקענט צוגלייך לאכען און וויינען פאר פרייד! פאר גליקליכקייט! אך — וועל איך, הייסט עס, נאָך אלעם דעם דאָך אויף אַן אמת קענען לעבען. און איך האָב שוין גענומען מורא האָבען, אז איך וועל מוזען אויפגעבען די האָפנונג אויפ׳ן לעבען.

א ר נ ה אָ ל ם: וועגען דעם דארפט איהר מעהר קיין מורא ניט האָבען, ליעבע באָלעטע. אָבער איצטער מוזט איהר מיר גאנץ אפענהערציג זאגען, צי איהר האָט עפּעס — וואס ניט איז — וואס האלט אייך דאָ צוגעבונדען?

ב אָ ל ע ט ע: וואָס האלט מיך צוגעבונדען? ניין — גאָר־נישט.

א ר נ ה אָ ל ם: ווירקליך גאָרנישט?

ב אָ ל ע ט ע: ניין, גאָרנישט. דאָס הייסט — פּאַפּאַ האלט מיך געוויסערמאסען צוגעבונדען. און הילדע אויך. אָבער —

א ר נ ה אָ ל ם: נא — אייער פאָטער מוזט איהר דאָך סיי ווי סיי פריהער אָדער שפּעטער פערלאָזען. און הילדע וועט דאָך

אויך אמאָל אין לעבען געהן איהר אייגענעם וועג. דאָס איז אלזאָ נור א פראגע פון צייט, מעהר גאָרנישט. און אויסער דעם, הייסט עס, איז ניטאָ וואָס עס האלט אייך צוריק, באַלעטע? קיין בעצי־הונג פון וואָסער עס איז סאָרט?

ב אַ ל ע ט ע: ניין, קיין זאך ניט. וואָס בעטרעפט אזוינע זאכען, וואָלט איך שוין געקענט פאָהרען וואו עס זאָל זיך ניט מאכען.

א ר נ ה אָ ל ם: נו גוט, אויב דאָס איז אזוי, ליעבע באַלעטע — דאן וועט איהר פאָהרען מיט מיר.

ב אַ ל ע ט ע (פאַטשט מיט די הענד): אך, גאָט אין הימעל — וואָס פאר א גליק זיך דאָס פאַרצושטעלען!

א ר נ ה אָ ל ם: ווארים איך האָף, אז איהר האָט צו מיר א פולען צוטרויען.

ב אַ ל ע ט ע: יא, געוויס האָב איך צו אייך צוטרויען!

א ר נ ה אָ ל ם: און איהר האָט, אלזאָ, קיין מורא ניט אי־בערצוגעבען זיך און אייער צוקונפט אין מיינע הענד, באַלעטע? ניט וואהר, איהר האָט קיין מורא ניט?

ב אַ ל ע ט ע: אך, געוויס ניט! פאר וואָס זאָל איך? ווי קענט איהר דאָס גאָר דענקען! איהר זייט דאך מיין אלטער לעה־רער — מיין לעהרער פון די אמאָליגע צייטען, מיין איך.

א ר נ ה אָ ל ם: ניט נור צוליעב דעם. אויף דער זייט פון דער פראגע וויל איך ניט פיעל דריקען. אָבער — נו — איהר זייט, הייסט עס, פריי, באַלעטע. עס איז ניטאָ קיינערליי בעציהונג, וואָס האלט אייך צוריק. פרעג איך אייך, אלזאָ — צי איהר זייט — צי איהר וואָלט געוועזען גענייגט — זיך פערבינדען מיט מיר אויפ'ן גאנ־צען לעבען?

ב אַ ל ע ט ע (טרעט דערשראָקען אָב צוריק): אָה — וואָס רעדט איהר!

א ר נ ה אָ ל ם: אויפ'ן גאנצען לעבען, באַלעטע. ווילט איהר ווערען מיין פרוי?

באַלעטע (האלב צו זיך אליין): ניין, ניין ניין! דאָס איז אונמעגליך! אינגאנצען אונמעגליך!

אַרנהאָלם: איז איך ווירקליך אינגאנצען אונמעגליך—?

באַלעטע: אָבער איהר קענט עס דאָך ניט מיינען ערנסט, הערר ארנהאָלם! (קוקט אויף איהם) אָדער — אפשר — האָט איהר דאָס געהאט אין זין — ווען איהר האָט זיך אָנגעבאָטען צו טהאָן פאר מיר אזויפיעל?

אַרנהאָלם: איצט הערט מיך אמאָל אויס, באַלעטע. עס שיינט איך האָב אייך זעהר איבעררואשט.

באַלעטע: אָה, ווי זאָל מיך אזא זאך ניט — פון אייך—. דאָס האָט דאָך מיך געמוזט איבעררואשען!

אַרנהאָלם: דאָס זייט איהר גערעכט. איהר האָט דאָך ניט געוואוסט — איהר האָט ניט געקענט וויסען, אז איך האָב פון אייערטוועגען אונטערנומען די רייזע אהער.

באַלעטע: איהר זייט א הער געקומען—פון מיינטוועגען?

אַרנהאָלם: געווים וועגען אייך, באַלעטע. אט דעם פריהלינג האָב איך געקריגען א בריעף פון אייער פאטער, און דארטען געפינט זיך אן אויסדרוק, וועלכער האָט מיך געבראכט אויף דעם געדאַנקען — ה'ם — אז ביי אייך איז פערבליבען מעהר ווי א פריינדשאפטליכע עראינערונג פאר אייער פריהערדיגען לעהרער.

באַלעטע: ווי האָט פאפא געקאָנט אזוי וואס שרייבען!

אַרנהאָלם: ער האָט עס טאקע גאר ניט געמיינט. אבער איך האָב דערוויילע זיך צוגעוועהנט צו דעם געדאנק, אז דא גע־פינט זיך א יונג מיידעל, וואס ווארט מיט בענקשאפט אויף מיין קומען. — ניין, אונטערברעכט מיך איצט ניט, ליעבע באַלעטע! און — פערשטעהט מיר וואויל — אויף א מאַן ווי איך, וואס איז ניט מעהר קיין יונגער בחור, מאכט אזא געדאנק — אדער אזא פאר־שטעלונג — א גאנץ שטארקע ווירקונג. עס האָט זיך געבילדעט אין מיר א לעבהאפטיגע — א דאנקבארע נייגונג צו אייך. איך האָב געפיהלט, ווי איך מוז פאהרען, אייך ווידער זעהן, אייך זא־

גען, אז איך טייל די געפיהלען, וועלכע איך האָב זיך איינגעבילדעט, אז איהר פיהלט פאר מיר.

באָלעטע: ווען איהר ווייסט אבער איצטער, אז דאס איז ניט געווען דער פאל! אז ס'איז געווען א טעות!

ארנהאָלם: דאס מאכט גאר ניט אויס, באָלעטע. אייער בילד — ווי איך טראָג איהם אין מיין הארצען — וועט אימער בע־האַלטען זיין פארב און זיין איינדרוק, וואָס די שטימונג, וועלכע איז דערוועקט געווארען דורך דעם טעות, האָט איהם געגעבען. איהר קענט עס אפשר ניט פערשטעהן, עס איז אבער אזוי.

באָלעטע: איך וואלט קיינמאָל ניט געקענט גלויבען, אז דערפון זאל עפּעס קענען ארויסקומען!

ארנהאָלם: ווען עס ציינט זיך אבער ארויס, אז ס'איז דאָך אזוי? וואס זאגט איהר איצט, באָלעטע? קענט איהר זיך ניט בעשליסען מיינע — יאָ, מיין פרוי צו ווערען?

באָלעטע: איך געפין אבער, אז עס איז א זאך פון אונמעג־ליכקייט, הערר ארנהאָלם. איהר זייט דאך מיין לעהרער געוועזען! איך קען מיר ניט פארשטעלען ווי איך וועל ווען עס איז קענען שטעהן צו אייך אין אנדערע פערהעלטניסען.

ארנהאָלם: יאָ, יאָ — אויב איהר מיינט ווירקליך, אז איהר וועט ניט קענען — דאן בלייבען אונזערע בעציהונגען דיזעל־בע וואס פריהער, ליעבע באָלעטע.

באָלעטע: ווי מיינט איהר?

ארנהאָלם: איך האַלט נאטירליך מיין וואָרט טראָץ דעם. איך וועל זעהען איהר זאלט קענען אוועקפאהרען און אנזעהן די וועלט. איהר זאלט קענען לערנען דאָס, צו וואס איהר האָט ווירקליך חשק, און לעבען אין פערזיכערטע, אונאבהענגיגע אומשטענדען. איך וועל אויך פערזיכערן אייער ווייטערע צוקונפט, באָלעטע. דען איהר וועט אימער האָבען אין מיר א גוטען, געטרייען פריינד, אויף וועלכען איהר קענט זיך פערלאָזען. איהר מעגט זיין זיכער דעריין!

באָלעטע: אך גאָט — הערר ארנהאָלם — דאס אלעס אבער איז דאך איצטער געווארען גאָר אינגאנצען אונמעגליך!

א ר נ ה אָ ל ם: איז אויך ד אָ ס אונמעגליך?

ב אַ ל ע ט ע: איהר קענט עס דאָך גאַנץ גוט אליין פער־שטעהן! נאָך דעם, וואָס איהר האָט מיר אָקאָרשט געזאָגט — און נאָך דעם ענטפער, וואס איך האָב אייך דערויף געגעבען. — אָך, איהר מוזט דאך אליין איינזעהן, אז איך קען איצט אונטער קיינע אומשטענדען ניט אָננעהמען פון אייך אזויפיעל טובות! די קלענ־סטע זאך אפילו קען איך פון אייך ניט אננעהמען, קיינמאָל ניט!

א ר נ ה אָ ל ם: איהר ווילט אלזאָ בעסער דאָ בלייבען שטע־קען ווי פריהער, און לאָזען דאָס לעבען געהן ווי עס קען?

ב אַ ל ע ט ע: אָה, עס איז שוידערליך פון דעם צו דענקען!

א ר נ ה אָ ל ם: ווילט איהר אויפגעבען אלע האָפנונגען עפּעס צו זעהען פון דער גרויסער וועלט? אויפגעבען די מעגליכ־קייט טייל צו נעהמען אין אלץ, נאָך וואס איהר שמאכט אזוי, ווי איהר אליין האָט געזאגט? וויסען אז דאס לעבען האָט אזויפיעל אונענדליכע מעגליכקייטען ,און דאך בלייבען דאָ זיצען און זיך בע־נוגענען מיט גארנישט?! איבערלעגט זיך גוט, באַלעטע.

ב אַ ל ע ט ע: יא, יא — איהר זייט גערעכט אין העכסטען גראַד, הערר ארנהאָלם.

א ר נ ה אָ ל ם: און דאן — ווען אייער פאטער וועט ווען עס איז מעהר ניט זיין מיט אייך — בלייבען שטעהן איינע אליין, הילפ־לאָז אין דער וועלט. אדער זיך אבגעבען אפשר צו אנאנדער מאַן, צו וועמען — עס קען זיין — איהר וועט אויך ניט קענען פיהלען קיין נייגונג.

ב אַ ל ע ט ע: אך יאָ — איך זעה טאקע ווי אמת דאס אלץ איז, וואס איהר זאגט. אבער טראָץ דעם —! אדער פיללייכט דאָך —?

א ר נ ה אָ ל ם (שנעל): נו, וואס?

ב אַ ל ע ט ע (קוקט אויף איהם אונענטשלאָסען): נאָך אלעם דעם, אונמעגליך איז עס ד א ך ניט — .

א ר נ ה אָ ל ם: וואס, באַלעטע?

באַלעטע: — אז איך זאָל קענען — איינגעהן — אויף דאָס, וואָס איהר האָט מיר פאָרגעשלאָגען.

אַרנהאָלם: איהר מיינט, אז איהר וועט אפשר דאָך קע־נען — ? אז איהר וועט אַלענפאלם קענען מיר פערשאפען די פרייד צו שטעהן אייך ביים זייט אלס א געטרייער פריינד?

באַלעטע: ניין, ניין, ניין! דאס קיינמאָל ניט! דאס וואלט איצט געווען גאר אינגאנצען אונמעגליך — . ניין, הערר ארנ־האָלם — דאן איז שוין בעסער איהר זאלט מיך נעהמען.

אַרנהאָלם: באַלעטע! איהר ווילט אלזאָ דאָך!

באַלעטע: יאָ, — איך גלויב — אז איך וויל.

אַרנהאָלם: איהר ווילט אלזא דאָך מיין פרוי ווערן!

באַלעטע: יאָ, אויב איהר דענקט נאָך, אז — אז איהר קענט מיך נעהמען.

אַרנהאָלם: צי איך דענק נאָך — ! (כאַפּט איהר האַנד) אַ דאַנק — אַ דאַנק, באַלעטע! וואס איהר האָט פריהער געזאגט — וואס איהר זייט צוערשט ניט געווען איינשטימיג — דאס שרעקט מיך ניט אב. אויב איך האָב נאָך איצט אויך ניט אייער גאַנץ הארץ, וועל איך עס נאָך געווינען! אַך, באַלעטע, איך וועל אייך אויף די הענד טראגען!

באַלעטע: און איך וועל זעהן די וועלט; נעהמען אנטייל אין לעבען. איהר האָט עס מיר צוגעזאגט.

אַרנהאָלם: און איך האַלט מיין וואָרט.

באַלעטע: און איך וועל קענען לערנען אַלץ, צו וואס איך האָב לוסט.

אַרנהאָלם: איך וועל אליין זיין אייער לעהרער, ווי אמאָל, באַלעטע, געדענקט איהר דאס לעצטע יאהר וואס איהר זיינט געווען מיין שילערין — .

באַלעטע: (שטיל און פערטיעפט אין זיך): דער געדאנק — אז איך בין פריי, — און אז איך קען ארויס אין דער וועלט. און זיך נישט מעהר דארפען שרעקען וועגען דער צוקונפט. ניט דארפען נאכאנאנד זיך זארגען וועגען די ארעמע הוצאה —

א ר נ ה אָ ל ם: ניין, איהר וועט קיינמאָל ניט דארפען מעהר א טראכט טהאָן וועגען אזוינע זאכען. נישט וואהר, מיין ליעבע באָלעטע — דאס איז אויך א גאנץ גוטע זאך, וואָס?

ב אָ ל ע ט ע: יא, דאס איז אזוי. דאס איז אמת און זיכער.

א ר נ ה אָ ל ם (נעהמט זי ארום): אך, איהר וועט שוין זעהן ווי געמיטליך און בעקוועם מיר וועלען זיך איינאָרדנען! און ווי גוט און פריעדליך און איינשטימיג מיר ביידע וועלען אויסקומען איינער מיט'ן אנדערן, באָלעטע!

ב אָ ל ע ט ע: יא, איך הויב אויך אָן צו —. איך גלויב אין גרונד — עס וועט געהן. (קוקט ארוים נאָך רעכטס און מאַכט זיך שנעל לויז פון איהם) אה! זאגט נור גארנישט!

א ר נ ה אָ ל ם: וואס איז דען, ליעבסטע?

ב אָ ל ע ט ע: אך, עס איז דער אָרימער יונג — (צייגט אָן) קוקט נור דארט פון הינטען!

א ר נ ה אָ ל ם: איז דאס אייער פאטער —?

ב אָ ל ע ט ע: דאס איז דער יונגער סקולפטאר. ער געהט הינטען מיט הילדע'ן.

א ר נ ה אָ ל ם: אזוי, לינגסטראנד. וואס ערגערט איהר זיך אזוי וועגען איהם?

ב אָ ל ע ט ע: אך, איהר ווייסט דאך, ווי שוואך און קרענקליך ער איז.

א ר נ ה אָ ל ם: ווען עס איז אין גאנצען ניט קיין איינבילדונג.

ב אָ ל ע ט ע: אך, ניין, עס איז שוין ריכטיג. ער וועט געווים ניט ציהען לאנג. אבער פאר איהם איז דאס אפשר דאס בעסטע.

א ר נ ה אָ ל ם: מיין ליעבע, ווי אזוי איז עס דאס בעסטע?

ב אָ ל ע ט ע: ווייל — ווייל פון זיין קונסט וועט דאך זיכער גארנישט ארויסקומען. לאָמיר געהן איידער זיי קומען אָן.

א ר נ ה אָ ל ם: הערצליך צופריעדען, מיין ליעבע באָלעטע.

הילדע און לינגסטראנד זעהען זיך ביים טייך.

הילדע: העי — העי! ווילט איהר ניט מוחל זיין ווארטען אויף אונז?

ארנהאלם: באַלעטע און איך ווילען ליעבערשט געהן עטליכע טריט פריהער. (ער און באַלעטע געהען ארוים לינקס.)

ליננגסטראנד (לאַכט שטיל): דאַ איז איצט גאַר א פערגעניגען. אלע לייט געהען פאַרוויז. אלע צוויי צוזאַמען.

הילדע (קוקט זיי נאָך). איך וואלט געקענט שווערען, אז ער ערקלערט זיך איהר אין ליעבע.

לינגסטראנד: אזוי? האָט איהר עפּעס בעמערקט?

הילדע: אה, יא. דאס איז ניט שווער — ווען מען האלט נור די אויגען אָפּען.

לינגסטראנד: אבער פריילין באַלעטע וועט איהם ניט נעהמען. דאס בין איך זיכער.

הילדע: ניין. זי געפינט אז ער האָט בעקומען א מיאוס'ן אלטען אויסזעהען. און זי דענקט אויך, אז ער וועט באלד קריגען א פּליעך.

לינגסטראנד: נו, דאָס אליין איז נאָך גארנישט. זי וועט איהם ניט נעהמען יעדענפאלס.

הילדע: פון וואנען קענט איהר דאס וויסען?

לינגסטראנד: נו, ווייל עס איז דאָ אַן אנדערער, וועמען זי האָט פערשפּראָכען אייביג צו דענקען פון איהם.

הילדע: נור צו דענקען?

לינגסטראנד: יא, אזוי לאנג ווי ער וועט דא ניט זיין.

הילדע: אך, אויב אזוי זיינט איהר עס אליין מסתמא, פון וועמען זי דארף דענקען!

לינגסטראנד: דאס קען שוין זיין.

הילדע: האָט זי דאס אייך פערשפּראָכען?

לינגסטראנד: יא, דענקט אייך — זי האָט עס מיר פערשפּראָכען. איהר דארפט איהר אבער ניט זאגען, אז איהר ווייסט עפּעס.

הילדע: אַה, גאָט זאָל היטען מיין צונג. איך בין שטיל ווי א קבר.

לינגסטראנד: איך רעכען, אז דאס איז זעהר ליעב פון איהר.

הילדע: און ווען איהר וועט זיך צוריקקעהרען אהער — וועט איהר זיך דאַן מיט איהר פערלאבען? און חתונה האָבען מיט איהר?

לינגסטראנד: ניין, דאס געהט ניט אזוי שנעל. די ערשטע יאהרען וועל איך ווענען אזא זאך נאך ניט טארען דענקען. און ווען איך וועל אמאָל זיין אזוי ווייט, דאַן וועט זי דאך שוין זיין אביסעל צו אלט פאר מיר, גלויב איך.

הילדע: אבער דאך ווילט איהר זי זאָל אייביג ווענען אייך דענקען?

לינגסטראנד: יא, ווייל דאס איז פאר מיר אזוי נויטיג. איהר פערשטעהט, פאר מיר אלס קינסטלער. און זי קען עס דאך אזוי לייכט טהאָן, ווייל זי אליין האָט דאך ניט קיין בערוף אין לע־בען. — נור פון דעסטוועגען איז דאָס זעהר ליעב פון איהר.

הילדע: איהר מיינט, אז איהר וועט קענען אנגעהן שנעלער מיט אייער ארבייט, ווען איהר ווייסט אז באלעטע געהט דאָ ארום און דענקט ווענען אייך?

לינגסטראנד: איך שטעל מיר זיך דאָס פאָר. זעהט איהר — צו וויסען, אז ערגעץ וואו אין דער וועלט איז פאראן א יונ־גע, פיינע, פערשוויגענע פרוי, וועלכע טרוימט פון איינעם אין דער שטיל טאג און נאכט — איך מיין, אז דאָס מוז זיין עטוואָס — עטוואס — איך ווייס ניט גוט, ווי איך זאָל דאס אנרופען.

הילדע: מיינט איהר ניט אפשר — עטוואס שפּאנענדעס?

לינגסטראנד: שפּאנענדעס? יא, ריכטיג. שפּאנענ־דעס — דאס מיין איך; אדער עפּעס דערגלייכען. (קוקט אויף איהר א ווייל׳ע) איהר, פריילין הילדע — איהר זיינט א קלוגע. גאר גוואלדיג קלוג זיינט איהר. ווען איך קום צוריק אהיים, דאַן וועט איהר זיין אונגעפעהר אזוי אלט, ווי איצט אייער שוועסטער. אפשר

וועט איהר אויך אזוי אויסזעהן, ווי אייער שוועסטער זעהט איצט אויס. און אפשר וועט איהר דאן אויך אזוי פיהלען, ווי א׳צט אייער שוועסטער. אזוי אז איהר וועט דאן אפשר זיין איהר און אייער שוועסטער אין איין געשטאלט, אזוי צו זאָגען.

הילדע: וואָלט איהר דאס געוואָלט?

לינגסטראנד: איך ווייס ניט ריכטיג. יא, איך גלויב כמעט. אבער איצט — פאר אט דעם זומער — איז מיר ליעבער, איהר זאָלט בלייבען איהר אליין, און אקוראט אזוי ווי איהר זייט.

הילדע: הייסט עס, אז איך געפעל אייך אם בעסטען אזוי?

לינגסטראנד: איהר געפעלט מיר זעהר און זעהר אזוי ווי איהר זייט.

הילדע: ה׳ם — זאגט מיר נור, אלס קינסטלער — געפינט איהר, אז ס׳איז שעהן, וואס איך געה שטענדיג אין העלע זומער קליידער?

לינגסטראנד: יא געוויס געפין איך, אז ס׳איז שעהן.

הילדע: געפינט איהר, אז די העלע קאלירען קליידען מיך?

לינגסטראנד: יא, העל קליידט אייך וואונדערבאר, נאָך מיין געשמאק.

הילדע: אבער זאגט מיר נור אלס קינסטלער — ווי, גלויבט איהר, וואלט שווארץ צו מיר געגאנגען?

לינגסטראנד: שווארץ, פריילין הילדע?

הילדע: יא, שווארץ פון אויבען ביז אונטען. גלויבט איהר, אז עס וואָלט געגאנגען גוט צו מיר?

לינגסטראנד: שווארץ איז אפילו אייגענטליך ניט פאר זומער צייט. איבעריגענס וואלט שווארץ אויך געגאנגען צו אייך אויסגעצייכענט. עס וואלט גראָד געפאסט צו אייער פיגור.

הילדע (קוקט פאָר זיך): גאנץ שווארץ ביז׳ן האלז. — א שווארץ קרייזעל ארום האלז — שווארצע האנדשוה — און א לאנ־גער, שווארצער שלייער הינטען ארונטער.

לינגסטראנד: ווען איהר וואלט זיך אזוי אנגעטאָן,

פריילין הילדע, וואלט איך געוואונשען צו זיין א מאלער און דארפען אָנמאָלען א יונגע, שעהנע, טרויערענדע אלמנה.

הילדע: אדער א יונגע טרויערענדע כלה.

לינגסטראנד: יא, דערצו וואלט איהר זיך נאָך בעסער פאסען. אבער איהר וואלט עס דאך ניט געטאָן, זיך אזוי קליידען?

הילדע: איך ווייס ניט אויף זיכער. אבער איך מיין, אז ס'איז שפאנענד.

לינגסטראנד: שפאנענד?

הילדע: ס'איז שפאנענד זיך דאס פארצושטעלען, יא. (צייגט אָן פלוצלונג נאָך לינקס) טהוט נאָר א קוק דאָ!

לינגסטראנד (קוקט אהין): דער גרויסער ענגלישער דאמפער! און גאנץ פאָרינט ביים בריק!

וואנגעל און עללידא זעהען זיך ביים טייך.

וואנגעל: אבער איך פערזיכער דיר, ליעבע עללידא — דו האָסט א טעות! (דערזעהט די אנדערע) אזוי? זיינט איהר ביידע דאָ? ניט וואהר, הערר לינגסטראנד, ער זעהט זיך נאָך ניט?

לינגסטראנד: דער גרויסער ענגלענדער?

וואנגעל: יא!

לינגסטראנד (צייגט אהין) אט איז ער שוין, הערר דאקטאר.

עללידא: אָה — ! איך האָב עס דאָך געוואוסט.

וואנגעל: געקומען!

לינגסטראנד: געקומען ווי א גנב ביי נאכט, קען מען זאגען. גאנץ שטיל און זאכט —

וואנגעל: געהט נור מיט הילדע'ן צום בריק. מאכט עס שנעל! זי וויל דאָך געוויס הערען די מוזיק.

לינגסטראנד: יא, מיר האָבען אקארשט געוואָלט געהן הערר דאָקטאָר.

וואנגעל: מיר וועלען אפשר קומען שפעטער. אין א פאָר מינוטען קומען מיר.

ה י ל ד ע (זאָגט שטיל צו לינגסטראנד): זיי ביידע געהען אויף פּאָרוויז.

זי און לינגסטראנד געהען אוועק לינקס דורכ'ן גאָרטען. אין דער צייט וואס עס שפּיעלט זיך אָב דאָס וויטערדיגע, הערט זיך ווייט דרויסען אויפ'ן פיאָרד מוזיק שפּיעלען.

ע ל ל י ד א: געקומען! ער איז דאָ! יא, יא — איך פיהל עס.

וו א נ ג ע ל: דו זאָלסט בעסער אריינגעהן אין הויז, עללידא. לאָז מיך אליין מיט איהם רעדען.

ע ל ל י ד א: אָה — דאָס איז אונמעגליך! אונמעגליך, זאָג איך! (לאָזט ארויס א געשריי) אָה — זעהסטו איהם, וואנגעל?

דער פרעמדער קומט פון לינקס און בלייבט שטעהן אויפ'ן פוס-וועג פון יענער זייט גאָרטען.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר (פערנייגט זיך): גוטען אָבענד. אָט בין איך ווידער דאָ, עללידא.

ע ל ל י ד א: יא, יא, יא — איצט איז געקומען די שטונדע.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: אלזאָ, ביזט פערטיג צו דער רייזע? אָדער דו ביזט ניט?

וו א נ ג ע ל: איהר זעהט דאָך אליין, אז זי איז ניט פערטיג.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: איך מיין ניט דעם רייזע-אנצוג אָדער דערגלייכען. אויך ניט די געפּאקטע קופערן. וואָס זי דאַרף האָבען אויף דער רייזע, דאָס האָב איך אלץ ביי מיר אויפ'ן שיף. א קאיוטע האָב איך שוין אויך פאר איהר בעזאָרגט. (צו עללידא'ן) איך פרעג דיך, אלזאָ: ביזטו בערייט מיט מיר צו געהן — אין פרייוויליגקייט געהן מיט מיר?

ע ל ל י ד א (מיט געבעט): אָך, פרעגט מיך ניט! זייט ניט אזא פערפיהרער!

מען הערט דעם שיף-גלאָק אויף א געוויסער שטרעקע.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: איצט קלינגט אויפ'ן שיף דאָס ערשטע מאָל. איצט מוזטו זאָגען יאָ אָדער ניין.

ע ל ל י ד א (ברעכט זיך די הענד): א בעשלום! א בעשלופ פאר'ן גאנצען לעבען! ניט קענען עס מעהר ענדערן!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: קיינמאָל ניט. אין א האלבע שטונ־דע איז שוין צו־שפעט.

ע ל ל י ד א (קוקט אויף איהם מיט שרעק און פאָרשענדיג): ווארום האָט איהר זיך אייגענטליך אזוי פעסט אָנגעבונדען אָן מיר?

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: פיהלסטו ניט אזוי ווי איך, אז מירביידע געהערן צוזאמען.

ע ל ל י ד א: מיינט איהר דאָס וועגען דעם קנין?

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: א קנין בינדט קיינעם ניט. ניט דעם מאן, ניט די פרוי. ווען איך האלט זיך אזוי פעסט אָן דיר, איז עס דערפאר, ווייל איך ק ע ן ניט אנדערש.

ע ל ל י ד א (שטיל און ציטערענדיג): פאר וואָס זיינט איהר ניט געקומען פריהער?

ו ו א נ ג ע ל: עללידא!

ע ל ל י ד א (אויפגערעגט): אך — ווי עס ציהט מיך און שלעפט און פערפיהרט — אין דאָס אונבעקאנטע אוועק! די גאנ־צע מאכט פון ים האָט זיך צוזאמענגעשפארט אין דעם איין.

דער פרעמדער קריכט אריבער דעם גאָרטען־צוים.

ע ל ל י ד א (אנטלויפט הינטער וואנגעל'ן): וואָס איז דאָס? וואָס ווילט איהר?

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: איך זעה עס — איך הער עס אָן דיר, עללידא — מ י ך וועהלסטו דאָך אם ענדע.

ו ו א נ ג ע ל (טרעט איהם אנטקעגען): מיין פרוי האָט דאָ ניט וואָס צו וועהלען. א י ך בין דאָ פאר איהר אויסצוקלייבען — און איהר צו בעשיצען! יא, צו בעשיצען! אויב איהר וועט זיך ניט פון דאנען אריבערפעקלען — דאָס לאנד פערלאָזען אום קיינ־מאָל מעהר ניט צו קומען — ווייסט איהר וואָס איהר קענט ערוואר־טען?

ע ל ל י ד א: ניין, ניין, וואנגעל! דאָס ניט!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: וואָס קענט איהר מיר טהאָן?

ו ו א נ ג ע ל: איך קען אייך לאָזען ארעטירען — ווי א פער־ברעכער! אויפ'ן שטעל! נאָך איידער איהר וועט זיך קענען ארויפכאפּען אויפ'ן שיף! ווארים איך האָב א גאנץ ריכטיגע ידיעה וועגען דעם מאָרד אין שאָלדוויקען.

ע ל ל י ד א: אָה, וואנגעל — ווי קענסטו!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר: אויף דעם בין איך געווען פאָרגע־בּרייט. און דעריבער (ער נעהמט ארויס א רעוואָלווער פון בוזים־טאש) — דעריבער האָב איך מיר פערזאָרגט דערמיט אַט.

ע ל ל י ד א (ווארפט זיך צווישען זיי ביידען) ניין, ניין — טויט איהם ניט! טויט בעסער מיך!

ד ע ר פ ר ע מ ד ער: ניט דיך, ניט איהם. וועגען דעם זאָרג זיך ניט. דאָס איז פאר מיין אייגענעם געברויך. ווארים איך וויל לעבען און שטארבען ווי א פרייער מענש.

ע ל ל י ד א (מיט אַלץ גרעסערער אויפרעגונג): וואנגעל! לאָמיך דיר זאָגען — זאָגען אז ער זאָל עס הערען! געווים קענסטו מיך דאָ האלטען! דערויף האָסטו די מאכט און די מיטלען! און דאָס ווילסטו דאָך טאקע טהאָן! אָבער מיין הארץ — מיינע געדאנ־קען — דאָס גאנצע פערפיהרערישע בענקען און בעגעהרען — דאָס קענסטו ניט שמידען אין קייטען! דאָס וועט שטרעבען און שטור־מען — ארויס אין דאָס אונבעקאנטע — צו וואָס איך בין געשאפען געוואָרען — און פון וואָס דו האָסט מיר דאָ פערשלאָסען!

ו ו א נ ג ע ל (מיט אַ שטילען שמערץ): איך זעה עס קלאָר, עללידא. טריט פאר טריט גליטשט דו זיך פון מיר ארויס. דאָס פערלאנגען נאָך דעם גרענעצלאָזען און ענדלאָזען — און נאָך דעם אונדערגרייכבארען — דאָס טרייבט דיין גייסט אם ענד אין ד'ער פינסטערניש פון דער נאכט אריין.

ע ל ל י ד א: אך יא, יא — איך פיהל עס איבער מיר — ווי שווארצע קלאנגלאָזע פליגלען!

ו ו א נ ג ע ל: אזוי ווייט דארף עס ניט קומען. קיין אנדער רעטונג איז פאר דיר ניט מעגליך. איך, וועניגסטענס, זעה ניט קיי־נע. און דעריבער — דעריבער מאך איך — אַט דאָ אויפ'ן שטעל

אוים פון דעם מסחר. — אלזאָ, איצט מעגסט זיך אויסקלייבען דיין וועג — אין פולער — פולער פרייהייט.

ע ל ל י ד א (קוקט איהם אן שטאַר אַ ווייל, אזוי ווי זי וואָלט פערלאָרען די שפּראַך) : איז עס אמת — אמת — וואָס דו זאָגסט? מיינסטו עס? — קומט עס פון דיין טיעפען הארצען?

וו א נ ג ע ל : יא—פון מיין טיעפען צו־וועהטאָגטען הארצען.

ע ל ל י ד א : און דו ק ע נ ס ט עס טהאָן? דו קענסט עס לאָזען פ א ס י ר ע ן?

וו א נ ג ע ל : יא, איך קען דאָס. איך קען עס — ווייל איך האָב דיך אזוי שטארק ליעב.

ע ל ל י ד א (שטיל און ציטערענדיג) : אזוי נאָהענט, הייסט עס, בין איך דיר געוואָרען — אזוי אינערליך נאָהענט.

וו א נ ג ע ל : דאָס האָבען די יאָהרען און דאָס צוזאמענלע־בען אזוי געווירקט.

ע ל ל י ד א (שלאָגט צוזאמען די הענד) : און איך — איך האָב דאָס גאָר ניט געזעהן!

וו א נ ג ע ל : דיינע געדאנקען זיינען געגאנגען אויף אנ־דערע וועגען. אָבער איצטער — איצט ביזטו פריי פון יעדען צו־בונד צו מיר און מיין הויז. איצט קענסטו דיין אייגען, דיין אמת לעבען וויעדער לאָזען געהן אויף זיין ריכטיגען וועג, דען איצט קענ־סטו וועהלען אין פרייהייט — און אויף דיין אייגענער פעראנט־וואָרטליכקייט, עללידא.

ע ל ל י ד א (כאַפּט זיך פאר'ן קאָפּ און קוקט שטאַר אַהינצו וואו וואַנגעל שטעהט) : אין פרייהייט און — און אויף מיין אייגענער פער־אנטוואָרטליכקייט! אויף מיין אייגענער פעראנטוואָרטליכקייט אויך? אָט אין דעם ליעגט די קראַפט פון דער פערוואנדלונג!

דער גלאָק אויפ'ן דאמפער קלינגט צום צווייטען מאָל.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר : הערסטו, עללידא! אָט קלינגען זיי צום לעצטען מאָל. אלזאָ, קום!

ע ל ל י ד א (קעהרט זיך אום צו איהם, קוקט איהם אָן און זאָגט

מיט אַ פעסטער שטים) : קיינמאָל אין לעבען געה איך ניט מיט אייך, נאָך אַט דער שטונדע.

דער פרעמדער: דו געהסט ניט!

עללידא (קלאַמערט זיך אָן וואַנגעל'ן) : אָ, קיינמאָל אין לעבען פערלאָז איך דיך ניט, פון אַט דער שטונדע אָן!

וואַנגעל: עללידא — עללידא!

דער פרעמדער: הייסט עס, אַלעס איז אויס?

עללידא: יאָ! אויס פאַר אַלע צייטען!

דער פרעמדער: איך זעה עס גוט. דאָ איז עטוואָס, וואָס איז שטאַרקער איידער מיין ווילען.

עללידא: אייער ווילען האָט שוין אויך ניט מעהר קיין מאַכט איבער מיר! פאַר מיר זיינט איהר אַ טויטער מענש — וואָס האָט זיך אומגעקעהרט פון ים. און וואָס איז ווידער אַוועק צום ים. אָבער מיך שרעקט ניט מעהר פאַר אייך. און עס ציהט און צויבערט מיך מעהר גאָרנישט.

דער פרעמדער: זייט געזונד, פרוי! (ער שפּרינגט אַריבער איבער דעם גאָרטען-צוים) פון דער מינוט אָן זיינט איהר אין מיין לעבען ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי אַן איבערגעליטענער שיפבּרוך. (ער געהט אַוועק לינקס.)

וואַנגעל (קוקט זי אָן א ווײַלע) : עללידא — דיין האַרץ איז ווי דער ים. עס האָט אַן עבבע און פלוט. פון וואַנען האָט זיך גענומען די פערוואַנדלונג?

עללידא: אַך, צי דען בעגרייפסטו ניט, אַז די פערוואַנדלונג איז געקומען — אַז די פערוואַנדלונג האָט געמוזט קומען — אין דער רגע, ווען איך האָב געקענט וועהלען אין פרייהייט?

וואַנגעל: און דאָס אונבעקאַנטע? — דאָס צויבערט און ציהט דיך ניט מעהר?

עללידא: ניט עס ציהט מיך מעהר און ניט עס שרעקט מיך אָב. איך האָב געקענט אַריינקוקען אין דאָס אונבעקאַנטע — אַריינדרינגען דאָרטען — ווען איך האָב מיין אייגענעם ווילען גע-

האט. איך האָב עס דאָך געקענט ווערלען, און דעריבער האָב איך עס אויך געקענט אויפגעבען.

וואַנגעל: איך הויב דיך אָן צו פערשטעהן — ביסלעכ־ווייז. דו דענקסט און פיהלסט אין בילדער — אין פאָרשטעלונגען, וועלכע דו קענסט זעהען. דיין בענקען נאכ'ן ים — נאָך יענעם עפּעס, וואָס האָט דיך צויבערענד אהינגעצויגען צו איהם, דעם פרעמ־דען מאן — דאָס איז געווען דער אויסדרוק פאר דעם פרייהייטס־טריעב, וואָס האָט אין דיר אויפגעוואכט און איז געוואקסען. עס איז קיין אנדער זאך ניט.

עללידא: אַך, איך ווייס ניט וואָס איך זאָל זאָגען דערצו. דו ביזט מיר אָבער געווען א גוטער דאָקטאָר. דעם ריכטיגען מיטעל האָסטו ניט נור געפונען, נור האָסט אויך געוואגט איהם צו געברוי־כען — דאָס איינציגע וואָס האָט מיר געקענט העלפען.

וואַנגעל: יא — אין דער גרעסטער נויט און געפאהר וואגען מיר, דאָקטאָרען, אזויפיעל. — אָבער איצט קומסט דאָך וויע־דער צוריק צו מיר, עללידא?

עללידא: יא, ליעבער, געטרייער וואנגעל — איצט קום איך צו דיר צוריק. איצט קען איך דאָס. דען איצט קום איך צו דיר אין פרייהייט, פרייוויליג. און אויף מיין אייגענע פעראנטוואָרט־ליכקייט.

וואַנגעל (קוקט זי ליעבליך אָן): עללידא, עללידא! אך — דער געדאנק אז מיר ביידע קענען איצט אינגאנצען לעבען איי־נער פאר'ן אנדערן —

עללידא: — און מיט געמיינשאפטליכע לעבענסעראינע־רונגען. דיינע — אזוי גוט ווי מיינע.

וואַנגעל: איא, ניט וואהר, דו ליעבע!

עללידא: — און פאר אונזערע ביידענס קינדער, וואנגעל.

וואַנגעל: פאר אונזערע, זאָגסט דו!

עללידא: וועלכע זיינען ניט מיינע אייגענע, — אָבער וועלכע איך וועל שוין זעהן צו געווינען.

וואנגעל: אונזערע—! (קושט מיט פרייד איהרע הענד) א דאנק — א גרויסען דאנק ריר פאר אט דאס ווארט!

הילדע, באלעסטעד, לינגסטראנד, ארנהאלם און באלעטע בעוויייזען זיך אין גארטען לינקס. צו דער זעלבער צייט זעהען זיך פיעלע יונגע לייט פון שטאדט און זומער געסט אויפ'ן פוס־וועג דרויסען.

הילדע (האלב אין דער שטיל צו לינגסטראנד): קוקט זיך נור איין — זי און פאפא זעהען אויס ווי חתן־כלה.

באלעסטעד (וועלכער האט עס געהערט): עס איז זור־מערצייט, מיידעלע!

ארנהאלם: (קוקט אהין צו וואנגעל און עללידא): אט געהט אב דער ענגלענדער.

באלעטע (געהט צו צום צוים): דא פון דאנען קען מען איהם זעהן אם בעסטען.

לינגסטראנד: די לעצטע רייזע דעם יאהר.

באלעסטעד: „פערפרארען זיינען די וואסער־זונדען אלע", ווי דער דיכטער זאגט. דאס איז טרויעריג, פרוי וואנגעל! און איצט פערלירען מיר איך אויך פאר א שטיקעל צייט. מארגען פאהרט איהר אוועק קיין שאלדוויקען, ווי איך הער.

וואנגעל: ניין, דערפון ווערט גארנישט. מיר ביידע האבען אקארשט ערשט אנדערש בעשלאסען.

ארנהאלם (קוקט זיי אן): אה — ווירקליך?!

באלעטע (קומט צום פארינט): פאפא — איז דאס אמת?

הילדע (צו עללידא'ן): דו בלייבסט דאך ביי אונז?!

עללידא: יא, ליעבע הילדע — אויב דו ווילסט מיך נור האבען.

הילדע (קעמפט מיט זיך צווישען וויינען און לאכען): א, — דו פרעגסט נאך — צי איך וויל —!

ארנהאלם (צו עללידא'ן): דאס איז אבער ווירקליך אי־בערראשענד —!

עללידא (שמייכעלט, דאן ערנסט): איצט בעמערקט נור גוט, הערר ארנהאלם — קענט איהר זיך דערמאנען, וואס מיר האַ־

בען געסטערן גערעדט? איז מען איינמאל געוואָרען אַ לאנד־בע־שעפענים, געפינט מען שוין ניט מעהר דעם וועג צוריק — צום ים. און אויך ניט צום ים־לעבען.

באלעסטעד: אָבער דאָס איז דאָך אקוראט אזוי ווי מיט מיין ים־פרוי.

עללידא: אונגעפעהר אזוי, — יא.

באלעסטעד: נור מיט דעם אונטערשיעד, וואָס די ים־פרוי שטארבט דערביי. די מענשען דאגעגען — זיי קענען זיך אַק־קלאַמ—אקלי—מאַטיזירען. יא, יא — איך פערזיכער אייך, פרוי וואנגעל, זיי קענען זיך אַק—קלי—מאַטיזירען!

עללידא: יא, אין פרייהייט, דאן קענען זיי דאָס, הערר באלעסטעד.

וואנגעל: און אויף דער אייגענער פעראנטוואָרטליכקייט, ליעבע עללידא.

עללידא (ראשיג, דערלאנגט איהם די האנד): אַט דאָס איז עס.

דער גרויסער דאמפער גליטשט זיך שטיל אוועק איבער'ן פיאָרד. די מוזיק קלינגט נעהענטער ביים ברעג.

ענדע.